STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05385

AMOL UN ATSIND

Morris Beckerman

Permanent preservation of this book was made possible by Herbert & Elene Solomon in honor of David Horowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אמאָל
און
אַצינד

משה בעקערמאן

אמאָל און אצינד

MORRIS BECKERMAN



Copyright © MARY ROSE FELDMAN,
Personal Representative of the late
MORRIS BECKERMAN
1971

Printed and Published by

The Narod Press, London, E.1.

פון אמאל

מיטן טאטן 13
אין שפיטאל 18
ביאלע 27
אבעשיכע — ווער איז זי 29
א ביאלער 34
המנס מפלה 37
מיין ערשטע קארעספאנדענץ צום פריינט אין פעטערבורג 40
ביי אן „אסימילאטאר" אויף חנוכה 43

פון אלץ צו ביסלעך

דער גורל פון א פליט 51
פון איילעניש קומט קיין גוטס בישט ארויס 53
ער איז שלעפעריק און זי . . . הונגעריק 57
ביים ים (אמאל און היינט) 58
שוין איינמאל א לארד!. 60
דער „מאיאר קאמוניסט" און דער לארד קאמוניסט 63
אמאל איז געווען א רעדאקטאר 65
א הונט א „דעליקוועטנ" 67
די אכטע פרינצעסין 68
א מיידל מיט א קליידל 70
א פאר הענטשקעס 72
און אדם האט קאפיטולירט 74
אן אויסלענדער אין ענגלאנד 77

א גוטער וויץ 80
וועגן סטרייקן 83
די געפאר פון שפילן שאך אין א הייסן טאג 85
זומער וואקאציע אויף דער רעוויערא 87
לאנדאנער בריוו־קאסטן און פאריזער בריוו־קעסטל 90
א ביסל פון לעבן אין ניצע 93
צאל בעאמטע 96
ווי דער „קאט ד'אזיר" האט מיך באגעגנט 97
לאנדאנער און פאריזער אויטאבוסן 99
א בריוו פון א יונגער אפטייקערין 102
ניו־יארקער סאבוועיס און פאריזער מעטראס 103
שוין ווידער קיין אמעריקע 105
רייזע איינדרוקן 108

פון אצינד

אפרים קאגאנאווסקי דער מענטש 119
אפרים קאגאנאוועסקי אין דר היים 120
יידישע זשורנאליסטיק אין לאנדאן 1913־1914 123
יהודה ביעטש ע"ה 129
וועגן יידישע ביכער אין סאוויעטן־פארבאנד 131
א בריוו פון אן עלטערמיטע צו איר פלימעניק 133
ווער זענען דאס די „נעמער" 136
פארגעסן און פארגעבן 138
קיין צוקונפט פאר יידיש 140
א זעלטענער איינפאל פון א ליטעראטור־ליבהאבער 141

א פאר ווערטער פאראויס

די קינדער פון משה בעקערמאַן ע״ה מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך פון זייער פאָטער צו דער ערשטער יאָרצייט, שטעלן זיי נישט נאָר דעם טאַטן די שענסטע מצבה, נאָר זיי זייַנען מקיים דעם לעצטן ווילן פון זיין לעבן.

אַז ער האָט נאָך אין זייַנע לעצטע 15 יאָר, — שווער אַנהאַרעווענדיק דאָ אַ לעבן־לאַנג, ווי אַ מזרח־אייראָפּעאישער עמיגראַנט מיט שער און אייזן, מיט נאָדל־פאָדעם און מיט 65 יאָר, פריי ווערנדיק פון עול־משפּחה, — זיך גענומען צו דער פעדער; וואָסער סאָציאַלער־באַנעם און שטאַרקן ווילנס־קראַפט האָט אין זיך געמוזט האָבן אַזאַ האַראַפּאַשנער מענטש.

אַ חוץ זיין שרייפטשטעלערישער אַרבעט אין זייַנע לעצטע יאָרן אין „לשון און לעבן״ און אין „די פּרעסע״ (פּאַריז) איז נאָך בעקערמאַן געווען גאָר שטאַרק טעטיק אין „פריינט פון יידיש לשון״ און אין יידישן וועלט־קאָנגרעס״.

און אַז בעקערמאַן האָט שוין גאָר פרי, שוין אין זייַנע ייִנגסטע יאָרן, געשפּירט אין זיך דעם שעפערישן ווילן אין אַ געפיל פון געזעלשאַפטלעכער אחריות און אַ טיפן קולטור־דראַנג זעען מיר פון זייַנע אויטאָביאָגראַפישע קאַפּיטלעך איבער זיין שווערע יוגנד אין זיין געבוירן שטעטל, מעזריטש, זיין משפּחה־געטרייַשאַפט. אגב: משה בעקערמאַן איז געווען דער עלטערער ברידער פון באַקאַנטן פּראָגרעסיוון עסייאיסט און קריטיקער אהרן בעקערמאַן.

די דאָזיקע קאַפּיטלעך, אַ חוץ זייער ליטעראַרישע חשיבות, זייַנען זיי פאַרן געשיכטע־שרייבער אַ נוצלעכער דאָקומענט.

נאָך איין וואָרט: דער שפּילנדיקער געפונקל פון צאַרטן הומאָר און שטילער סאַטירע אין זייַנע לייכטע סקיצן טיילמאָל זייַנען שוין לגמרי נישט פון אַן אַמאַטאָר, נאָר פון אַ זקן־ורגיל מיט שרייבערישן געפיל—ס׳שפּיגלט זיך דערין דער אָפּשיין פון באַרימטן ענגלישן „סענס אָף יומאָר״.

צום אוצר פון אונזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, אויף וויפיל אונזער יידישער ישוב דאָ איז מיטבאַטייליקט, איז אויך משה בעקערמאַנס בוך אַ בייַשטייער.

א. נ. שטענצל

ווייטשעפל, 21.6.1970

פֿון אַמאָל

משה בעקערמאַן

מיטן טאַטן

1

נאָך דעם ווי זיין פאָטער האָט אויסגעשפּיגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט און אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם פון די שווינדזיכטיקע לונגען איז דאָס צוועלף יעריקע ייִנגעלע שוין פאַרבליבן אין שטעטל, וואָס ליגט אויף דער ברעסט־ליטאָווסק — וואַרשע אײַזנבאַן ליניע, ביי זיין פעטערס א ברודער.

געקומען איז יאָסעלע צו זיין פעטער פּנחס בשעת מען האָט געבראַכט דעם פאָטער זיינעם פון א נאָנט שטעטל אין ייִדישן שפּיטאָל אַריין פון דער שטאָט מ. דאָס איז געווען די איינציקע שטאָט אין דעם געגנט צו פאַרמאָגן א ייִדיש שפּיטאָל.

ביים אוועקפירן דעם חולה פון שטעטל איז אויף די פּנימער פון אַלע באַגלייטער געלעגן די פראַגע: גאָט אַליין ווייסט צי דאָס איז שוין נישט זיין לעצטע נסיעה! ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועט שוין דער חולה־מסוכן קיין לעבעדיקער פונעם שפּיטאָל נישט אַרויסקומען. יאָסע־לען אַלס זיין נאָנטסטן האָט מען געשיקט צו אים אין זיינע געציילטע, לעצטע טעג . . . אפשר וועט עס אים זיין א שטיקל טרייסט וואָס דער קדיש זיינער געפינט זיך נאָנט לעבן אים, אפשר וועט זיך דערוועקן אין אים א וואַרעם פאָטערלעך געפיל צו יאָסעלען.

ס׳איז אָבער שווער צי גאָר אוממעגלעך זיך אַריינצוגריבלען אין די מחשבות פון א מענטשן אויפן טויטן בעט . . .

צי דאָס האָט זיך גענומען דערפון וואָס יאָסעלע — דער בכור — איז געבוירן געוואָרן בשעת דער פאָטער איז געווען אויף „סלוזשבע" צי דערפון וואָס דער פאָטער איז צוריק אַהיימגעקומען פון סמאָלענסק שוין מיט קראַנקע לונגען, נאָר דער אמת איז, אַז ביים ערשטן באַגעגעניש צווישן פאָטער און זון האָט יאָסעלע זיך באַגעגנט מיט א פּנים אָן א שמייכל, מיט אויגן וואָס זאָגן גאָרנישט, מיט הענט וואָס באַוועגן זיך נישט אפילו א גלעט צו טון א קינד אויפן קעפּל. יאָסעלע האָט זיך אין יענעם מאָמענט געפילט ווי אַן איבעריקער צווישן טאַטע־מאַמע.

אַט די דאָזיקע קאַלטקייט צו יאָסעלען האָט זיך אין משך פון די יאָרן נישט געענדערט. להיפך, זי האָט זיך נאָך בולטער אַרויסגעוויזן צו אים. און ווען ער האָט אַמאָל פון זיינער א מומע באַקומען א מתּנה א קאַיעט מיט טינט און פעדער און זיך מיט גרויס התלהבות גענומען עפּעס שרייבן פון א לערן־ביכל, האָט זיין פאָטער פּלוצלינג אָן א וואָרט א שלייַדער געטון דעם טינטער אויף דער פּאָדלאָגע. נאַטירלעך, האָט זיך דער טינט אויסגע־גאָסן, און יאָסעלע איז געבליבן אָן לשון, קוקנדיק אויף דער פּאָדלאָגע ווי דאָרט וואָלט געלעגן א מת . . . נישט קיין טינטער, נאָר זיין וועלט ממש איז דעמאָלט צעשמעטערט געוואָרן! . .

און אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען די אָרימע פאַמיליע איז באַרייכערט

געווארן מיט נאך א זון, האט יאסעל בשום אופן נישט געקענט פארשטיין פארוואס זיין פאטער ווייזט ארויס אזויפיל צערטלעכקייט און ליבשאפט צום יונגערן ברודער זיינעם.

נאר ווער אחוץ יאסעלע איז געגאנגען ברענגען דעם דאקטאר ווען דער טאטע איז אהיימגעקומען פונם סאנאטאריום אין סלאוויטע און זיך ווידער געלייגט אין בעט אריין און געגומען שפייען מיט בלוט אין א זאמד־קעסטל ביים בעט? ווער דען, אויב נישט ער, איז געגאנגען אין אנדערן שטעטל אריין ברענגען פארן טאטן אביסל פרישע יויך פונם הבינס קיך?!

דעם פאטערס פארהאלטונג צום זון האט זיך דאך נישט געבעסערט.

אט די אומאנגענעמלעכע שטימונג האט נאך ביטערער געמאכט די אט־מאספערע פון דער אהעמער היים, און די געמיטער פון גאנצן הויז־געזינט זענען געווארן נאך טרויעריקער.

דעם עול־פרנסה האט געדארפט טראגן יאסעלעס דערשלאגענע מוטער, כדי אריינצוברענגען כאטש די מינימאלסטע לעבנס־באדערפענישן אין שטוב אריין. אחוץ דעם האט זי אויסגעמיטן צו ערגערן דעם קראנקן מיט וועלכע נישט איז פראגעס. איז טאקע אט די אנגעשטרענקטע שטימונג פארבליבן אן ענדערונג ביז מען האט געשיקט דעם חולה אין יידישן שפיטאל אריין אין דער שטאט מ. ביים טייך קזשינא.

פון דער גאנצער משפחה אין שטאט איז יאסעלע געווען כמעט דער איינציקער טעגלעך צו באזוכן דעם פאטער. ס׳איז שווער צו פארשטיין ווע־מעס שולד עס איז געווען וואס די דריי ברידער האבן זיך פארהאלטן אזוי גלייכגילטיק איינער צום אנדערן. ווער ווייסט, אפשר איז עס א שטריך אזא פון דור־דורות אין די אדערן פון דער פאמיליע אדער אפשר איז עס גאר א פועל־יוצא פון יאסעלעס פאטערס באציאונג צו יאסעלען? אודאי האט עס געקענט זיין א מורא: טאמער וועט מען זיך אנשטעקן מיט דער טויט־לעכער קרענק, אויב מען וועט קומען באזוכן דעם קראנקן ברודער אין שפי־טאל . . . נאר יאסעלע איז נאך דעמאלט געווען צו יונג עס צו פארשטיין.

אמאל אין איינעם א פרייטאג־צו־נאכטס נאכן עסן האט מען יאסעלען געזאגט, אז ער וועט דארפן איבערנעכטיקן די נאכט אין שפיטאל ביים בעטל פון זיין פאטער. אינסטינקטיוו האט דעמאלט דאס ייִנגל דערפילט, אז דער חולה וועט שוין לאנג נישט אנהאלטן. א גאנצע נאכט האט ער קיין אויג נישט צוגעטון, וואכנדיק איבערן קראנקן אינם האלב־פינסטערן צימער. יעדעס מאל, ווען ער האט אים אריינגעגאסן א לעפל מילך אין מויל אריין, האט יאסעלע זיך באגעגנט מיט צוויי קלארע, בלאע אויגן, וואס האבן אויסגעזעען פרעמד אויפן אויסגעדארטן, בלוטלאזן פנים פונם קראנקן פאטער. אט די אויגן האבן זיך עפעס נישט געפאסט צו דעם האלב־טויטן קערפער.

וואלטן אבער די אויגן געקענט רעדן, וואלטן זיי אפשר יאסעלען קלאר געמאכט אסך זאכן, וואס זענען אים געווען אומפארשטענדלעך . . . זיי האבן אבער גארנישט געזאגט, אפילו קיין סימן פון טרויער אויך נישט אויסגע־

דריקט. עפעס זענען אט די צוויי אויגן געשטאנען דעם מלאך־המות ווי אביין אין האלז און פון אים חוזק געמאכט, ווי אײנער רעדט:

— כל־זמן איך האלט נאך די אויגן אפן, זענען דײנע שווארצע פליגל מאכטלאז!...

אין יענער נאכט האט זיך אין יאסעלען דערוועקט א רחמנות צו דער הילפלאזער פיגור פון זײן טאטן. וואלט ער דאך געוועון העכסט צופרידן אז דער פאטער זײנער זאל בלײבן לעבן אפילו ווען ער זאל ווײטער אים נישט ארויסווײזן קײן שום פרײנטשאפט, אבי ער זאל נישט אויסזעען ווי קײן צאנקענדיק ליכט. א לעבעדיקער טאטע איז דאך א טאטע...

ביז שפעט אין טאג ארײן יענעם שבת האט יאסעלע געוואכט איבערן פאטער, און אן אויסגעמוטשעטער פון נישט שלאפן האט ער זיך דערנאך געלאזט גײן צום פעטער איבערגעבן די לעצטע נײעס. ווען א שעה שפעטער ער איז ווידער ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ פון שפיטאל, האט מען שוין געהאלטן אין אראפטראגן דעם בר־מינן פון זײן פאטער. די פרעמדע יידן, וואס האבן זיך מתעסק געווען מיטן מת, האבן נישט געקוקט אין יאסעלעס ריכטונג, ווי דאס וואס זײ טראגן אויפן טהרה־ברעט האט קײן שייכות נישט מיט אים...

לאנג דערנאך ווי די יידן האבן פארלאזט דאס שפיטאל איז יאסעלע געשטאנען ווי צעמישט אויף די טרעפ. פלוצלינג האט ער זיך דערפילט א יתום פונקט ווי די אנדערע ייִנגלעך, וואס האבן געהאלטן אין אײן װײנען איבער א געשטארבענעם טאטן אדער מאמען.

נאך מיט א צײט פריער, אײדער יאסעלע איז געווארן א יתום, האט ער געהאט א מאמענט אין לעבן ווען ער האט געפילט ווי טרערן שטיקן אים. נאר ער האט זיך געשעמט צו װײנען, טאמער באמערקט עס עמיצער און זאגט אים, אז עס פאסט נישט פאר א ייִנגל צו טון אזא זאך. אבער איצט פילנדיק זיך אזוי עלנט דורכן טויט פון זײן פאטער איז אים אײנגעפאלן, אז ער קען זיך פארגינען צו װײנען וויפל זײן הארץ גלוסט נאר און קײנער וועט שוין פון אים נישט לאכן, ווייל מען דארף דאך האבן א הארץ פון א טאטער צו לאכן ווען א יתום וויינט!... נאר גראד ביז דעם מאמענט, ווען ער שטײט אזוי דערשלאגן אויף די טרעפ פון שפיטאל, באווײזן זיך עפעס נישט קײן טרערן אין זײנע אויגן...

לאנגזאם איז ער אוועק פון שפיטאל, לאזנדיק זיך גײן איבער די גאסן אין דער קאלטער ווינטער־נאכט צו אײנעם פון זײנע פעטערס מיט דער טרויעריקער בשורה, אז ער איז א יתום געווארן...

2

מיט אן ערך א יאר נאך זײן פאטערס טויט, האט יאסעלע זיך ווידער געפונען אין דעם זעלבן יידישן שפיטאל. נאר דאס מאל איז ער נישט געקומען עמיצן מבקר חולה זײן... אדאנק זײנע פעטערס און דעם אלטן זיידן

פון טאטנס צד, אייגער פון דער חברה־קדישא, האט מען יאסעלען, נאך אסך שתדלנות, אריינגענומען אין שפיטאל אריין אלס פאציענט.

לכתחילה האט דער פעטער פנחס, ביי וועמען ער איז פארבליבן נאכן טאטנס טויט, אים גענומען לערנען א מלאכה — שוסטעריי. דעם אמת געזאגט, איז אט די מלאכה יאסעלען נישט געווען צום הארצן. ער האט זיך געפילט אסך בעסער ווען ער פלעגט אריינקומען אין דער האלטער־פאבריק, וואו דער פעטער חיים האט געארבעט. דארטן פלעגט יאסעלע באוואונדערן די פאר־שידענע האלטערס אין זייערע פארמען און קאלירן: גלייכע, בייכיקע און אזעלכע, וואס זענען דיק ביי דער שרייב־פעדער און ענדיקן זיך מיט א שפילקע־שפיץ. דער פעטער חיים, אין דעם גרויסן כאלאט וואס איז תמיד באשאטן פון קאפ ביז צו די פיס מיט א דינעם שטויב פון דער טאקער־מאשין, פלעגט אים ארומפירן פון איין צימער אין צווייטן און ווייזן וויאזוי מען פארפערטיקט דעם האלטער, צוגרייטנדיק אים פאר דער שרייב־פען. דערפאר טאקע האט אים די מלאכה מער אינטערעסירט ווי שוסטעריי. אויך איז עס אים געווען היימישער ביים פעטער חיים אין שטוב, וואו די מומע זלאטע האט שטענדיק געהאט פאר אים א פריינטלעך ווארט און א דאר קיכל מיט א גלאז טיי, אויף די ווענט דארט זענען געהאנגען פארטרעטן פון אלע אייראפעאישע קיסרים מיטן רוסישן קיסר אין דער מיט און, להבדיל פארטרעטן פון רבנים און תלמידי־חכמים. ביים פעטער חיים האט יאסעלע זיך צום ערשטן מאל דערוואוסט, אז אחוץ דעם רוסישן קיסר איז אויך דא אן איטאליענישער, א שפאנישער, א שוועדישער און נאך און נאך אין אנדערע ווייטע לענדער.

אפילו ביים דריטן פעטער, דעם אריקסטן פון אלע, האט יאסעלע גע־פונען זאכן, וואס האבן אים אינטערעסירט. דארטן זענען געווען עפעס אזעלכע מאדנע יידישע ביכלעך, אייגס איז געווען דורכאויס מיט ציפערן און „אריפ־מעטישע זאדאטשעס" . . . דער פעטער שלמה האט תמיד ליב געהאט זיך אויסצופיינען מיט זיין „אריפמעטישער" קענטעניש! א צווייט ביכל האט באשריבן ווי די ערד באוועגט זיך, די לבנה, די זון און די זיבן „אנדערע וועלטן", אנגעהויבן מיטן מערקורי ביזן נעפטון און אסך אנדערע קאמעטן אן א צאל. ווי צוגעשמידט פלעגט יאסעלע זיך פילן צו אט די ביכלעך, וואס דער איינדרוק זייערער איז אים שוין פארבליבן אויף די שפעטערע יארן פון זיין לעבן.

אבער נישט דער פעטער חיים, נישט דער פעטער שלמה האט אים גע־קענט העלפן מאטעריעל. איז ער שוין טאקע פארבליבן ביים פעטער פנחס און זיך גענומען לערנען שוסטעריי . . .

דער פעטער פנחס האט אויך אכטונג געגעבן, אז יאסעלע זאל, חלילה, נישט פארפעלן צו גיין אין שול אריין און זאגן קדיש, דריי מאל א טאג.

נאר בין מנחה למעריב פלעגט יאסעלע שוין פארבלייבן אין שול און זיך זעצן לעבן דעם אלטן ר' יצחק דעם תהלים־זאגער, וועלכער איז, נעבעך,

געווען אויסגעדארט און אפגעריסן האט געטראגן א טוכן היטל, מיט א שמאלן דאשיק און מיט א גרויסן, פעטן פלעק אין דער מיטן. תמיד איז ער געזעסן אויפן זעלבן ארט מיטן זעלבן ספר־תהלים אויפן שטענדער, מישנדיק כסדר די בלעטער. אמאל, ווען דער תהלים איז נאך געווען ניי, האט ער געמוזט זיין אסך דינער, נאר איצט נאך אזויפיל יארן איז ער ווי געשוואלן געווארן. די אלטע, געלע בלעטער און די שווארצע, צעקנייטשטע עקן זייערע האבן זיך געהאלטן פון דער ווייטנס. ווען ניט דער רוקן, וואס האט נישט פארלוירן דעם מוט און געהאלטן די בלעטער מיט די לעצטע כחות, וואלט דער ספר תהלים שוין לאנג געלעגן צווישן בארג שימות, וועלכע וואלגערן זיך ארום אין פאליש אין די קאסטנעס.

ר׳ יצחק דער תהלים־זאגער איז געווען אזוי פארטון אין מישן כסדר די בלעטער און אין אנהויבן אויפסניי, אז ער האט קיינמאל קיין ווארט נישט אויסגערעדט צו יאסעלען. אפשר האט ער אים אפילו נישט באמערקט לעבן זיך. די אויסערלעכע וועלט האט פאר אים ממש נישט עקזיסטירט, פונקט ווי ער וואלט אראפגעשיקט געווארן אויף דער וועלט בלויז פאר דעם איינעם צוועק צו זאגן תהלים ביז מען וועט זיך אין אים דערמאנען . . .

3

אין איניקע חדשים ארום האט דער פעטער פנחס, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, געזאגט יאסעלען, אז ער איז שוין, ברוך השם, געווארן א בר־מצווה בחור און ער דארף העריבער אנהויבן לייגן תפילין!

ניין, יאסעלע האט קיין באזונדערע אנטציקונג נישט געפילט אין דעם טאג, ווען ער האט דאס ערשטע מאל אנגעטון די תפילין. עס איז געווען פונקט אזא וואכעדיקער טאג ווי אלע אנדערע טעג פון דער וואך, און די תפילין זענען אויך נישט געווען קיין נייע, קיין גלאנציקע. עס זענען געווען אלטע תפילין, מיט אפגעריבענע שיידלעך, א ירושה נאכן טאטן . . .

קיין גרויסן חילוק האט דאס לגמרי נישט געמאכט, ווייל גאר נישט לאנג נאכן אנהויבן לייגן תפילין האט יאסעלע אנגעהויבן צו קרענקען.

וואס אן אמת, האט די קרענק זיך אנגעהויבן פון א קלייניקייט: ער איז אויפגעשטאנען אין א פרימארגן און נישט געקענט אויסגלייכן דעם קאפ. איין זייט פון האלז איז ווי איינגעשרומפן געווארן און א הארטע גוליע — א געשווילעכטס — האט זיך באוויזן. יאסעלע האט נישט געוואוסט וואס מיט זיך צו טון: זאל ער עס דערציילן דעם פעטער פנחס אדער זאל ער שווייגן אוןווארטן? וואס וועט דער פנחס זאגן דערצו? וועט ער אים אהיימשיקן צו דער מאמען דער אלמנה, וועלכע קען זיך סאי־ווי קיין עצה נישט געבן מיט די צוויי קליינע קינדער? בלויז דער געדאנק אליין האט אים שוין געשראקן. ווי וועט ער דאס קענען פארטראגן דארט אין שטעטל דאס ארומ־פארן זיך פון דער ווייבער־משפחה, וואס וועלן קומען צו לויפן אנקוקן דעם יתום און שאקלען מיט די קעפ, ווישנדיק זיך די אויגן מיט די שפיץ־

פארטוכער ?

איבערהויפט האט ער נישט געקענט פארלייזן די מומע ברײנע, פון דער מאמעס צד, וואס כאטש זי איז נישט קיין פראפעסיאנעלע קלאגעריך, האט זי אבער קיינמאל נישט פארפעלט קיין אײנציקע טרויעריקע פאסירונג. טאמער איז זי אמאל געקומען אויף א שמחה, האט זי אויך דארט פארגאסן טייכן טרערן . . .

דא אבער אין דער פרעמדער שטאט האט מען בלויז געוואוסט, אז ער איז א יתום און אזוי איז ער שוין פארלוירן געגאנגען צווישן אלע אנדערע היגע יתומים, גייענדיק קדיש זאגן אין שול אדער אין אלטן בית־המדרש.

באר ווען יאסעלע האט זיך אנקדערגעזעצט אויפן נידריקן דריי־פיסיקן שוסטער־בענקעלע ביים ווארשטאט, האט דער פעטער גלייך באמערקט ווי ער האלט דעם קאפ אנגעבויגן אויף א זייט און האט אים תיכף־ומיד אוועק־געפירט צום שטאטישן ראזירער־פעלדשער.

מיינען האט מען געמיינט, אז אין משך פון עטלעכע טעג וועט עס דעם פעלדשער געלינגען יאסעלען אויסצוגלייכן דעם קאפ, אזוי, אז ער וועט קענען ווידער זיך פארנעמען מיט דער שוסטעריי און ברענגען וואסער פונם טייך. ווען אבער ס׳זענען פארבייגעגאנגען עטלעכע וואכן און די געלע מאשטש, די יאדינע און די קאטאפלאזמע האבן גארנישט געהאלפן, האט דער פעלדשער געזאגט, אז מען וועט דארפן שניידן . . . אזוי ארום האט מען עס באשלאסן יאסעלען אריינצוגעבן אין שפיטאל אריין אויף אן אפעראציע.

אט די נייעס האט אויף יאסעלען געמאכט א מאדנעם איינדרוק, ס׳איז אים ממש לייכטער געווארן אויפן הארץ. איצט האט ער געזעען פאר זיך א נייע האפנונג וויאזוי פטור צו ווערן פון דעם שוסטער־ווארשטאט. נישט איינמאל איז עס אים דאך אויסגעקומען אפצוזיצן ביים ווארשטאט ביז שפעט אין דער נאכט אריין און קלאפן הילצערנע פלעקלעך אין די זוילן און שטיפ־טן אין די אבצאסן אריין אדער וועקסעווען דראטווהעס פאר די געניייטע זוילן, און דערנאך ערשט האט ער געדארפט אויפקלויבן די שטיפטן, וואס זענען אוועקגעשפרונגען פון אונטער דעם העמערל אויף דער פאדלאגע אראפ. דערצו איז דער קאפטשעדיקער לאמפ אויפן ווארשטאט נישט געווען קיין גאר גרויסע הילף צו אזא נודנער ארבעט.

אין שפיטאל

1

דאקטאר רויזנבלום איז, פיזיאנאמיש, געווען א מאדנע צוזאמענשטעלונג פון דריי פארשידנארטיקע חלקים: פון די אקסלען ביז צו די היפטן איז עס ביי אים געווען א קאלאסאלע מאסע פעט פלייש, וואס דערפון האט דער בויך זיך גערוקט פארויס, קאליע־מאכנדיק די גראדע ליניע פון אט דעם טייל גוף; די פיס, פון די היפטן ביז צו די קנעכל, זענען ווי געגאנגען אויף צוריק.

ס'האט אויסגעזעען ווי דער בויך גייט פארויס און די פיס נאך אים . . .
אז דעם דאקטארס קערפער האט זיך באוויזן אין דער טיר פון שפיטאל, האט
איר געקאנט זיין זיכער, אז אט באלד טרעטן אויף זיינע פיס אריבער די שוועל.
אויף דעם דאזיקן מאסיקן גוף איז געזעסן א קאפ, וואס איז נישט געווען אין
איינקלאנג מיט די איבעריקע חלקים. ווי א פלעצל האט דאס פנים זיינס
אויסגעזעען און מיט א נידעריקן שטערן, די מארדע, ראזירט, האט געווארפן
א חשק, א גאמבע האט ער געהאט ווי ביי עלטערע ווייבער, וואס זיצן איבער
א צאינה־וראינה און ווייל עס פעלן זיי שוין די אונטערשטע ציינער שאק־
לען זיך זייערע גאמבעס אראפ און ארויף . . .

ווי מען קאן זיך פארשטעלן איז אט דער מאדנער קאפ, מיט צוויי קליינע
אויגן וואס האבן אכטונג געגעבן אויף דער פלאטשיקער נאז, געזעסן אויף
גאר א נידריקן האלז. דער דאקטאר האט כסדר געהויבן די אקסלען, מאכנדיק
דעם איינדרוק ווי ער וואלט זיך געטוליעט פאר קעלט אדער איז געווען אין
ספק איבער עפעס אן ערנסטן עניין, נישט קענענדיק קומען צו קיין באשלוס.

דער דאקטאר, אפילו א באוויקבטער, האט קיין קינדער נישט געהאט . . .

אחוץ ד"ר רויזנבלום איז דער שפיטאל־פערסאנאל באשטאנען פון מרדכי
פעלדשער און מאטל וועכטער. כאטש דער פעלדשער איז אליין געווען א
פוילישער ייד, וואלט עס אים אבער בעסער געפאסט צו זיין א ליטוואק.
דאס קורץ געשוירענע בערדל זיינס האט אויסגעזעען ווי א הארט־האריק
בערשטל צוגעקלעפט צו דער מארדע. פון דארטן ביז צו די פאות איז בלויז
געווען א זכר פון א בארד, א מין קאמפראמיס צווישן אן אפיקורס און א
פרומען ייד, וואס ווילט איר, איז עס יא א בארד; ווילט איר נישט, איז עס
נישט קיין בארד . . .

אויף א שמייכל, א לאך טון איז ער געווען זער קארג. טאמער איז עס
אים שוין אויסגעקומען אמאל צו לאכן, האט ער דאס געטון מיט א פארמאכט
מויל, וואס האט זיך פארבאריקאדירט הינטער א שטארקן קאסטן ציינער און
געדיכטע, קורץ־געשוירענע, הארטע וואנצעס. מרדכי פעלדשער האט זיך
געהאלטן פאר א גרויסן מומחה אין הלכות דאקטאריע, און טאמער האט
זיינס א דיאגנאז נישט געשטימט מיט ד"ר רויזנבלומס, האט ער זיך דערפון
נישט אפגעגעסן דאס הארץ, נישט אראפגעפאלן ביי זיך.

— א דאקטאר — פלעגט מרדכי טעלדשער זאגן, — קאן אויך אמאל
מאכן א טעות.

דאס ערשטע געשפרעך מיט א נייעם פאציענט פלעגט מרדכי פעלדשער
תמיד אנהויבן אויף רוסיש; דאס הייסט, ער פלעגט שיסן מיט קנאקעדיקע
רוסישע פראגן בעת דער פארשמאכטער חולה האט אים געענטפערט שטיל
אויף א וויכן פוילישן יידיש ביז ער האט צום סוף דעם פאציענט א טובה
געטון און אויך געגומען רעדן יידיש, כדי צו קריגן די ריכטיקע תשובות
אויף זיינע פראגן.

מאטל וועכטער איז פונקט געווען דער היפוך פונם פעלדשער. אים

וואלט בעסער געפאסט צו זיין א בדחן, א מעקלער, א מגיד, א שדכן צי אפילו א בעל־מוסף . . . יאסעלען האט עס זיך עפעס נישט געלייגט אויפן שכל: ווי קומט עס וואס א ייד אין די פערציקער, מיט בארד און פיאות, מיט א נישט־פארקנעפלטער קאפאטע, פון אונטער וועלכער אן ארבע־כנפות פלעגט כאפן א קוק אויף חולאים, זאל זיך פארנעמען מיט טראגן נאכט־טעפ, אויפקערן, מאכן די בעטן, דערלאנגען די קראנקע צו עסן און אנדערע ווייבערשע מלאכות. נאר שפעטער האט יאסעלע אין זיין סביבה דערשפירט אין מאטל וועכטער אן אמתן גוטן פריינט.

אין שפיטאל האט א נייע עפאכע זיך אנגעהויבן אין יאסעלעס לעבן. ביז איצט איז זיין פריע יוגנט פארפלאסן אינם ענגן משפחה־קרייז, אין חדר איז ער געווען צוריקגעהאלטן, די לאבוסעוואטע שפילערייען פון די אנדערע ייגגלעך האבן אים נישט אינטערעסירט. ער האט ליב געהאט א צייט־פארטרייב, וואס דערצו דארף מען נישט האבן קיין פיזישן כוח, ווען זיין איינציקער חבר אין חדר פלעגט זיך פאררוקן אין א ווינקל מיט שרייב געצייג, פלעגט יאסעלע נישט אפטרעטן פון אים. יענעמס שיינע האנטשריפט אין קאליגראפיע־העפט, וואס דער חבר האט מיטגעברענגט פון דער היים, האט אין יאסעלען דעמאלט דערוועקט א חשק, א פארלאנג, וועלכער האט זיך ביז איצט נישט אויסקריסטאליזירט ביי אים אין מוח. נאכקאפירן אותיות פון די ביכלעך און ספרים איז איצט געווארן זיין באליבטסטער צייטפארטרייב. ביידע חברים האבן מיט ענטוזיאזם נאך מער באשיינט די שיינע, רונדיקע אותיות, זיי אויסגעצירט מיט פינטעלעך פון ביידע זייטן, אזוי, אז זיי האבן אויסגעזעען ווי א שנירל פערל אויפן האלז פון א שיינער פרוי.

אויפן וועג פון חדר פלעגט זיך יאסעלע אפשטעלן ביי א פאפיר־געוועלב מקנא זייענדיק דעם סוחר, וואס פארמאגט אזויפיל קאיטען, בליישטיפטן, שרייב־פעדערס און פעקלעך לויז שרייב־פאפיר אין פארשידענע פארמאטן. די גרויסע בויגנס, האט אים דער חבר געגעבן צו פארשטיין, נוצט מען אויף פראשעניעס.

דער איינציקער אין דער משפחה, צו געפינען צייט פאר יאסעלען איז געווען דער זיידע פון דער מאמעס צד. אליין אן אויסגערינטער ניקאלייעווסקער סאלדאט, פלעגט ער שעהן לאנג פארברענגען מיט יאסעלען אויף זיין הימל־בעטל, וואס דארטן האט מען זיך געפילט ווי אויף א נייער וועלט נאך דעם ווי מען איז ארויפגעקראכן אויף דער לייטער און באטרעטן דאס געצעלט. דארטן האט זיך געפונען א קאלעקציע פון כל המינים שהוא: ביינערנע און הילצערנע ליולקעס, דורכגעביסענע פון זיידנס שפיציקע ציינער, מיט דעקלעך און אן דעקלעך; שרייפלעך, שטריקלעך, טשוועקלעך, בענדלעך, פארזשאווערטע שפילקעס, קנעפלעך, מטבעות, א צעבראכן זייגערל, וואס ליגט ווי געפאלמעסט, מיט ארויסגעסטארטשעטע ספרענזשינעס . . . דער זיידע האט געהאט היסטארישע דערקלערונגען אויף אלע זיינע „אנטיקן“.

צוויי מאל א יאר האט דער זיידע מיטגענומען יאסעלען אין „קאזנאט־

שייסטווא״ אפצובעמען זיין סאלדאסקע פענסיע פון זעקס און דרייסיק רובל. נאר אהיימגעבראכט האט ער בלויז דרייסיק, ווייל די איבעריקע זעקס רובל האט ער באצאלט דעם טאבאטשניק פאר דער מאכארקע, וואס ער פלעגט ביי אים נעמען אויף בארג אין צווישן, אין אזא טאג פלעגט שוין די באבע אים באגעגענען מיט א שמייכל און מיט א הייסן, געשמאקן קרופניק, עס פלעגט דעמאלט הערשן א מין יום־טוב שטימונג אין ציכטיקן צימער און אפילו די צוויי נאכגישט אויסגעגעבענע טעכטער האבן אויך פארגעסן די טאג־טעגלעכע קריגערייען איבער בחורים, מיט וועלכע זיי פלעגן גיין שפאַ־צירן, קנאקן באניעקערן און טרינקען סאדע־וואסער שבת בייטאג אין א יידיש געוועלבל, וואו די יונגע, שיינע פארקויפערין האט געהאלטן אפן די הינטער־טיר און נישט גענומען קיין געלט . . . ביים אוועקגיין אבער פלעגן די בחורים פון יעדן פארל קונציק אריינלייגן דאס געלט אין א טיש־קעסטל, וואס איז געווען עטוואס אפן און איבערגעדעקט מיט ריין, שבתדיק טישטוך . .

כאטש אויך יאסעלע האט זיך געפילט אין א געהויבענער שטימונג אין אזא טאג נאכן באטעמטן קרופניק און פריש ראזאווע ברויט, האט ער אבער קיין דירעקטע שייכות נישט געהאט מיט דער שמחה. און ווען דער זיידע נעמט אים נישט מיט, וואלט ער אין יענעם טאג קיין קרופניק אפילו נישט פארזוכט . . .

דא אבער אין שפיטאל האט יאסעלע זיך געפונען אין א גאנץ אנדערער לאגע. ניין, די אטמאספערע דא איז נישט געווען קיין יום־טובדיקע, ער אבער איז געווען דער צענטער פון אלעמענס אויפמערקזאמקייט. גאנץ פרעמדע מענטשן האבן זיך אינטערעסירט מיט זיין געזונט. מען האט זיך געפארעט ארום אים, מען האט זיך באמיט אים צו העלפן. איז דאס געווען ווייל ער איז געווען ערנסט קראנק און געוועקט רחמנות צו זיך אדער איז עס געווען צוליב דעם וואס ער איז געווען דער יונגסטער חולה דא און אזוי קליינגע־וויקסיק? דער אמת איז, אז מער ווי מיט די אנדערע חולאים האט מען זיך אינטערעסירט מיט אים; און מער ווי אלע האט מאטל וועכטער זיך מטפל געווען מיט אים, מסתמא האט אט דער פשוטער ייד, וואס פאסט זיך כלל נישט אריין אין דער ראלע פון א קראנקן־וועכטער, לגמרי נישט פארגעסן ווי ערשט נישט לאנג צוריק האט דאס קליינע, שוואכע יינגל געוואכט איבער זיין גוססדיקן טאטן איידער ער איז א יתום געווארן. ס׳קען טאקע זיין, אז דער באזונדערער אינטערעס אין יאסעלען איז ענג פארבונדן אין דער מחשבה זיינער מיטן טויט פון יאסעלעס שווינדזיכטיקן טאטן. אפשר האט זיך פאר־גנבעט א געדאנק אין מאטל וועכטערס מוח, אז אט דער ארימער יתום האט, נעבעך, געירשנט דעם פאטערס טויטלעכע חולאת און דערפאר לאזט עס אים נישט זיין קאלט־בלוטיק צו יאסעלען.

2

נאך יעדער ״אפעראציע״ און כלאראפארם פלעגט אים מאטל וועכטער

נעמען טרייסטן, אז דאס איז שוין די לעצטע אפעראציע און אז אין גיכן וועט ער קענען אהיימגיין. אודאי האט דער גוט־הארציקער ייד געהאט א גוטע כוונה מיט אט די רייד, אבער אויף יאסעלען האבן זיי געמאכט א פארקערטן איינדרוק. דאס ווארט „היים" האט ביי אים נישט ארויסגערופן קיין שטימונג פון פרייד . . . וועלכע היים ? אין דער קאלטער שטוב ביי דער מאמען, וואס האט זיך שוין אזוי אויך געבוג געמוטשעט אויף איר לעבן צו דערנערן די צוויי יונגערע קינדער, ביים פעטער פנחס אויפן שוסטער־בענקל, ביי וועמען קיין עסן האט טאקע נישט געפעלט, אבער די ווארימקייט פון א נאטירלעכער היים איז נישט געווען בנמצא ?

יאסעלע איז נישט געווען פון די קינדער, וואס באקלאגן זיך אויף זייער גורל פאר אנדערע, נאר מאטל וועכטער האט כמעט געקענט לייענען די מחשבות, וועלכע האבן זיך געראנגלט אין זיין מוח. דערפאר האט ער אים אנגעהויבן מיטנעמען און געבן לייכטע באשעפטיקונגען. יאסעלע פון זיין זייט האט זוי אויפגעלעבט, זיך געפילט ממש ווי לעבן אן אייגענעם טאטן. ווי די יינגלעך, וואס ער פלעגט טרעפן מיט זייערע טאטעס אין מקווה צי אין בית־המדרש אדער גאר אין אן ערב יום־טוב ביים היטל־מאכער . . . איז ער טאקע געווען צופרידן צו העלפן מאטל וועכטער מיט די נאפט־לאמפן, פוצן די גלעזלעך, אפשנייצן די קנויטן, כדי זיי זאלן נישט קאפטשען פון ביידע זייטן, און טון אנדערע, לייכטע שליחות.

באלד האט יאסעלע שוין געקענט די קונסט פון וויקלען באנדאזשן אזוי, אז זיי זאלן זיך נישט צעפאלן ביים דאקטאר אין די הענט און זיך אוועקקאלערן ערגעץ אונטער א בעטל. דאס האט טאקע פאסירט מיטן ערשטן באנדאזש, וואס ער האט פארוויקלט . . . ווי נאר דער דאקטאר האט גענומען פארבאנדאזשירן א חולה דעם פוס איז דער אינעווייניקסטער טייל פון באנדאזש ארויסגעשפרונגען און זיך צעלאפן איבער דער גאנצער לענג פון שפיטאל־צימער. יאסעלע האט זיך שיער נישט צעלאכט, זעענדיק ווי דער דאקטאר איז געבליבן ביים עק באנדאזש אין דער האנט. כדי נישט צו לאכן האט ער זיך שנעל איבערגעדעקט מיט דער קאלדרע איבערן קאפ, טראכטנדיק צי מען וועט נאך א מאל אים אנפארטרויען די ארבעט. אבער מאטל וועכטער האט, ווי געוועגלעך, ווידער געברענגט יאסעלען צום בעטל די אויסגעוואשענע באנדאזשן.

אדאנק מאטל וועכטערס שתדלנות האט דער דאקטאר אנפארטרויט יאסעלען צוויי וויכטיקע פונקציעס: ערשטנס, אפצוטראגן פראשקעס פאר געוויסע קראנקע און, צווייטנס, אכטונג צו געבן, אז זיי זאלן זיי איינעמען פינקטלעך. חוץ דעם זאל ער מעסטן די היץ ביי אנדערע און זיין פארזיכטיק, אז די טערמאמעטערס זאלן זיך נישט ארויסגליטשן ביי די חולאים פון אונטער די פאכוועט; יעדן חולהס טעמפעראטור זאל זיין גענוי פארצייכנט אויף זיין קארטע.

בנעימות און ערנסט האט יאסעלע געטון וואס מען האט אים געהייסן,

פארשטאנען ווי וויכטיק פארן דאקטאר איז צו וויסן גענוי דעם קראנקנס צושטאנד און ווי דעם דאקטארס נעקסטער שריט מוז זיך באזירן אויף דער פינקטלעכקייט פון אט דער ארבעט.

לכתחילה האט דער פעלדשער, דער פוילישער ייד וואס האט דעם אויסזעען פון א ליטוואק, געקוקט מיט ביטול אויף יאסעלעס ארבעט און בלויז געשמייכלט צו זיך אין זיינע הארטע וואנצעס אריין. נאר ווען ער האט באמערקט ווי די חולאים ווערט דערפון נישט, חלילה, ערגער און אז דער דאקטאר לאזט יאסעלען ווייטער טון זיין ארבעט, איז אים דאס מאגערע שמייכעלע לחלוטין פארשוואונדן פון די וואנצעס . . . איז עס מעגלעך, אז ער האט גענומען זעען אין דעם קליינעם, קראנקן ייִנגל אן ערנסטן קאנקורענט אין הלכות פעלדשעריי ?. . .

צוויי מענטשן מיט איין און דער זעלבער אויפגאבע — צו היילן און העלפן קראנקע און ווי פארשידנארטיק זייער צוגאנג צו אזא וויכטיק פראבלעם! איינער איז נישט דורכגעגאנגען קיין שולעס און באליגט קיין עקזאמענס און דאך אויף א ריין מענטשלעכן אופן העלפט ער א חולה צו קומען צו זיך און דער צווייטער א מענטש מיט בילדונג, איז אזוי קליינלעך און עגאאיסטיש, אזוי גדלותדיק ביי זיך, אז נישט בלויז פאסט עס אים נישט צום פנים, נאר עס שטערט אפילו דעם חולה אין זיין צושטאנד . . .

— זאגט מיר, ר׳מאטל — האט יאסעלע פארפירט א שמועס מיט מאטל וועכטער, וועלנדיק פארשטיין אט די סיטואציע, וואס האט זיך אנטפלעקט פאר אים — ווי קומט עס וואס איר זענט אזוי צוגעלאזן צו יעדן חולה? תמיד געפינט איר א גוט ווארט, א פרייַנטלעך שמייכל, א פריילעכע מעשה פאר יעדן באזונדער, אזוי, אז מען פילט זיך היימיש מיט אייך און דער פעלדשער איז פונקט דער היפוך! ווען ער קומט אריף, ברענגט ער מיט זיך אזא קאלטקייט, אן אטמאספערע, וואס איז נישט צום גוטן פאר די קראנקע דא.

— דו האסט נאך נישט קיין סך דערפארונג אין לעבן, יאסעלע, — האט מאטל וועכטער גוטמוטיק שמייכלענדיק געזאגט — און ס׳וועט דיר דעריבער נישט זיין לייכט צו פארשטיין וויאזוי פארשידענע מענטשן האנדלען, מיט דער צייט וועסטו פארשטיין ווי די סביבה פון א מענטשן ווירקט אויף זיינע אייגנשאפטן און מעשים. מרדכי פעלדשער שטאמט פון א סביבה פון אלעם גוטן און האט אים נישט געגעבן די געהעריקע פארשטענדעניש. וואלט ער פון דער נאטור געווען גוטהארציק, וואלט דער איינפלוס פון זיין סביבה נישט געהאט אזא שליטה אויף אים. ער וואלט שוין געזוכט וויאזוי צו העלפן אנדערע . . . נאך ווען ער איז געגאנגען אין גימנאזיום פלעגט ער חוזק מאכן פון די אָרימערע גימנאזיסטן, געלאכט פון יענע וועלכע האבן נישט געהאט קיין נייע סורדוטן מיט בלאנקענדיקע קנעפּ. און ווען ער איז אמאל אהיימגעקומען פון גימנאזיום מיט אונטערגעהאקטע זייטן, האט ער זיך נישט אפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אז ער האט זיך דאס כשר פארדינט, נאר איז נאך מער פארביטערט געווארן אויף די ארימע גימנאזיסטן . . .

אמאל און אצינד

— און איר, ר׳מאטל, — האט יאסעלע ווייטער געפרעגט, — ווי איז עס געווען מיט אייך?

— איך, — האט מאטל וועכטער ווייטער געזאגט, — קום פון אן אריי־מער משפחה, וואס האט געלעבט בשלום מיטן גורל, נישט געהאט קיין טענות צו גאט אדער צו מענטשן. טאמער איז ביי אונז אמאל נישט געווען קיין בעסערס ווי שווארץ ברויט מיט הערינג און טיי „נא־פריקוסקי", האבן מיר אויך א הנאה געהאט דערפון... און ווען נאך מיין חתונה, אז א קינד האט געהאלטן אין איין קרענקען, פלעגט מיין שוואך ווייב אים מער העלפן ווי דער רופא. אירע צערטלעכע ווערטער און ליבשאפט האבן דאס קינד ממש מחיה געווען; א חולה דארף נישט בלויז פיזישע הילף, נאר אויך בארמהער־ציקייט... איך האב דעריבער אנגענומען אט די שטעלע דא ווען דער שטאט־האזאר האט זי מיר פארגעשלאגן און בין צופרידן. א שאד כ׳לעבן האט ער איראניש פארענדיקט זיינע רייד — וואס מרדכי האט זיך נישט אויסגעקליבן א פאסיקערע פרנסה... געדארפט ווערן א פארוואלטער אין פאבריק אדער אן אפיציר אין דער ארמיי.

מיט גרויס אינטערעס האט יאסעלע אויסגעהערט די נייע רייד, נאכ־געטראכט אביסל און אין א ווילע ארום ווידער א פרעג געטון.

— פארוואס עפעס אזעלכע פרנסות, ר׳מאטל?

— ווייל דעמאלט וואלט ער געקאנט ארומקאמאנדעווען מיט געזונטע מענטשן! ס׳קען אבער זיין, אז טאקע דערפאר איז ער געווארן פעלדשער... קראנקע מענטשן זענען דאך בטבע נישט קיין ווידערשפעניקע, און ער דארף דעריבער זיך נישט פיל, רעכענען מיט יענעמס געפילן...

דאס שפיטאל איז באשטאנען פון דריי צימערן אויפן ערשטן שטאק: צוויי זענען געווען פאר די חולאים: איין סאליע אויף רעכטס פון דער געביידע פאר מענער און די צווייטע אויף לינקס — פאר פרויען. יעדע סאליע האט געהאט א באזונדערע טיר פון אויסערלעכן קארידאר. דאס דריטע צימער איז געווען קלענער, ווייל א טייל דערפון האט געדארפט דינען ווי אן אינער־לעכער קארידאר צווישן די צוויי סאליעס, וואס האבן קיין טירן צום אינער־לעכן קארידאר נישט געהאט. אט דאס מיטלסטע צימער איז אבער געווען פיל ברייטער און האט געדינט פאר אפעראציעס און אונטערזוכונגען. דארט האבן זיך געפונען די מעדיקאמענטן, כירורגישע אינסטרומענטן און פאר־שידענע קאלירטע פלעשער.

3

נאך אלס קינד פלעגט יאסעלע ליב האבן זיך אפצושטעלן א ווילע ביים אפטייקערס פענסטער, איינזאפן אין זיך די שמעקעדיקע ריחות, וואס האבן ארויסגעשפארט דורך דער טיר און באוואונדערן די גרויסע, קאלירטע פלע־שער מיט די פעטע בייכער און לאנגע העלזער, וועלכע האבן זיך פארענ־דיקט ווי א לאנגער, רונדיקער, פארשניצטער, גראבער בליישטיפט. איז עס

טאקע קיין וואונדער נישט וואס יאסעלען האט אזוי געגלוסט אפצוווען פראשקעס און, בכלל, צו זיין אין דעם צימער.

זער זעלטן האט מען עמיצן אפערירט אין יענעם צימער. כמעט אלע אפעראציעס האט מען אדורכגעפירט אין דער מענער־סאליע, וואו מען האט דעם חולה אוועקגעזעצט אויף א שטול; און ווען נויטיק האט מאטל וועכטער דעם חולה צוגעהאלטן די הענט אדער א פוס אדער דעם קאפ, כדי נישט צו שטערן דעם דאקטאר אין זיין ארבעט. ערנסטע אפעראציעס האט מען געשיקט קיין ווארשע, וואו ד״ר סאלאווייטשיק האט געהאט א שם אלס דער בעסטער כירורג נישט בלויז אין פוילן, נאר אפילו איבער ליטע און אוקראינע.

אין א פרימארגן, ווען יאסעלע איז אריינגעקומען אין דער פרויען־סאליע, האט ער דארט באמערקט א פנים חדשות; א פנים פון א יונג מיידל . . . צום ערשט איז ער שיער נישט פארביגעגאנגען דאס בעטל און זי נישט באמערקט, ווען נישט אירע שווארצע האר, וואס האבן זיך אזוי בולט אפגעשלאגן צווישן ווייסן קישעלע און ווייסן ליילעך איבער דער קאלדערע. צוגעקומען צום בעטל, האט ער דערזעען פאר זיך אן אויסגעדארט, בלאס פנים, בלאסע פארטרוקנטע ליפן דינע, דאס מויל עטוואס אפן און צוגעמאכטע אויגן. דער איינציקער סימן פון לעבן אין איר איז געווען דער אויבערשטער טייל פונם פלאכן קערפער, צו וועלכן די קאלדערע האט נישט דערגרייכט, צוזאמען מיטן אויבערשטן טייל פון דער קאלדרע האט דער חלק פון גוף זיך לאנגזאם און ריטמיש געהויבן ארויף און אראפ. יאסעלע איז געבליבן שטיין ביים בעטל פארגאפט . . . ער האט זיך געפונען אין א מאדנער פארלעגנהייט ווען אויפן צווייטן טאג ער האט געדארפט מעסטן די היץ ביי אט דער פאציענטקע.

ביין, פאר די עלטערע פרויען האט ער זיך נישט געשעמט. פארקערט, ר׳איז געווען שטאלץ וואס ער, א קליין ייִנגל און אליין א קראנקער, קען זיין נוצלעך ארום זיך. אבער דאס געפיל צום יונגן מיידל איז געווען גאנץ עפעס אנדערש. כאטש ער וואלט געוועןן צופרידן אליין ארונטערצולייגן דעם טערמאמעטער איר אונטער דער פאכווע, האט ער זיך אבער געשראקן פארן געדאנק: וואס וועט דאס יונגע מיידל טראכטן און פילן טאמער בארירט ער איר אנטבלויזטן ארעם ? . . .

נאך אלעם, ער איז דאך נישט מער ווי א ייִנגל און אין די זעלבע יארן ווי זי! אפשר טוט ער עס אלס אן אויסרייד ? פונוואנען זאל זי עס וויסן, אז דער דאקטאר האט אים דערלויבט צומעסטן די היץ ביי פרויען און מיידלעך?! שטייט ער ביים בעטל און קאן זיך קיין עצה נישט געבן. און ווען אפילו זי לאכן נישט, נאר האבן מיטלייד מיט אים און זיינע קינדישע געדאנקען, וואלט עס אים אויך פארדראסן, ווייל ס׳וואלט שוין געווען פונקט אזוי גוט ווי זיינע געדאנקען וואלטן מער נישט געווען קיין סוד אפילו פאר אים אליין; אז זיי וואלגערן זיך שוין ארום אין די מיילער פון די פרעמדע ווייבער . . .

זי איז געלעגן א פארשמאכטע, מיט טרוקענע ליפן און א פראגע־צייכן אין אירע גרויסע אויגן, וואס האבן קלאר געמאכט, אז זי האט היץ. יאסעלע

האט זיך אפגעווענדט פון בעטל און געבעטן א פארביגייענדיקע יונגערע פרוי,
— אפשר וואלט איר אזוי גוט געווען צו נעמען די היץ ביי דער נייער פאציענטקע? מיך קען זי דאך נישט!

— וואס הייסט „אפשר"? — איז די פרוי ארויס מיט א לשון, גיב מיר נאר דאס גלעזל, יאסעלע. ביסט מסתמא געראכט, אז אין דעם מעמד, נעבעך, איז טאקע בעסער, אז איך זאל אכטונג געבן אויף איר. זארג נישט, מיין קינד, ווען מיט גאטס הילף עס וועט איר בעסער ווערן און די היץ וועט אפטרעטן, וועט זי זיכער זיין צופרידן, אז דו זאלסט אריינקומען און רעדן מיט איר. ווען איך אלס יונג מיידל בין אמאל קראנק געווען, פלעג איך ווארטן מיט אומגעדולד אויף מיין חברטעס ברודער, אז ער זאל אריינקומען און זיך נאכפרעגן אויף מיין געזונט . . . כ'האב געפילט ווי ערנסט ער מיינט עס און ווען ביים אוועקגיין ער פלעגט מיר זאגן „איך האף, אז איר וועט שנעל געזונט ווערן", האט דאס פנים זיינס זיך אביסל גערויטלט און ער איז גיך ארויס פון שטוב. וועסט אפשר לאכן ווען כ'וועל דיר זאגן, אז מיר האבן שוין, גאט צו דאנקען, צוויי קינדער ווי די בלומען; און זייער שאדן אויף אלע טאטע־מאמע געזאגט!

ס'איז שוין געווען צייט צוצונעמען די טערמאמעטערס ביי די קראנקע, און יאסעלע האט פארלאזט די סאליע טראכטנדיק וועגן דעם יונגן ווייבל. ס'האט אים אפגענומען דעם גאנצן טעם, אז ער האט אפילו נישט געקאנט קוקן אויפן עסן. אין זיין שרעק האט ער אין יענע טעג זיך צוגעהערט צו די טריט, וואס פלעגן זיך דערנענטערן צו דער טיר פון דער מענער־סאליע . . . דעם שוואר־גופיקן דאקטאר, מיט די סקריפעדיקע קאמאשן, האט מען געקענט הערן ווי נאר ער איז אריין אין שפיטאל און זיינע לאנגזאמע סקריפ־סקריפ טריט אויף יעדן טרעפל האבן אין יאסעלעס אויערן אפגעהילכט ווי א טרויעריקער ניגון, ווי דאס קלינגען פון א ביינטל שליסלען ביי א תפיסה־וועכטער בשעת ער דערנענטערט זיך צו דער צעלע פון א פארמשפטן צום טויט . . . ביי יעדן סקריפ האט דאס הארץ אזוי געטיאכעט . . .

דרייצן מאל אין משך פון דריי חדשים האט מען יאסעלען אפערירט, און כסדר איז אים דער קאפ געבליבן פארבויגן אויף א זייט. אויך דער ווייטאג האט זיך נישט פארלייכטערט.

וועט ער נאך אויסגעהיילט ווערן? יאסעלע האט שוין אנגעהויבן צו צווייפלען אין דעם, אבער א געוויסן אונט האט זיך באוויזן א נייער דאקטאר אין שפיטאל — דער יונגער ד"ר קאפלאן, וואס האט שטודירט אין ווארשע און איז איצט צוריקגעקומען אין זיין געבורט־שטעטל אריין צו פראקטיצירן. ביי יאסעלעס בעט האט ער פארברענגט א לענגערע צייט, אויפהייטערנדיק אים מיט זיין באנעמונג. א שטיק געזונט איז יאסעלען דעמאלט צוגעקומען.

איז דאס געווען א נייע מעטאדע וויאזוי זיך אומצוגיין מיט חולאים אדער איז עס געווען דער מענטש מיט די סאמע נייעסטע מעדיצינישע קענטעניש? ווי ס'זאל נישט זיין, יאסעלע האט דערפילט ווי נייע האפענונגען דרינגען

אריין אין זיין נשמה; ס׳גייט פאר אים א בעסערע צוקונפט. און ווען דער נייער דאקטאר האט אים דערציילט, אז אין ווארשע איז דא אין יידישן שפי־טאל אן אפטיילונג פאר אפעראציעס מיט וועלט־בארימטע כירורגן, האט ער זיך געטראכט אפשר וועט זיין א געלעגנהייט אויך פאר אים אריינצוקומען אין יידישן שפיטאל אריין אין ווארשע.

ביאלע

(איר אייגנארטיקע טיפן פון פארגאנגענע צייטן)

ביי אונז אין שטעטל האט מען פון קיין פאמיליע־נעמען נישט געוואוסט, בלויז געציילטע יחידים זענען גערופן געווארן ביי זייערע נעמען. דאס זענען געווען די, וואס פלעגן דערהאלטן בריוו פון זייער משפחה אין אויסלאנד אדער פון א זון „אויף די זעלנער“. און כמעט שטענדיק איז די צערעמאניע פארגעקומען א שבת בייטאג, ווען דער „פאטשטער“ האט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן גאס און אויסגערופן אויף זיין באסאווער שטימע: „פייוול וויינבערג! אברהאם פעלדמאן! דאוויד פיינשטיין!“ און אזוי ווייטער; אמאל פון לאנדאן, אמאל פון ניו־יארק.

ווי נאר מיר האבן געהערט דעם פאטשטערס שטימע האבן מיר, קליינ־ווארג, זיך אלאז געטון אויפן גאס. אפשר וועט ער אונזער נאמען אויסרופן.

מיר האבן אים ליב געהאט, ווייל, ערשטנס, ער האט קיינמאל נישט געברענגט קיין שלעכטע בשורות אין די בריוו; פארקערט, גאנץ אפט איז דארט געווען אן אנזאג פון פינף אדער צען רובל, און אויב דער בריוו איז „זאקאזנוי“, ווייסט מען שוין, אז ס׳געפינט זיך אין אים עטלעכע דאלאר. צווייטנס, איז ער ביי אונז, קינדער, געווען דער סימבאל פון אלע פאטש־טערס אויף דער גאנצער וועלט . . . זיין מונדיר איז געלעגן ווי אויסגעגאסן אויף זיין אויסגעפאשעטער, רונדיקער פיגור. דער ברייטער, גלאנציקער פאסיק ארום זיין טאליע און דער פעטער בריוו־טאש, אויף זיין לינקער זייט, וואס איז אראפגעהאנגען פון א צווייטן לעדערנעם פאסיק פון זיין רעכטן אקסל, האט אים געמאכט ביי אונז פאר א הויכן טשינאווניק. וואלט ער געטראגן דעם בריוו־טאש נישט אויף א זייט, נאר פון פארנט, וואלט ער, ערשטנס, פארדעקט די שפיגלדיקע ספראנטשקע פון פאסיק און, צווייטנס, וואלט ער אויסגעקוקט ווי דער סאלדאטסקער באראבאנטשיק, וואס מאר־שירט אין דער שפיץ פון עטלעכע ראטעס סאלדאטן, וואס קומען אלע זומער אויף מאנעווערעס און צעלייגן זיך אויפן בריסקער שאסיי, אזוי, ווי ביי זיך אין דער היים. און די מיידן פון שטאט האלטן אין איין שפאצירן הין און צוריק . . זיי פארגעסן גאר, אז מיר האבן א מעזריטשער שאסיי . .

דער פאטשטער איז נישט געווען פון די מענטשן, וואס האלטן זיך גרויס און בלאזן זיך קעגן קינדער און יידן, ווי למשל דער סטראזשניק, וואס דרייט

זיך שטענדיק ארום אין מארק צווישן די קראמען און מאכט דעם אנשטעל, אזוי, ווי אן אים וואלטן די יידישע קרעמער און מארק־יידיבעס נישט געקענט קיין לעבן מאכן . . .

ווען דער טשודאק פון א סטראזשניק וואלט געזען ווי זיין מונדיר העגנט אויף אים, ווי א זאק; ווי זיין לאנגע שווערד באמבלט זיך אויף א זייט; און מיט זיין פעטער, שכורער נאז צווישן די צוויי אנגעוואקסעוועטע, שפי־ציקע וואנצעס, וואס קוקן צום הימל, קוקט ער אויס ווי א דריט־קלאסיקער קאמיקער אויף א וואדעוויל בינע — וואלט ער זיך נישט געהאלטן אזוי גרויס ביי זיך.

דער פאטשטער, ווי געזאגט, איז געווען א פשוטער מענטש, האט גערעדט יידיש ווי א וואסער, מיט די הערוואקסענע האט ער גערעדט פון „מאנאפאל־קעס", געפילטע קישקע, מייערן־צימעס און אזוי ווייטער, מיט די קינדער — וועגן וויין, דארע קיכלעך און גוטע קעפלעך אין חדר.

אלזא, ווי געזאגט, האט מען כמעט פון קיין פאמיליע־נעמען נישט גע־וואוסט. דערפאר זענען מיר אבער נישט פארלוירן געגאנגען אין קיין צו־נעמען צו באצייכענען יעדן אייגציקן, ענטוועדער פערזענלעכע, ווי „שלום־קצב", „בערל קאצאפ", „יאס", „רב שאולקע", „חיימל רופא", „דער טאקער", „אבא שיכע", „יצחק לאפאטע" און אזוי ווייטער, אדער לויטן מקור, ווי „יאנקל בראכיעס", „מענדל רויזעס", „ברוך סראלע מיליערס" און אזוי ווייטער.

ביי מיר אין זכרון זענען פארבליבן דריי טיפן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין נאענטן קאנטאקט. דאס זענען: יצחק לאפאטע, אבא שיכע און יאנקל בראכיעס.

יצחק לאפאטע איז געווען דער איינציקער בייגל־בעקער, וואס האט זיך קונה־שם געווען אין שטאט. ער איז נישט געווען סתם א בעקער, וואס באקט אויך זעמל און בולקעס. ער איז געווען א בייגל־בעקער אין פולן זינען פון ווארט. מיט זיינע אייער־בייגל האט געקלונגען ווייט און ברייט ארום ביאלע.

יעדע שטעטל צייכנט זיך אויס מיט איר אייגנארטיקן געבעקס. מעזריטש, למשל, האט געהאט א שם מיט אירע פלעצל. די קלענערע באשפרענקלט מיט ציבלקעס און זאלץ און די גרעסערע, וועלכע זענען געווען פוכקע ארום ברעג און זיך ארהפגעלאזט ווי אין א טאל אין דער מיט, זענען באשאטן מיט אסך מאן און געפרעגלטע ציבלקעס — זענען בארימט געווען ארום לוקאוו, לאמאז, ראדזין און ראשאש. צו די גרויסע פלעצל האט מען קיין פוטער נישט געדארפט . . .

אבער יצחק לאפאטעס אייער־בייגעלעך האבן ארומגענומען א גרעסערן קרייז, יידן, וואס זענען געקומען קיין ביאלע וועגן האנדל פון טערעספאליע און בריסק, זענען אהיימגעפארן מיט עטלעכע קרעבצלעך אייער־בייגל.

בריסק האט אפילו אויך געבאקן פלעצל, אבער נישט אזוי ווי די מעז־ריטשער, קיין מאן האט נישט געפעלט, אבער נישט אזוי פוכקע ארום ברעג; פלאך און דאר, צו וועלכע מען האט געדארפט האבן געזונטע ציין.

זיין נאמען, יצחק לאפעטע, האט זיך טיילווייז געגומען פון שיבן בייגל אין באק־אויוון, אבער הויפטזעכלעך ווייל ער האט אין גאנצן אויסגעקוקט ווי א לאפאטע: דאר, לאנג, שמאלע אקסלען, א פלאטשיקע נאז אויף א פלאטשיק פנים און א ברייטן שטערן. אט דער קאפ איז געזעסן אויף א לאנגן האלדז, און אונטער דער גאמבע האט זיך באוואויגן א מין קנאפ ארויף און אראפ ווען ער האט גערעדט. דאס איז געווען ענלעך צו די עלעקטרישע קנעפּ־לעך, וואס מיר נוצן היינט אויף צו מאכן ליכטיק אדער פינסטער אין שטוב...

דאס ערשטע מאל, וואס איך האב זיך געטראפן פנים־אל־פנים מיט יצחק לאפאטע, איז געווען צו מיין צווייטן געבורטסטאג, גראדע יענעם טאג איז מיין באבע געקומען צום באשלוס, אז איך בין געשטארבן און באלד איז געווארן א גרויסע קלאגעריי אין דעם לאנגן, שמאלן שטיבעלע, אז מען האט געקענט א טויטן אויפוועקן . . . אזוי ווי קיין מאנספארשוינען איז אין שטוב נישט געווען, איז מען געלאפן ברענגען יצחק לאפאטע. מען האט דערווייל נישט פארגעסן מיך אוועקלייגן מיט די פיס צו דער טיר און אוועקשטעלן צוויי אנגעצונדענע ליכט צוקאפנס, און דאן ווידער קלאגן.

ווען ער איז א פארסאפעטער אריינגעקומען, איז ער גלייך צו צום „מת", אפגעדעקט דאס שווארצע טוך פון מיין פנים און ער האט זיך באַ־געגנט מיט צוויי ליכטיקע, אויסגעוואשענע אויגן, וואס האבן אויף אים גע־קוקט מיט א ציניזשן שמייכל.

אויסגלייכנדיק זיין דארן רוקן, און מיט זיין עלעקטרישן קנאפ אין פולער באוועגונג, שרייט ער אויס:

— וואס ווילט איר, בעבעך, פון דעם ארימען קינד? ער האט דאך גארנישט אין זינען צו שטארבן!

ווער ווייסט וואו איך וואלט שוין איצט אנגעשפארט ווען ביאלע וואלט נישט פארמאגט א יצחק לאפאטע!...

אבעשיכע — ווער איז זי?

אבעשיכע איז נישט געווען די איינציקע פרוי, וואס האט געטראגן דעם עול־פרנסה אויף אירע פלייצעס, אבער זי איז, אין פיל הינזיכטן, געווען אנדערש פון די איבריקע הענדלערינס.

ביאלע האט שטאלצירט מיט איר מארק און אויך מיטן מארק־סאד, וואס האט זיך געפונען אין דעם מארק. דער דאזיקער סאד איז געשטאנען נישט אין צענטער פון מארק, נאר נאנט צום מאגיסטראט, אזוי, אז בלויז דריי זייטן פון מארק האבן זיך פארנומען מיט האנדל. די צפון־זייט פונם סאד איז געווען נישט ווייט אוועק פונם טראטואר, וואו עס האט זיך געפונען די „פריסוסטווע", די פאטשט, דער מאגיסטראט און די „קאזע", וואס איז גע־שטאנען אויפן ראג פון רבינס גאס. דארט האט מען אריינגעזעצט קליינע פארברעכער, ווי שכורים, וואס האבן זיך דארט אויסגעניכטערט איבערנאכט

— אויב קיינער האט זיי נישט אריינגעליפערט קיין מאנאפאלקעס — און קעשענע־גנבים אדער א צעבלוטיקטער גוי נאך א געשלעג . . .

פאר ערנסטע פארברעכער האבן מיר געהאט, ג־אט צו דאנקן, א נייע טורמע אויף דער ראבענאווער גאס.

איך געדענק גוט דעם מארק־סאד, ווייל ווען דער צאר ניקאליי דער צווייטער האט זיך אפגעפראוועט מיט די קאראנאציע־שמחות האט ער באַזוכט ביאלע. דאמאלס איז דער סאד געווען אנגעפאקט דערשטיקט צו ווערן און מיר, קינדער, זענען צוגעשטופט געווארן צו די אייזערנע גראטעס. אבער מיר האבן געהאט דעם כבוד צו זען דעם צאר מיט דער צאריצע פארבייגיין גאנץ נאנט לעבן אונז.

זומער־צייט איז די מזרח־זייט פון מארק געווען די פרנסה־געבעריך פאר אלע ווייבער, וואס די נויט האט זיי געצוואונגען צו פארדינען אויפן שטיקל ברויט. דארט האבן זיי געהאנדלט מיט מילכיקס, מיט גרינוואַרג, אויבס, געבעקס, קאלטע סאדע־וואסער און אזוי ווייטער. דער געשמאקער, פרישער ריח פון די זעמל, ווארעמע זעמל, פון די קייזלעך און, שפעטער, פון די „גנילקעס" (קליינע, ווייכע בארנעלעך) האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן מארק.

אויף דער מערב זייט, ווידער, אנטקעגן דעם אפטייקער, דעם זייגערמאכער און אנדערע רייכע געוועלבער, פון וועלכער מען האט שטענדיק געזען אריינגיין און ארויסגיין בעסער־געקליידטע קונים ווי די, וועלכע מען האט באגעגנט אויף דער מזרח־זייט פון מארק, וואו ס'האט זיך געפונען דער מאנאפאל, א הערינג־געוועלב, די טשיינע און דער סאבאטשניק, וואס האט אויך פארקויפט קאיעטן, טינט און אנדערע שרייבגעצייג. אויף דער מערב־זייט פון מארק האט מען אויף שטעלעס צעלייגט א גאנץ אנדער סחורה. דארט האט איר געקענט קויפן שניט־סחורה, ווי ציץ מיט פארשידענע בלימלעך און פאסיקלעך און קעסטעלעך, לייוונט באטיסט, „טשארטאוועקאזע" (אזא מין שווארצע, גלאנציקע סחורה פאר כאלאטן) און אזוי ווייטער.

ווינטער זענען די מארק־יידענעס געזעסן איבער פייער־טעפ, וועלכע זענען געווען ארומגערינגלט מיט די לאנגע קליידער ביז דר'ערד, נישט אויסצוזאגן דעם סוד פון זייער מיסיע . . . דאמאלס האט איר געקענט זען אויף די שטעלעס נאפט־הייסע ארבעס, סמאלע, קוואס־עפל, „זשעגאכץ" אנצושמירן די רעדער, זיי זאלן ניט סקריפן, און ווארעמע לאבנס ברויט, וואס זיי פלעגן אליין באקן איבער נאכט.

דער דרום־טייל פון מארק, וואס האט זיך געצויגן ביז דער יאטקע גאס, האט קיין שטעלעס נישט געהאט. דארט האבן זיך שטענדיק ארומגעדרייט כל־המינים הענדלער און מעקלער, גוים, וואס האבן געברענגט פערד און קעלבלעך צו פארקויפן און פאריאכמערטע יידן מיט ארויפגעשארצטע היטלען אויף דער פאטילניצע, וואס זענען געלאפן פון איין קונה צום צווייטן, טאמער וועט זיי ג־אט העלפן צו פארדינען עטלעכע גילדן. די גוים האבן פון זייערע פערד און קעלבלעך נישט געקענט אפטרעטן . . . פערד לאזן זיך פירן ביי

דער נאז אפילו פון א פערד־גנב . . .

די מארק־יידינעס זענען באשטאנען פון צוויי קאטעגאריעס: אלמנות, וואס דער מאן האט זיי פארזארגט מיט עטלעכע פיצלעך קינדער, ווען זיי האבן געדארפט דערנערן און פרויען, וואס האבן געהאט אי מענער אי פיצלעך קינדער . . . אבער די דאזיקע מענער זענען נישט געקומען אויף דער וועלט צו ארבעטן. זיי האבן זיך פארנומען מיט העכערע ענינים . . . פלעגן זיי טאקע די צייט, וואס זייערע פרויען האבן זיך געמאטערט מיט פרנסה, זיך שאקלען אין בית־המדרש אדער בחדרי־חדרים אין דער היים איבער ספרים. די ווייבער האבן דאס אנגענומען פאר ליב און געהאט גרויסע האפנונגען פאר דער צוקונפט . . .

גאנץ אפט האבן די עולם־הבא יידן געדארפט, אומדירעקט, העלפן זייערע ווייבער. נאך אלעמען, קען מען דאך נישט לאזן א זויג־קינד זיך צערייסן פון געוויין! דאס מיינט נישט, חלילה, אז ער האט געדארפט איבעררייסן זיין לערנען, ער האט געדארפט פילעווען דאס פלעשל מילך זאל זיך נישט ארויס־גליטשן פון מיילכל. און אויב דאס ארימע קינד האט נישט געגליבן קיין קאלטע מילך און נאך אלץ געוויינט, האט דער תלמיד־חכם מיטן גמרא־קאפ פארטראכט א פארטל: מיטן פוס האט ער געשאקלט דאס וויגעלע און מיטן איבריקן טייל פון קערפער האט ער זיך אליין געשאקלט. טאמער איז דאס קינד געלעגן אין א הענג־וויגעלע, האט ער זיך אויך אן עצה געגעבן: ער האט זיך אוועקגעזעצט מיטן רוקן צום וויגעלע און אזויערנאך האט ער, ווי מען זאגט, געשאסן צוויי פייגל מיט איין שאס; אדער בעסער געזאגט —מיט איין שאקל.

אין שבתים און יום־טובים זענען די מארק־יידינעס געקומען אויס־געפוצט אין זייערע שבתדיקע מלבושים און פארנומען זייערע פלעצער אויף די אונטערשטע בענק אין דער ווייבערשער שול. די אויבערשטע בענק זענען, נאטירלעך, געווען רעזערווירט פאר די ווייברשע „פני“: די רביצין, די גבאי־טע, די חזנטע און די איבריקע ווייבער פון רבינס גאס. זיי זענען דאס געווען די וועג־ווייזער ווען זיך אויפצושטעלן און ווען זיך אנידערצוזעצן; ווען צו וויינען אויף א הויך קול און ווען שטילערהייט.

מיט אבעשיכען איז געווען א גאנץ אנדערע געשיכטע. קיינער האט נישט געוואוסט פארוואס מען רופט איר ביי דעם נאמען. לויט די אנגענומענע כללים, האט זי געדארפט ירשענען דעם נאמען פון איר מאן — אביש. אבער קיינער געדענקט נישט איר מאן אדער ווען זי איז אן אלמנה געווארן אדער אפילו אלס מיידל. פון איר אויסגעדארט, צעקנייטשט פנים איז שווער געווען צו טרעפן איר עלטער. דאך בין איך מיט דער מיינונג, אז זי האט אמאל ערגעץ געמוזט האבן א מאן, ווייל וואלט זי געווען א פארזעסענע מיידל — דאס ווארט „מויד“ פאסט זיך עפעס נישט צו איר פיזיאנאמיע — וואלט איר פערזענלעכער צונאמען געווען אנטוועדער „שמאטניצע“ אדער „די ביינער־דיקע“. און אויב, למשל, לויטן מקור וואלט מען זי גערופן „בײלע דעם קצבס“,

וואס וואלט קלאר געמאכט, אז נישט איר מאן, נאר איר פֿאטער איז א קצב. אויב, ווידער, זי וואלט זיך פֿאררופֿן אויף איר מאן, וואלט איר צונאמען, אן שום ספק, געווען „ביילע די קצבטע".

אבעשיכע איז געווען די איינציקע אין שטאט וואס האט געהאנדלט מיט שמאטעס און ביינער, און איר הולך האט זיך צוגעפאסט צו איר האנדל.

אין דער קינדערשער פאנטאזיע זעען דערוואקסענע מענטשן אויס אסך העכער ווי אין דער ווירקלעכקייט, אבער זי האט, ביי אונז קליינווארג, אויס־געקוקט אזוי קלייך, אז ווען זי וואלט נישט געהאט אזא גריינצלט פנים, נישט געווען אזוי אויסגעדארט און נישט ארומגעשלעפט זיך איבער די גאסן מיט אן איינגעבויגענעם רוקן, וואלטן מיר גרייט געווען צו שפילן מיט איר אין „קנעפלעך", ניסלעך, קאשטאנעס און ווען צווישן אונז וואלט נישט ארומגעשוועבט פייגעלע יאסל דעם סטאליארס טעכטערל, מיט אירע פוכקע בעקעלעך און קארשן אויגן, וואלטן מיר זיך אפילו געשפילט מיט איר, מיט אבעשיכען אין „טאטע־מאמע" אויך, און צוריקגעשמועסט — אפשר נישט . . .

אייגענטלעך, איז איר הויפט־האנדל געווען ביינער און שמאטעס, ווייזט אויס, האט זי קיין גרויסע גליקן נישט דערווארט, ארימעלייט ווארפן נישט אזוי אפט אוועק די מלבושים, וואס זיי באקומען אמאל פון די רייכע הייזער. ווען זי וואלט געווארט ביז פון די מלבושים וואלט געווארן שמאטעס, וואלט זי דערוויל געדארפט אויף לייגן די ציינער אויף דער פאליצע. א ביין פאר־וואלגערט זיך אמאל ביים גרעסטן ארימאן.

אין די ווינטער־מאנאטן האבן מיר אבעשיכען נישט באגעגנט זער אפט. ס׳קאן זיין איך די שפעטערע ווינטער־מאנאטן האט זי געמוזט בלייבן אין שטוב. לויט איר אייגעפאלענער ברוסט, מיין איך, אז זי האט געמוזט הוסטן אסך . . .

ווי נאר די פרעסט האבן נאכגעלאזט, דער שניי איז צעגאנגען און די נישט־ברוקירטע גאסן האבן אנגענומען זייער נארמאלן כאראקטער, מיט זייערע טיפע בלאטעס און קאלוזשעס, האט מען איר ווידער געטראפן ארומ־שלעפן זיך אויף די היפלעך פון די פארמעגלעכע בעלי־בתים אויפן רבינס גאס און אויפן רבינס הויף. כמעט אלע באהעלפערס פון שטאט האבן גע־געסן „טעג" אויף יענער גאס. די דינסטן האבן שוין געזען דערצו, אז די באהעלפערס זאלן נישט אוועקגיין הונגעריק פון טיש . . . און זיי נאך אנ־שטאפן די קעשענעס מיט שטיקער ברויט מיט פוטער אדער איינגעמאכצן.

אין די יידישע גאסן איז אבעשיכען געווען לייכטער צו קלויבן ביינער. זי האט געקענט פראנק און פריי ארומנישטערן ארום די מיסטבערגלעך. אין קיין יידישע הייזער זענען קיין הינט נישט געווען . . . גאנץ אנדערש איז געווען איר „ארבעט" אויף דער בריסקער גאס, יאנאווער גאס און די געסלעך אויפן וועג צום מעזריטשער שאסיי. אויף יענע גאסן האבן געוואוינט דער אפטייקער, דער שטאט־דאקטאר, דער וואויענער דאקטאר, אלע שרייבער — אפילו דער קליינער, הארבאטער שרייבער — פון מאגיסטראט, די לערער

פון דער „פּעדאַגאָגע״, דער „חזירניק״, וואָס האָט פאַרשטונקען אַ האַלבע מעזריטשער גאַס מיט די געוועדזלטע לאַנגע, פלאַכע שטיקער קאַלבאַס פון זיין געוועלב; און די שטיקער חזיר, וואָס האָבן זיך געקאַכט אין גרויסע קעס־לען אויף זיין הייפל הינטערן געוועלב. קיין הינט האָבן שוין אין יענע גאַסן נישט געפעלט . . .

בכלל, איז אַבעשיכע געווען אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט די כלבים פון יענער געגנט. זי האָבן אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון פרידלעכער צוזאַ־מענלעבונג צווישן הונט און מענטש לאַנג בעפאָר דער פּראָבלעם צווישן מענטש און מענטש איז אַרויף אויף דער טאָג־אָרדנונג. און אַז דער „היצעל״ האָט, על־פּי־טעות, אויפגעכאַפּט אין מאַרק אַ הונט און אויף זיין אָרט האָט זיך באַוויזן אַ „פרעמדער״, האָט שוין אַבעשיכע געהאַט דעם ריכטיקן פּסי־כאָלאָגישן צוגאַנג צו אַזאַ כלב ביז זי האָט אים „אָריענטירט״ אין זיין נייער סביבה.

שפּעט אין טאָג האָט זי זיך צוריקגעשלעפּט אַ מידע מיט אַ פולן זעקל אויף אירע ביינערדיקע פּלייצעס, איינגעבויגן אין דרייען. דאַמאָלס זענען די אָדערן אויף איר דינעם האַלדז און אויסגעדאַרטן פּנים געווען שטאַרק אָנגע־צויגן, ווי סטרונעס; ווי זי וואָלט געשלעפּט אַ שווערן וואָגן הינטער זיך . . . און יעדעס מאָל וואָס זי איז אַריינגעטרעטן מיט אירע דראָבנע טריט אין אַ פרישער קאַלוזשע, וואָס די רעדער האָבן געמאַכט אין די טיפע בלאָטעס, איז איר לאַנג קליידל אַלץ מער באַשפּריצט געוואָרן מיט פרישער בלאָטע.

די יאַטקע־גאַס האָט אויך פאַרמאָגט אַ היבש ביסל ביינער, אָבער די קצבים האָבן נישט געהאַט קיין צייט פאַר אַבעשיכען און זי איז נישט געווען פון דעם סאָרט צו „ליגן זיך אין בלאָטע״ צוליב עטלעכע ביינער . . . דעם אמת געזאָגט האָבן זאַמאָל די קצבים יאָ געגעבן אַפאַר ביינער צו אַן אָרימער אַלמנה אָדער אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז, נעבעך, געלעגן און געהאַלטן אין איין הוסטן . . . — אויסצוקאָכן פון וועלכע מען האָט נאָך געקענט אָפּסקראַ־בען געגנוג פליייש אויף אַ שבתדיקן מאַלצייט. אָבער די ביינער, ווי, בכלל, די ביינער פון די אָרימע הייזער, זענען געקומען צו אַבעשיכען דורך אונז קליינ־וואַרג מיר האָבן געהאַט מיט איר אַ מין „דזשענטלמענס אַפּמאַך״: מיר האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די ביינער זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די לאַפּעס פון היימלאָזע הינט, וואָס וועלן זיי אָוועקשלעפּן ווייט הינטער דער שטאָט, און זי האָט זיך אונטערגענומען אָפּצוקויפן ביי אונז וויפל מיר וועלן ברענגען.

איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די הינט לויערן אַרום די אָרימע שטיבלעך פון דער קוילער גאַס, די פּראָסטע גאַס און אַנ־דערע געסלעך אין יענעם קוואַרטאַל. וואָס, אייגנטלעך, האָבן זיי דערוואַרט אָפּצולעקן פון אַ ביין פון די אָרימסטע הייזער ?

פאַר אונז, קינדער, האָט דער „אַפּמאַך״ געהאַט אַ גרויסע באַטייטונג ! אונזערע עלטערן האָבן נישט געהאַלטן פון דער הייגטיקער מאָדע : „קע־שענע געלט״ פאַר קינדער. און אַז מען גייט פאַרביי דער יידישע אויפן שול־

הויף און דער רייצנדער ריח פון די פרישע, הארע קיכלעך מיט אסך צוקער, די גרויסע טאץ מאנדלען און די „איריסלעך" גיבן א מאדנעס קיצל אין גאו, און מיר קענען בלויז שלינגען די אלע גוטע זאכן מיט די אויגן . . .—אונטער אזעלכע אנגעשטרענגטע אומשטענדן האבן מיר פשוט מורא געהאט צו דינגען זיך מיט איר איבער אפאר גראשן.

און אז זי האט אונז נאך דערלויבט אויסצוסארטירן אין איר „סקלאד"— א קליין היפל פול מיט אנגעווארפענע פעק ביינער — איר סחורה: רינדערנע, קעלבערנע און שעפסענע ביינער און באזונדערע גרופעס, איז דאס מער ווערט געווען ווי געלט, פון די אנדערע מארק-יידינעס פלעגן מיר אפילו אויך אמאל באקומען א ווייכע בארנע אדער אפאר פלוימען, אבער דאס האט נאר פאסירט דאמאלס, ווען א קויש אויבסט איז צעשאטן געווארן איבערן מארק און מיר פלעגן ארומקריכן און אויפקלויבן די סחורה.

אבעשיכען האט מען אויך קיינמאל נישט געזעען אין דער ווייבערשער שול, מען האט איר, בכלל, קיינמאל נישט געזעען אין קיין אנדערע מלבושים. שטענדיק אין די טונקל-קאלירטע, זומער מיט ציצענע, ראגאווע, בלימל-דיקע פאטשיילע אויפן קאפ, פארבונדן אונטער דער גאמבע אין א שלייפל און ווינטער מיט א וואלענער, איבערגעלייגט אויף צווייען צו פארמירן דריי עקן. די פאטשיילע האט געהאט גרויסע סקווערן פון א העלערן קאליר, וועלכע האבן זיך גראדע נישט צוגעפאסט צו איר פיגור. בלויז איין סקווער האט פארדעקט איר גאנצע פלייצע.

א געדאנק פלעגט זיך אמאל ביי מיר פארגנבענען: אפשר איז זי גאר נישט קיין יידישע פרוי? איי, וואס זי רעדט יידיש? — איז דאס אבער נישט קיין ענטפער. יאנעק דער שבת-גוי און מארושא די שבת-גויע האבן אזוי גוט גערעדט יידיש, אז אין זייער געגנווארט האט מען זיך געדארפט פילעווען מיט יעדער קללה אויף די גוים. און וואס איז מכח די עטלעכע קריסטלעכע דינסטמיידלעך? ווען זיי פלעגן העלפן אנטון און וואשן די קינדער צו גיין אין חדר אריין, האבן זיי דאך אויסגערעדט זיך זייערע הערצער פאר די באהעל-פערס — יידיש!

איידער איך האב פארלאזט ביאלע האב איך אויף די פראגן — ווער איז אבעשיכע? ווען און פונוואנען איז זי געקומען? קיין קלארן ענטפער נישט באקומען.

א ב י א ל ע ר

(דער ארבעטער טוער „ברוך סראלע מוליארס")

שוין אוועק איבער צוואנציק יאר זינט עס איז אין לאנדאן געשטארבן דער מיטגרינדער פון ארבעטער-רינג, זשורנאליסט און מיט-רעדאקטאר פון דער טעגלעכער צייטונג „די צייט", רעדאקטאר פונם וואכנבלאט „דער פאמיליען-פריינט" און א פראגרעסיווע פאליטישע פערזאן, וואס איז רעס-פעקטירט געווארן פון אלע פאליטישע שיכטן — ברוך וויינבערג.

צום באַדויערן איז מיר נישט געלונגען צונויפצוזאַמלען גענוג מאַטעריאַל צו שרייבן וועגן זיין פיל־פּאַכיקער טעטיקייט אין לאָנדאָן. וויל איך דאָ בלויז שילדערן אייניקע עפּיזאָדן פון זיין לעבן אין ביאַלע.

*　　　*　　　*

ברוך ווייַנבערג שטאַמט פון אַ האָרעפּאַשנער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ מוליאַר און אין פאַרגלייך מיט אַנדערע בעלי־מלאכות אין שטאָט האָט די משפּחה געלעבט גאַנץ באַקוועם.

מיין באָבעס „שטיבל" — אַזוי האָט מען באַצייכנט דאָס לאַנגע, שמאָלע, מיטן הויכן סופיט שטיבעלע, וואו מען האָט מיר דערציוגן — איז געווען אַ טיר לעבן אַ טיר וואו סראַלע מוליאַר האָט געוואוינט. ברוך האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער, אַלטער, און אַ יונגערן ברודער, שאיע. דאָ אין לאָנדאָן האָט שאיע זיך גערופן ווינאָגורסקי.

זיי האָבן געהאַט עטלעכע צימערן דערפאַר בין איך געווען אָן אָפּטער איינגייער צו זיי. אָבער אויך צוליב דעם, ווייל דאָרט האָט מען אַלע וואָך געבאַקן חלות און ווייבער פלעגן ברענגען זייערע טשאָלנטער צו פאַררוקן. די הויפּט־אורזאַך אָבער איז געווען דאָס זייער ברייטע בעט, וואָס איז געשטאַנען אויף פיר הויכע פיס. דאָס בעט איז געשטאַנען אַזוי אומגעלומפּערט הויך, אַז איך מיט שאיען האָבן זיך גאַנץ באַקוועם געקענט שפּילן אונטערן בעט און נישט געווען אין קיינעמס וועג. ברוך איז שוין געווען „אַ גרויסער בחור" און זיך באַשעפטיקט, מיט אַלטערן, אין לייענען ביכלעך און סודען זיך.

אין די ווינטער־מאָנאַטן, פרייטאָג נאָכן עסן, אַז דער זיידע האָט שוין נעכראָפּעט און געפייפט אויפן הימל־בעטל און די באָבע איז שוין געשמאַק געשלאָפן, פלעגט ברוך מיט אַלטערן אַריינקומען צו אונז אין שטיבעלע, וואו עס האָבן אויך געוואוינט מיינע צוויי מומעס, אין די זעלבע יאָרן וואָס די בחורים. די מיידלעך האָבן אַלע פרייטאָג שוין אָנגעגרייט אויסגעטרוקנטע באַניע־קערן, און די בחורים פלעגן אַריינברענגען מעשה־ביכלעך. די ליכט זענען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען, בלויז דאָס לעמפּל אויפן וואַנט האָט געוואָרפן אַ טונקעלע שיין אויפן טישל, אַרום וועלכן די עלטערע זענען געזעסן. און יענע אונטן איז אויסגעקומען צו זיצן אויפן בעט אָדער אויף דער שלאַף־באַנק. דאָס ריטמישע קנאַקן פון די באַניע־קערן פלעגט פון צייט צו צייט איבערגעריסן ווערן פון אַ פאַרשטיקטן געלעכטער . . . צי די ביכלעך זענען געווען הומאָריסטישע אָדער שונד־ליטעראַטור אָדער דאָס לאַכן האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט די ביכלעך, ווייס איך נישט . . . מיך האָט אינטערעסירט אַ גאַנץ אַנדערע זאַך: אַז די פאַדלאָגע איז באַדעקט געוואָרן פון די באַניע־קערן שאָלעכץ, ווי מיט אַ ווייסן טעפּיך, בין איך שוין געווען אונטערן טיש אָנצוקלייבן אַ זשמעניע מיט קערלעך.

מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך קריסטאַליזירט אין פּאַרטייען און פראַקציעס, איז ברוך ווייַנבערג אויפגע־

טרעטן אין ביאלע אלס דער פיאנער פון „בונד״. אמת, אז אין שטאט האבן מענטשן נישט באגריפן וואס עס קומט פאר. מען האט געשפירט, אז עפעס אויסטערלישעס קומט פאר אין פארגלייך מיט דעם געוועגלעכן טאג־טעגליכן לעבן. א טייל פון דער יוגנט, מיט ברוך׳ן בראש, האט זיך ווי אפגעריסן פון דער שטאטישער יוגנט און זיך אויסבאהאלטן פון די עלטערן; זיך געסודעט אזוי ערנסט און אפילו שבת בייטאג, ווען מען פלעגט גיין אין וואלד אריין, האבן זיי זיך געהאלטן באזונדער פון דער איבריקער יוגנט. וואס האט זיך געהוידעט אויף גראבע שטריק צווישן צוויי ביימער אדער זיך געקאטשעט אין גראז מיט די מיידן, וואס זייער הילכיק געלעכטער האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן וואלד פון איין בוים צום צווייטן. ברוך פלעגט דעמאלט זיצן ביים טייך מיט זיין גרופע פארטיפט אין אן ערנסטער דיסקוסיע און קוקן אויף די געהילץ־טראטוארס, וועלכע זענען זיך אזוי לאנגזאם געפלאסן אין דער ריכטונג פון ברעסט־ליטאווסק קיין טיף רוסלאנד.

ביסלעכוויז האט זיך דערטראגן אין שטאט אריין אזעלכע פרעמדע ווער־טער, ווי „פראקלאמאציע״, „קאנספיראציע״, „בונד״, „בירזשע״ און אזעלכע ראשי־תיבות, ווי „פע פע עס״, „עס ער״, „עס דע״. מענטשן האבן אויסגע־שטעלט מויל און אויערן, געהויבן מיט די אקסלען און נישט געקענט פאר־שטיין וואס אן אנשיקעניש ס׳איז געקומען אויפן שטעטל. מען האט געק־רעכצט און געהויקעט אויף די עלטערן, וואס ג׳אט האט זיי, נעבעך, געשטראפט מיט א זונדל, וועלכער פארשווארצט זיי די יארן און וועט נאך, חלילה, ברענ־גען אן אומגליק אויפן גאנצן שטעטל.

דאס אומגליק האט נישט געלאזט לאנג ווארטן אויף זיך?

אין א געוויסן שבתדיקן פרימארגן איז דאס גאנצע שטעטל ווי פארא־ליזשירט געווארן. יידן אויף די טירן און די, וואס זענען געגאנגען צום ערשטן דאווענען, האבן מיט ערנסטע פנימער גערעדט וועגן דער „אבלאווע״, וואס איז פארגעקומען אין שטאט פרייטאג נאך האלבער נאכט. די נייעס וועגן דער אבלאווע האט זיך, ווי א ווירבל־ווינט, אריינגעדרונגען אין יעדן יידישן הויז. מען האט מורא געהאט ארויסצורעדן א הויך ווארט, און איינער דעם צווייטן האט דערשראקן שטיל געפרעגט:

— וועמענס תכשיטל האט מען דאס ארעסטירט?

— אך און וויי צו זייגע עלטערן!

ווייבער האבן זיך געבראכן די הענט, און מענער האבן זיך געקליגט:

— נו, וואס דען, וואס קען מען דערווארטן פון אזא טאטן?

אדער:

— קיין טאטן — נישט דא געדאכט! — האט עס נישט, דארף זיין אלטע מאמע, נעבעך, אויסשטיין חרפות און בושות פון איר צעבאלעוועט זונדל!

אין יענער נאכט איז ברוך מיט בײדע ברידער ארעסטירט געווארן צוזא־מען מיט נאך א צענדליק יוגנטלעכע. די רוסישע מאכט האט שוין, אפנים, פארויס געוואוסט וואס אין שטאט קומט פאר, ווייל די שפאגל־נייע טורמע,

אין צפון פון שטאט, האט זיך דערפריידט מיט אירע ערשטע פאליטישע ארעסטאנטן.

עס דארף דא געזאגט ווערן, אז אויך גאט האט געשטראפט מיט איין האנט סראלען מוליאר מיט דריי בנים „רעוואלוציאנערן", האט ער אים מיט דער צווייטער האנט געבענטשט מיט דריי שיינע קינדער. דער שענסטער פון זיי איז געווען שאיע, אבער ברוך האט אויך באזעסן כאראקטער־שטריכן פון א שטארקן ווילן, צוזאמען מיט א גוט־דערצויגנקייט וואס האט זיך אויסגעדריקט אין זיינע שמייכלענדיקע אויגן. ער איז געווען א געבוירענער הומאריסט, און אין די שפעטערע יארן פון זיין לעבן האט ער געקוקט מיט א סאטירישן בליק אויפן לעבן.

איז טאקע בישט קיין וואונדער, וואס מיינע מומעס האבן מיך די נעכסטע שבתים נאך דער אבלאווע מיטגענומען צו מיין פעטער מענדל רויזעס, וואס האט געראדע געוואוינט אין א הויז אויפן ערשטן שטאק, פונקט קעגנאיבער דער בייער פירמע. ס'האט אויסגעקוקט אביסל קאמיש ווי די „פאליטישע" מאכן זייערע איבונגען אויפן קליינעם הייפל פון דער טורמע, און יעדעס מאל, ווען די ווייבערגס האבן פארביימארשירט אין א קיילעכדיקן ראד קעגנאיבער אונזער פענסטער, האט מען זיך אויסגעטוישט מיט פריילעכע בליקן און מאדנע צייכנס. מיין פעטער האט דערקלערט, אז די צייכנס באטייטן, אז מען וועט זיי צוערשט שיקן אין ווארשעווער ציטאדעל.

ווען איך האב פארלאזט ביאלע איז שוין ברוך געווען אין סיביר. ווען איך האב מיט עטלעכע יאר שפעטער געטראפן שאיען אין ווארשעווער יידישן שפיטאל, וואו מיר זיינען ביידע געווען פאציענטן, האט ער מיר געזאגט, אז ברוך גרייט זיך צו פארן קיין לאנדאן.

זיין לעבן אין לאנדאן עטלעכע און פערציק יאר פארדינט א בכבודיקן פלאץ אין דער געשיכטע פון דער לאנדאנער יידישער פרעסע, און קולטור־ארבעט.

המנס מפלה

אין א קליין שטעטל ביי בריסק האט געוואוינט אן אלמנה, מיט צוויי קינדער: א ייִנגל פון א יאר צוועלף און א מיידעלע פון א יאר זיבן. זי די אלמנה האט מען גערופן גיטל, און אלט איז זי געווען אן ערך פערציק. מפרנס געווען איר פאמיליע האט זי פון די גראשעדיקע פארדינסטן אין מארק.

אזוי צוגעוואוינט צו דחקות איז שוין די פאמיליע געווען, אז מען האט זיך, חלילה, קיינמאל נישט באקלאגט פאר קיינעם און די אלמנה האט שטענדיק געהאט א שמייכל אויף איר אויסגעדארט פנים.

טאקע נישט אין „כרפס חור ותכלת", נאר די קינדער זענען תמיד געווען ציכטיק אנגעטון אין מלבושים, וואס די מאמע האט איבערגעענייט פון אייבגעהאנדלטע אלטווארג אדער פון וואס זי האט באקומען בחינם ביי פאר־

מעגלעכע בעלי־ביתסטעס. אזוי ווי זי איז געווען א גוטע פון דער נאטור און רעליגיעז געשטימט, האט זי קיינמאל קיין טענות נישט געהאט, נישט צו ג־אט און נישט צו לייטן.

ביי איר אין אויפגערוימטן, ציכטיקן אלקער האט מען קיינמאל קיין הויך ווארט נישט געהערט. עס האט דארטן געהערשט מער שלום אין אט דעם אריכען אלקער ווי אין אסך פערמעגלעכערע וואוינונגען, וואו דאס אכילה־פראבלעם רופט אפטמאל ארויס א צאנקעריי . . . אזעלכעס האט דא נישט עקזיסטירט. מען האט אלץ אנגענומען פאר ליב.

אמאל אין אן אסיען־טאג, בשעת די אלמנה האט זיך ארומגעדרייט אין מארק, זוכנדיק וואו א גראשן צו פארדינען, שטעלט זי אפ שפרינצע די מעקלערין, וועלכע איז אויך געווען א שדכנטע, און גיט איר א פרעג.

— גיטל, האסט שוין געהערט די נייעס?

— וואס פאר א נייעס? — ענטפערט גיטל מיט א פראגע אויף א פראגע.

— האסט גארנישט געהערט וועגן דעם בריסקער ייד, וואס שטייט דא איין אין דער אכסניה? — פרעגט ווייטער שפרינצע די מעקלערין, און זי ווארט נישט אויף קיין ענטפער. — ווייסט אויך נישט פארוואס ער האלט זיך דא אויף שוין א גאנצע וואך? לאמיר דיר זאגן, ער איז, אפגעהיט זאל מען ווערן, אן אלמן, וואס זוכט טאקע א לייטישן שידוך פאר זיך. אמת, נישט קיין יונגערמאנטשיק, אבער ער איז שוין אויסגעפארן א וועלט. אזש פון אמעריקע איז ער צוריקגעקומען אהער, נישט מאכנדיק קיין סוד פון די שווערע הונדערטער רובל, וואס ער האט מיטגעברענגט פון דארטן . . . זיך צקריגט מיט זיין זון אין אמעריקע, זאגט ער. נו, איצט אויף דער עלטער וויל ער זיך באזעצן אויף אן ארט און לעבן רואיק, געמיטלעך.

גיטל די אלמנה האקט איר איבער די רייד, און זאגט:

— גלויבט מיר, שפרינצע, אז איך האב גענוג מיינע אייגענע דאגות. וועמען גייט עס אן וואס א בריסקער ייד זוכט ארום? וואס עפעס האט ער פארבלאנדזשעט צו אונז אין שטעטל אריין? וואס, אין בריסק איז אזא יקרות אויף ווייבער?

— אבער גיטלשי, — כאפט איר שפרינצע די מעקלערין אן ביים ארעם, וואס רעדסטו? זינט דער ייד האט דיך נעכטן געזעען האנדלען אין מארק, הערט ער דאך גארנישט אויף צו רעדן וועגן דיר! עס איז ביי אים, זאגט ער, א פראסטע רעכענונג: מיט זיין געלט און דיין קענטעניש וועסטו דאך זיך נישט דארפן ארומשלעפן אין מארק אין אלע דרויסנעס. א געוועלב וויל ער דיר עפענען, וואס טויג אים, זאגט ער, דאס געלט און דארפן לעבן נע־ונד? און לאמיר זיך נישט נארן, גיטל, ווילאנג איז דער שיעור זיך צו מוטשען און נישט וויסן פונוואנען דאס שטיקל ברויט וועט קומען? דיינע קינדער, נעבעך, וועלן דיר נישט דארפן קוקן אין די הענט אריין יעדן אוונט אויף א ביסן ברויט אדער, חלילה, זיך דארפן לייגן שלאפן הונגעריקע. פאלג מיך, און שפאר דיך נישט איין, נאר גיי און רעד זיך דורך מיטן ייד. איך

בין זיכער, אז דו וועסט מיך אייביק נישט פארגעסן.

דער ייד פון בריסק האט נישט לאנג געלאזט ווארטן ביז מען וועט אנטדעקן זיין גראבן כאראקטער. באלד נאך דער חתונה מיט גיטלען דער אלמנה האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם פון זיין צוזאג צו פארלייכטערן דאס געמיט פון דער ארימער פאמיליע, פאר די פאר גראשנס, וואס ער האט ארויסגערארבעט פון זיין שמוציק בייטעלע אלס צושטייער אויף פרנסה, האט אים גיטל געדארפט אפגעבן דין־וחשבון . . . און אז ער האט אהיימגעברענגט א פריש ברויטל, האט זיך קיינער נישט געטארט צורירן דערצו. ווי אויף צו להכעיס פלעגט ער זיך אין אזעלכע פאלן אוועקשטעלן לעבן די ארימע קינדער, רייסן לעבעדיקע שטיקער און שלינגען דאס ברויט בשעת ס׳איז נאך געווען פריש און שמעקעדיק.

עס איז ביי אים געווען אזא מין טעגלעכע באשעפטיקונג איבערצוציילן די צעקוועטשטע הונדערטער רובל אין שמוציקן טארבעלע אדער סתם ליגן אויף זיי ווי א צעפאדלעטער הונט אויף א פעטן בייך. עקאנאמיש איז די לאגע פון דער פאמיליע לגמרי ערגער געווארן, וואס ער האט געגעבן האט אפילו נישט געקלעקט אויף זיין אייגן עסן, און פון דעם שטילן, ציכטיקן אלקער ארויס האבן זיך גענומען לאזן הערן קולות, געשרייען און קללות!

ס׳האט נישט לאנג געדויערט און דער בעכער איז פול געווארן פאר גיטלען מיט אירע קינדער. זיי האבן מער נישט געקענט פארטראגן די פאר־סמטע אטמאספערע, וואס האט זיך געשאפן, און מען האט גענומען זוכן אן אופן וויאזוי זיך צו באפרייען פון דער אומדערטרעגלעכער לאגע.

גיטלען איז קלאר געווארן, אז זי מוז געפינען א וועג וויאזוי צו צעט־רענצלען דעם אלטנס הונדערטער . . . הכלל, געטריבן פון איר נויט און בושה פאר לייטן, האט זי זיך איינמאל פאר אלעמאל אנגענומען מיט מוט און געזאגט:

— אדער מיר פארן אלע קיין ווארשע און פון דארט קיין אמעריקע אדער דו נעמסט דיר דיינע שמאטעס מיטן געלט און גייסט דיר אהין פונוואנען דו ביסט געקומען!

ווילנדיק־נישט ווילנדיק, דער אלטער האט אראפגעשלונגען די ביטערע פיל . . .

ביים „שווארצער״ אין שטוב איז ער פטור געווארן פון זיינע הונדערטער, און אזוי האט ער שוין פארלוירן די מאכט, אויף וועלכע שוואכלינגען שטיצן זיך. אביסל דאלארן אבער איז אים פארבליבן, און אויך די דאזיקע „פעסטונג״ האט אים געמוזט חרוב ווערן, מען האט געמוזט צווינגען דעם אפגעשוואכטן שונא צו פולשטענדיקער קאפיטולאציע!

זייענדיק אין דייטשלאנד אויפן וועג קיין אמעריקע, האבן גיטלס קינדער גענומען מאכן אן אטאקע אויף דער דאלאר־פעסטונג זיינער. דורך פאר־שידענע אויסריידן האבן זיי ביי אים צעשלעפט די דאלארן, מכלומרשט אויף אפצאלונגען אין ביוראס אדער סתם אזוי ארויסגעשלעפט זיי אים פון זיינע

כאלאטן־קעשענעס בשעת ער איז אזוי געגאנגען איבער די גאסן אין ברעמען, צעבראסטעט און פאריאכמערט, פאכנדיק מיט די הענט . . צווישן גיטלס קינדער און דעם ייד פון בריסק האט זיך אנטוויקלט א פארביטערטער קאמף ביזן לעצטן דאלאר . .

דער לעצטער „צוריק־טריט" פאר דעם פארשווין, ארויפקומענדיק אויף דער שיף, איז געווען א זאק סוכארעס, וואס ער האט מיטגענומען „זיך צו דערכאפן דאס הארץ". טאג און נאכט איז ער געלעגן אויפן דאזיקן זאק, נישט צולאזנדיק קיינעם צו אים. ביינאכט פלעגט מען אים הערן בורטשען; דאס האט ער זיך, אזוי צו זאגן, אויסגערעדט זיין ביטער הארץ פאר די סוכארעס, און זיי אויס מיטלייד האבן, נעבעך, געקרעכצט און זיך צעקרישלט אונטער אים.

די קינדער האבן געדולדיק געווארט אויסצופירן דאס שפיצל, וואס זיי האבן געפלאנעוועט, אן „אטנטאט" אויפן זאק סוכארעס. בלילה ההוא נדדה שנת המלך, אינמיטן דער נאכט איז דעם אלטן נישט גוט געווארן, און גיטל האט אים ארויפגענומען אויפן דעק, כדי צו כאפן אביסל פרישע לופט. ער איז צען מינוט שפעטער צוריק אראפגעקראכן אין דער קאיוטע אריין, און ווען שוין געווען נאך אלעמען . . .

ווען די קינדער האבן ארויפגעטראגן דעם זאק סוכארעס אויף דער אנדערער זייט דעק, האט זיך דער זאק פלוצלינג ארויסגעגליטשט פון זייערע הענט, ווי רוחות וואלטן אים געריסן און — פליאך! — א כוואליע האט אים געגעבן א כאפ ארום און פארטראגן אין די טיפענישן פון אטלאנטישן ים.

קיין אמעריקע האט מען די פאמיליע נישט אריינגעלאזט, אבער פאר גיטלען מיט די קינדער איז דאס פשוט געווען א לוסט־רייזע.

צוריקגעקומען קיין ווארשע, האט ערשט דער ייד פון בריסק געכאפט די אמתע המנס מפלה. גיטל האט אים פשוט ארויסגעווארפן פון שטוב און אים נאכגעווארפן זיינע שמאטעס דורכן פענסטער. ס'האט אים בלויז צוגעפעלט זרשס שעפל אויפן קאפ . . . און ביי גיטל דער אלמנה איז געווארן ששון ושמחה ויקר.

מיין ערשטע קארעספאנדענץ צום „פריינט אין פעטערבורג"

(הומארעסקע)

איך גיי זיך דא לחלוטין נישט בארימען פאר אייך, אז מען האט מיך איינגעלאדן פון דער רעדאקציע צו ווערן דער ביאלער קארעספאנדענט פון „פריינד". אודאי ווייס איך איר וועט עס מיר נישט גלויבן. דעם אמת געזאגט האב איך אפילו נישט געווארט אויף קיין איינלאדונג, זייענדיק זיכער, אז אזוי גיך ווי זיי וועלן נאר דערהאלטן הארטן אין פעטערבורג מיין באריכט פון סטרייק אין ביאלע, וועלן זיי נישט בלויז זיך בעטן ביי מיר צו ווערן זייער קארעספאנדענט, נאר וועלן אויך איין אין וועגס ביילייגן מיט זייער ביטע

אן אוואנסל פון לערך א קנאקעדיקן צען רובל באנקנאט. טאמער איז א צען רובלדיק פאפירל גראדע נישט בנמצא, וועלן צוויי פינף רובלדיקע אויך טויגן.

קיין פלענער וואס צו טון מיטן געלט האב איך לעת־עתה נישט געמאכט, ווילנדיק זיין פארזיכטיק, א קשיא אויף א מעשה?...

מיין טעמע איז געווען „דער ביאלער מארק ווערט אריינגעשלעפט אין דער סטרייק־כוואליע". אט דאס, האב איך מיר געטראכט, וועט בלי שום ספק מאכן א געוואלטיקן רושם סאי אין דער רעדאקציע פון „פריינד" סאי אין גאנץ פעטערבורג. אין דער פאנטאזיע האב איך מיר פארגעשטעלט ווי דער רעדאקטאר בכבודו ובעצמו ווערט מלא שמחה, רייבט זיך איין האנט אין דער אנדערער, ריידנדיק צו זיך אליין: „אט דאס איז א טאלאנט! אט דאס הייסט שרייבן!"

יא, איר וועט דאך מסתמא וועלן וויסן וואס אייגנטלעך איך טו אין ביאלע, אז וואויגען וואוין איך גאר אין ווארשע! וועל איך אייך דאס טאקע דערקלערן. אין יענע טעג — אסיען, 1905 — איז אסך מענטשן אויסגעקומען צוצוהונגערן אין ווארשע צוליב צוויי טעמים: ערשטנס איז נישט געווען געגנוג ארבעט און צווייטנס איז געווען שווער צו באקומען א ברויטל מיט א הערינג אדער אן א הערינג.

די סאלדאטן אין די קאזארמעס אויפן פזשעיאזד האבן זיך געהייסן אפ־גילטן פאר א פערטל פון א סאלדאסקן לעבן ברויט, וואס זיי פלעגן ארויס־דערלאנגען דורך די פענסטער אויף דער נאוואליפיע גאס, און אז ס'האט זיך שוין אמאל באוויזן, טאקע אויפן פזשעיאזד, א יידישער בעקער מיט א קוישל אויפן ארעם און מען האט געמיינט די ישועה איז שוין געקומען, האט זיך אויסגעלאזט, אז ער טראגט נאר קיכלעך צו פארקויפן. דער בלויזער ריח פון די קיכלעך, באשאטענע מיט מאנטשקע, איז געווען גענוג אייך צו טרייבן צו משוגעת. די סכנה איז ממש געווען גרויס, אז חברה וועט אים בא־לאגערן, אים געבן עטלעכע בוכצעס אין די זייטן און מאכן א ויברח מיטן קוישל קיכלעך.

האב איך באשלאסן ביי מיר צו שטעלן פיס צום ברעסט־ליטאווסקער וואקזאל אין פראגע. ארבעטסלאזיקייט גייט דאך האנט אין האנט מיט הונגער, נו, און וואס מער אייגער ליידט פון דער ערשטער חולאת אלץ שווערער מוז עס אים אנקומען פטור צו ווערן פון דער צווייטער...

יענעם אוונט האט דער ביאלער מארק גענומען גאר אן אקטיוון אנטייל אינם סטרייק. מען האט אין ערגעץ נישט געזען די פארקויפערינס פון קוואס־עפעלעך, דזשענעכץ, הערינג־ראסל און אנדערע באטעמטע מאכלים. די שטעלעס זענען געווען פארלאזט אויף הפקר. הינער־פיסלעך און קעפלעך פון פיש האבן זיך פראנק און פריי ארומגעוואלגערט אומעטום.

האב איך מיך אנידערגעזעצט אויפן סאמע מארק, גענומען מיין שרייב־געצייג און אנגעהויבן שילדערן די ראלע פון ביאלער מארק אין אט די

גרויסע געשעעניש׳ן. אויך די לבנה איז מיר צוהילף געקומען, ווייל הגם די לאמטערנע האט שוין געפינטלט אויפן ראג מארק ביי דער „קאזע״, איז אבער איר שיין צו מיר נישט דערגאנגען.

צומארגנס בייטאג, ווען כ׳האב פארגעלייענט מיין באריכט פאר די שכנים פון הויף, האב איך באמערקט ווי די ווייבער הויבן אן קוקן מיט גרויס דרך־ארץ אויף מיין מאמען . . .

אנגעשריבן דעם אדרעס און פארקלעפט דעם קאנווערט, האב איך מיך פלוצלינג ארומגעזעען, אז מען מוז ארויפלייגן א פאסטמארקע . . . אבער וואו נעמט מען די זיבן קאפיקעס דערצו? איך האב גוט געוואוסט, אז אויב מען שיקט פון דער היים א בריוו קיין ווארשע אן א פאסטמארקע, באצאלט מען טאפלט ביים אפנעמען דעם בריוו. פארוואס זשע נישט שיקן מיין באריכט טאקע אן א פאסטמארקע קיין פעטערבורג?

לאז איך מיך גיין צום בריוו־קאסטן ביים מאגיסטראט, נישט ווייט פון דער „קאזע״. געקומען אהין — אוי, א חורבן! דער קאסטן איז אנגעשטאפט מיט בריוו, וואס א טייל שטעקן ארויס די קעפ, ווי בעטנדיק זיך, אז מען זאל זיי באפרייען פון דער ענגשאפט. ביי איינעם פון די ארויסשטארצנדיקע בריוו האב איך באמערקט ווי די מארקע זיינע הענגט אויף א האר . . . א ליאדע ריר און זי פאלט אראפ פונם קאנווערט. אזוי איז עס טאקע געשעען. מיט איין ריר און די מארקע איז ממש געלעגן ביי מיר אויף דער האנט!

א בת־קול האט צו מיר א זאג געטון: „משה, טראג דיך אפ פון בריוו־קאסטן אויב נישט, קענסטו נאך ווערן א שכן פון וואויטעק דעם שכור, וואס זיצט דא טאקע אין דער קאזע״.

דעם צווייטן פרימארגן בין איך מיר לאנגזאם געגאנגען מיט מיין בריוו מיט דער ארויפגעקלעפטער מארקע, וואס איך האב געראטעוועט פון פארלוירן ווערן. אן אפקלאנג פונם ״דנא פון בריווקאסטן האט זיך געהערט ווי איך האב אריינגעווארפן מיין בריוו.

שניידער געזעלן זענען געשטאנען אויפן שול־הויף, אריבערוואַרפנדיק זיך מיט ווערטלעך בעת די מייסטערס זענען ארויסגעקומען פון שניידער־שטיקל, „היינט וועלן זיי אליין מוזן ארויסטראגן די פאמעשאפן!״ „אוי, וועט מיין מייסטער עס היינט כאפן א מפלה פון זיין מעוברתער יידינע״, און ענלעכע.

איך זע דאך שוין ווי אומגעדולדיק איר זענט צו וויסן צי מיין קארעספאנדענץ איז טאקע דערשינען אין „פריינד״. וועל איך אייך דערציילן. מיט עטלעכע וואכן שפעטער, ווידער זייענדיק אין ווארשע, האב איך געלייענט אין א צייטונג, אז דער שנעלצוג פון דעם און דעם טאג פון ברעסט־ליטאווסק קיין פעטערבורג איז צוליב א נישט־פארויסגעזעענער סבה אראפ פון די רעלסן . . .

אבער די האפנונג צו ווערן א קארעספאנדענט האב איך קיינמאל נישט אויפגעגעבן. געפילט אין די ביינער מיינע, אז דער טאג מוז קומען, און ער

איז טאקע געקומען! פונקט פופציק יאר שפעטער האב איך געהאט מיין דעביוט, נישט בלויז אין לאנדאן, נאר אין סאמערהאדנעם פאריז!

וואס האב איך געטאן אין משך פון די פופציק יאר „זשורנאליסטישער פויזע? ר׳ייד, לאזט מיך צופרידן מיט אייערע פוסטע קושיות איך פרעג אייך דען וואס איר האט געטון אין פופציק יאר?

ביי אן „אסימילאטאר״ אויף חנוכה

געקומען בין איך קיין לאנדאן עטלעכע וואכן פאר חנוכה, און דאס ערשטע, וואס איך האב באמערקט אויף די לאנדאנער גאסן, אין דער באגלייטונג פון א שעלטער־שליח, איז געווען א שטאק־פינסטערניש! פרעג איך מיין באגלייטער:

— ווען ווערט דא טאג?

זאגט ער, אז טאג איז שוין לאנג געווארן . . .

פרעג איך אים:

— פארוואס זשע איז נאך פינסטער?

זאגט ער:

— הייַנט וועט שוין זיין פינסטער דעם גאנצן טאג.

קוק איך אים אן און טראכט ביי זיך: א ליטוואק בלייבט א ליטוואק! נאר וואס דארף ער חוזק מאכן פון א „גרינעם״? און טאמער האט עמיצער פון אים חוזק געמאכט, ווען ער אליין איז געווען א „גרינער״, דארף ער נקמה נעמען אין מיר?

וויל איך דאך דערגייען א טאלק, גיב איך אים ווידער א פרעג:

— זאגט מיר דעם אמת, איז טאקע דא אין לאנדאן אלע דינסטאג פינסטער א גאנצן טאג?

אבער אזא פראגע האט ער נישט דערווארט. איך האב עס געקענט זען אין זיין בייזן בליק אויף מיר, אז ער טראכט אדער איך בין א גרינער אידיאט אדער איך מאך פשוט חוזק פון אים. און אנשטאט צו ענטפערן אויף מיין פראגע, האט ער מיך געגעבן א פרעג:

— פון וועלכער סטאט קומט איר דאס?

זאג איך:

— פון ווארשע.

זאגט ער:

— נו, און אין ווארשע האט איר ניט געהערט פון לאנדאנער „פאגעס״?

פרעג איך:

— קעגן וואס איז דאס צוריך געקומען?

זאגט ער:

— זייט ניט קיין סוטה, דאס איז דאך די לאנדאנער פאגע! — און געזאגט האט ער עס מיט א טאן פון א פאטריאט, וועלכער שטאלצירט מיט

לאנדאן און אירע חושכדיקע טעג.

טראכט איך, אז דו ביסט שוין יא אזא חכם, נא דיר! און איך קריך אים אריין אין דער זיבעטער ריפ מיט א קלאץ־קשיא:

— און פארוואס רופט מען עפעס די שווארצע כמארעס, וואס קייקלען זיך פאר אונזערע פיס „פאגע"?

גיט ער מיך א מעסט אפ פון קאפ ביז די פיס און קומט ארויס מיט אזא לשון:

— איר האט נאר וואס ארויפגעסטעלט א פוש אויף די לאנדאנער גאסן, און איר געפונט סוין חשרונות אויף אונזער ענגלאנד! סעמען דארפט איר זשיך!

זיין מינסקער יידיש האט מיך אביסל אויפגערעגט. נאר מיינט נישט, חלילה, אז איך האב פיינט ליטוואקעס. אדרבה, אין ווארשע האב איך זיך געמישט מיט מער ליטוואקעס ווי מיט פוילישע יידן. אבער ווען א ליטוואק רעדט פון „אונזער" ענגלאנד, איז עס א סימן, אז עפעס איז נישט אזוי גלאַטיק מיטן דאזיקן ליטוואק . . . איך האב אים אפילו געוואלט א פרעג טון: פון ווען אן איז דאס ענגלאנד געווארן א ליטווישע מדינה? דא נישט לאנג, ווען איך האב פארלאזט ווארשע, איז, דוכט זיך מיר, דא געווען אן ענגלישער קעניג, אן ענגלישע רעגירונג, און אין ענגלישן פארלאמענט איז אפילו נישט געווען קיין זכר פון א ליטוואק. טא וואס האלט ער זיך אזוי גרויס מיט „זיין" ענגלאנד? ווער האט עס ווען געהערט, אז אן ענגלענדער זאל זיך בארימען מיט זיינע ליטוואקעס?

הכלל, איך זאג אייך, איך האב זיך געוואלט א נעם טון צו מיין באַגלייטער און אים באווארפן מיט פראגעס, אז ער זאל נישט קענען ארויסקריכן. אבער פונקט דעמאלט האבן מיר זיך דערנענטערט צום יידישן שעלטער, וואו א לאנדסמאן האט געווארט אויף מיר. דער דאזיקער לאנדסמאן איז שוין געווען אן „אויסגעגריכטער" און האט זיך נישט בארימט מיט „זיין" ענגלאנד. נאר מיט אים איז געווען נאך ערגער. ער האט זיך בארימט מיט זיין „ענגליש". . ווי נאר ער האט מיך דערזען, גיט ער מיך א פרעג:

— וואו איז יור „פאסלס"?

מיין איך, אז ער פרעגט אויף א פאסיק . . . ווען זאל איינפאלן, אז אין לאנדאן איז א פעקל א „פאסל"? ווער איך צעטומלט און ווייס נישט וואס צו ענטפערן. גיט ער א כאפ דעם קלימיק פון אונטער מיין ארעם, און צוען מינוט שפעטער זיצן מיר שוין אויף דער קאלייקע, וואס פירט אונז צו מיין נייער היים.

דעם לאנדסמאן, וועלכער האט מיך אפגענומען פונם שעלטער אין יענעם „פאגעדיקן" דינסטאג, האט מען אין מיין געבורט־שטעטל גערופן „בערל ברייניע קאטשעלקעס", נאך זיין מאמעס נאמען. און זיין מאמע, די אלמנה, האט מען גערופן „קאטשעלקע" צוליב דריי טעמים: ערשטנס, ווען זי איז געגאנגען האט זי זיך געקאטשעט; צווייטנס, וואס פאר א וויץ עמיצער זאל

נישט דערציילן, גוט אדער שלעכט, קאטשעט זי זיך פאר געלעכטער; און דריטנס — דאס מיין איך איז געווען די הויפּט־סיבה — ווי נאר די שע־וואלביע (מצה־בעקעריי) האט זיך גענומען צו דער ארבעט, האט מען ברייגען אנגענומען אלס די הויפּט־וועלגערקע, ווי א מוסטער פאר די מיידן, וואס פלעגן ליב האבן זיך אדורכוואַרפן מיט פארשייטע בליקן מיטן הויכן שטיפלער, וועלכער פלעגט זיך שאקלען לויט ווי סרעדל איז געגאנגען אין זיין האנט פון איין זייט צו דער צווייטער. ביי בריינען אין די הענט איז דאס וואלגער־האלץ געפלויגן ארויף און אראפּ מיט אזא אימפּעט, אז נישט די קנעטעריגס און נישט דער שטיפלער האבן צייט געהאט אפּצוכאפּן דעם אטעם.

אלס דאמסקער שניידער איז בערל געווען אזוי אריינגעטון אין זיין מלאכה און אין ראמאנסירן מיט די שניידער־מיידלעך, אז ס׳איז אים נישט געבליבן קיין איבריקע צייט צו פארנעמען זיך מיט אזא „נארישקייט" ווי צו לייענען און שרייבן יידיש. און נאך לאנג פארן פריזיוו איז ער שוין געווען קורצזיכטיק און געטראגן דיקע ברילן ביי דער ארבעט, האלטנדיק זיי אין איין פוצן ווען ער האט ראמאנסירט.

ווי נאר ער האט באקומען דעם בלויען בילעט ביים פריזיוו, איז ער אוועק קיין לאנדאן, צוזאגנדיק באלד אריבערצונעמען זיין ווייבל מיטן צוויי־יעריקן טעכטערל. מיר איז עס אויסגעקומען צו שרייבן פאר זיין ווייב א היפּש ביסל בריוולעך, וועלכע האבן געקענט רירן א טויטן, ביז ענדלעך בערל האט זי מיטן קינד אריבערגענומען קיין לאנדאן.

צען יאר שפּעטער איז מיסטער בערנארד קאפּטשאנסקי געקומען מיך אפּנעמען פונעם שעלטער.

מיין לאנדסמאן איז געווען, ווי די ליטוואקעס זאגן, „א גאר גוטיבקער" דאמסקער שניידער און געארבעט פאר זיך, אזוי ווי איך בין א מענער־שניידער, האט ער מיר נישט געטרויט קיין שטאך.

— יאג זיך נישט, — האט ער מיר אפּט געזאגט, — וועסט נאך האבן גענוג צייט צו „דאנקעווען" (דאס הייסט, ארבעטן ווי אן אייזל).

און אז ער האט מיך געפרעגט צי איך קען „פעדען לאפּעלס", מאכן א פאר „סליוווס", אריינמאכן א פאר „פאקעטס" אדער „אויסבייטן" א פאר „איידזשעס", און איך בין געשטאנען ווי א גרינער גולם, נישט וויסנדיק וואס ער רעדט, איז ביי אים פארבליבן, אז איך בין איינגאנצן נישט קיין שניידער. ביז ג.אט האט געהאלפן און ער איז געגאנגען אפּטראגן ארבעט און איידער ער איז צוריקגעקומען האב איך דערווייל אריינגעהאקט א פאר קעשענעס אין א זשאקעט. נאך דעם ווי ער האט די קעשענעס צוגעטראגן צו זיין נאז און האט בודק־חמץ געווען יעדן שטאך צוערשט דורך איין דיקער בריל און דערנאך דער צווייטער דיקער בריל, האט זיך אים די נאז צעש־פרייט אין א שמייכל, ער האט אנגעזאגט זיין ווייב, דאריס, און זיין טאכ־טער, קייטי, די גוטע בשורה, אז ס׳קען זיין אז איך בין טאקע א שניידער.

קיין פרומער ייד איז מיין לאנדסמאן נישט געווען, נאר איך בין ביי

דער מיינונג, אז אויב א מענטש איז נישט רעליגיעז, מאכט ער נישט מער צימעס פון איין רעליגיעזער צערעמאניע ווי פון אן אנדערער, נאר צוקוקנ־דיק זיך צו דעם, וואס האט זיך אפגעטון ביי מיסטער בערנארד קאפטשינסקי אין שטוב אין דער חנוכה־וואך, איז מיר קלאר געווארן ווי מ׳קען, אומ־געבעטן, טאנצן אפילו אויף פרעמדע חתונות . . .

געמיינט האב איך, אז דאס גאנצע באקן, קאכן און פרעגלען איז לכבוד חנוכה און נאכן ערשטן ליכטל וועט מען אנפאנגען פראווען דעם יום־טוב מיט אלע פיטשעווקעס. דאס וואס ס׳האבן זיך באוויזן פלעשער בראנפן און ווייו אין א שראנק האט מיך איבערציוגט, אז מיין לאנדסמאן גייט פראווען חנוכה נאך שענער ווי אין דער היים, ביז . . . פונקט אין טאג פון ערב חנוכה האט זיך אפגעשטעלט א גרויסער וואגן פאר דער טיר און צוויי ערלים האבן ארייגעטראגן און אוועקגעשטעלט ביים פענסטער א בוים, אזוי גרויס ווי מיין לאנדסמאן אליין. קייטיס פנים האט אויפגעלויכטן, ווי די שכינה וואלט זיך פאר איר באוויזן. זי האט אויסגעפוצט דעם בוים מיט קאלירטע פעקעלעך און צאצקעס, אים אנגעפיקעוועט מיט לעמפעלעך די גרויס פון א ווייטנטרויב און ארומגעפארעט ארום אים, אזוי, ווי ער וואלט געווען א בן־יחיד.

איך האב קייטין נישט געקענט פארשטיין. ווי האלט דאס א מיידל אין איין עסן שאקאלאדע און שמאטשקען די פינגער? ווי קומט עס וואס די מאמע אירע זאל זיצן ביז שפעט ביינאכט און שלייפן לעכער פאר בערנארד דעם „גוטיקן שניידער"? דערצו איז זי נאך געווען א ליבהאבערין פון קישקעלעך. לויט ווי איך האב געהערט, האט זי נישט איין בחורס הארץ צעבראכן איבער אירע קישקעלעך . . . ווי נאר זי האט מיט איר ווייבערישן אינסטינקט דער־שמעקט, אז א בחור ווערט פארקאכט אין איר איבער די אויערן, האט זי אים גענומען טאפן דעם דופק און אויסגעפינען צי ער איז נישט קארג אויף קישקעלעך.

האט מיר טאקע איינער פון אירע קרבנות געווארנט.

— זייט פארזיכטיק מיט קייטין. זי וועט אייך נאך אויסמעלקן וויפל ס׳וועט זיך נאר לאזן ביז איר וועט מיד ווערן צו שפייזן זי מיט קישקעלעך ...

ווען ס׳איז געקומען צום בענטשן דאס ערשטע חנוכה־ליכטל, איז דער טיש געווען געדעקט מיט כל־טוב. בערנארדס ווייבל, דבורה, איז געווען אויסגעצירט פון קאפ ביז צו די שפיץ־פינגער אין אויערינגען, גאלדענע קייטן, בראנזאלעטן און פינגערלעך אן שטיינדעלעך, מיט שטיינדעלעך ווי שטערנדעלעך און גרויסע שטיינער ווי לבנות. פון איר שווער ארבעטן אין קיך און ביים וואשטאט, און באהאנגען מיט אזא מאסע גאלד אויף איר קערפער, איז עס געווען א רחמנות צו קוקן אויף איר.

בערנארד קאפטשינסקי איז ארומגעגאנגען אין א פריילעכער שטימונג, מיט א גראבער גאלדענער קייט פון איין וועסטל־קעשענע צו דער אנדערער, און מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. אויף דער קייט זענען נאכגעהאנגען עטלעכע גאלדענע מטבעות.

קיטי האט געהאלטן אין איין פארזוכן די פארשידענע סארטן זיסקייטן וואס זענען געשטאנען אויף א טישל ביי דער זייט.

ענדלעך האט זיך אנגעפאנגען . . . צו באווייזן איין גאסט נאכן צווייטן: „באבקע" מיט זיין ווייב, „שימעלע" מיט זיין ווייב.ביידע זענען זיי געווען אין דער קאטעגאריע פון „גוטינקע שניידער", באזונדערס שימעלע, וואס כאטש ר'איז בלויז געווען א וועסטל־שניידער, פלעגט ער קיינמאל נישט וואגן צו פרעסן דעם שמאלן אקסל פון א וועסטל אין איין גאנג.

— מיט אזא פרעסן באגראבט מען די אקסלען, — פלעגט ער געבן צו פארשטיין.

פלעגט ער טאקע צוערשט פרעסן אויפן שפיץ פרעס־ברעטל א האלבן אקסל און דערנאך איבערדרייען דאס וועסטל און פרעסן דעם אנדערן האלבן אקסל. געטון האט ער דאס מיט אזא התמדה, אז ער פלעגט קיינמאל נישט איבערגיין די גרענעץ פון הער געפרעסטער העלפט. נאך אזא שטיקל קונסט־ארבעט האט ער זיך ערשט פארגונען ארויסצונעמען א טיכעלע און זיך אפ־ווישן זיין הארע, פארשוויצטע נאז און מאכן א מינע, ווי איינער זאגט:

— נאך אזא שימעלע וועט מען אין לאנדאן נישט געפינען!

יעדן פון די געסט האט דער בעל־הבית באגריסט מיט א פריילעכן „מערי קריסטמעס"! ס'האט נישט לאנג גענומען און דער עולם האט זיך אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן אין אט דעם הייליקן יום־טוב . . . פון קריסטוס.

ביי קיטין איז נישט געווען קיין נפקא מינה צי ס'איז קריסטמעס, פורים אדער שמחת־תורה איר אינטערעס איז געווען מער פראזאאיש: וועט מען מעגן עסן קישקעלעך מיט „טשיפס" און וועט זי אמאל פאקן א בחור וואס וועט איר נאכגעבן די „שמד"?

וואס איז געווארן מכוח בענטשן חנוכה־ליכט? בערל ברייגע קאטשעל־קעס האט זיי אנגעצינדן, גאר א סך, אבער נישט אין עפעס א מנורהלע . . . און א מענטש מוז דאך האבן א פיינערן אינטערעס אויך אין גייסטיקע זאכן אחוץ „גוטינקע שניידעריי"!

פון אַלץ צו ביסלעך

משה בעקערמאן

דער גורל פון א פליג

כאטש דאס האט פאסירט מיט עטלעכע יאר צוריק, איז מיר אבער פארבליבן אין זכרון סאַי די שעה, ווען איך בין באגאנגען דעם מארד! מעגלעך, ווען עס וואלט געווען א ברוטאלע רציחה, א מארד צוליב נקמה אדער גאר בעת א רויבעריי און קיין חשד וואלט אויף מיר נישט געפאלן, וואלט איך פרובירט פארטרייבן אט די פאסירונג פון מיין זכרון.

אבער נישט נקמה, נישט רויבעריי און אפילו נישט אייפערזוכט האט געהאט עפעס צו טון מיטן האזיקן מארד. צו באגיין אט די טאט בין איך געקומען מיט א גרינג הארץ, מיט א ריין געוויסן, אין זינען האבנדיק, אז עס וועט גריילעך זיין לטובת דעם קרבן גופא . . .

אחוץ מנוחה האב איך דערפון נישט געהאט וואס צו געווינען.

אפשר ווען די געבעכדיקע פליג וואלט נישט געווען אזוי אפגעשוואכט, אזוי דערשלאגן און וואלט באוויזן אוועקצופליען איידער נאך זי האט זיך דערשלעפט צו די קרישקעס זיסיקייט, וואלט איך אין איר לחלוטין פארגעסן פונקט ווי אין אלע אנדערע פליגן, וואס פלעגן מיך באזוכן יעדן טאג אין דער מיטאג־שעה. נאר מסתמא איז עס שוין געווען אזוי באשערט, אז גראד איך זאל זיין איר מלאך־המות. האב איך דאך מיט דער אייגענער האנט דערשטיקט איר לעצטן אטעם!

ניין, איך זוך נישט מיך רעכטצופערטיקן. איך וויל נאר זאגן, אז ביי דער לעצטער באגעגעניש אונזערער איז זי אליין שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק.

בטבע, ווי איר קוקט מיך אן, האב איך א ווייך הארץ צו פליגן, בכלל, און צו שוואכע פליגן, בפרט. וואס שייך אט די דאזיקע פליג, האט זי ביי מיר דערוועקט א באזונדער געפיל פון רחמנות, מחמת זי איז געווען אזא אומבאהאלפענע, שוואכע בריאה. האף איר דעריבער, אז זי איז אוועק פון אונזער זינדיקער וועלט נישט מיט קיין פארביטערט הארץ אויף מיר, מיין כוונה, נאך אלעם, איז דאך געווען זי צו באפרייען פון אלע אירע ליידן. איך האב מיך דאך נישט געווארפן אויף איר ווי א האלב־משוגענער, נאר ווי א לאגיש־אויסגערעכנטער מענטש מיט בארמהערציקייט . . .

יא, איך בין ביי מיר גאנץ זיכער, אז נישט אלע פליגן זענען זוכה אומצוקומען מיט אט אזא טויט.

די ערשטע באקאנטשאפט מיט איר האב איך געמאכט פיר און צוואנציק שעה פריער. זי האט געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט אויף זיך דערמיט וואס איר לינקער פליגל איז געווען אביסל פארבויגן ארויפצוצו. איך, וואס אן אמת, האב געמיינט, אז דורך א פליגן־שטיפעריי איז דאס געשען . . . אבער ניין, עס איז גאר געווען א פועל יוצא פון חברן זיך מיט לאבוזעס, וואס האבן, ווי מען זאגט, איר „אנגעדרייט אן אויער". אחוץ דעם איז זי געווען א גאנץ זשוואווע פליג.

די יונגיטשקע פליגן, דערהערנדיק אירע פעסטע טריט, זענען אנט־לאפן וואו דער שווארצער פעפער וואקסט . . . נעלם געווארן ביזן היינטיקן טאג. איך אליין האב דעם גאסט ארויסגעוויזן די בעסטע גאסטפריינטלעכ־קייט, מאכנדיק זיך כלא־ידע אויף אירע שריט צו מיין עק טיש און געבנ־דיק איר „א פרייע האנט" איבער דער זיסיקייט.

פיר און צוואנציק שעה שפעטער — אין טאג פון מיין אוועקפארן — זיץ איך מיר אזוי ביים טיש און ווארט אויף מיינע געסט. נאר מען הערט נישט און מען זעט נעישט. ס'איז מיר גוווארן אביסל קאלעמוטנע אויפן הארץ. איך האב מיך געפילט ווי פארלאזן. איך הויב אן קוקן אויף די ווענט, אויפן סופיט, אין ערגעץ נישטא קיין סימן פון א פליג; אפילו די פליג מיטן פאר־בויגענעם פליגל איז אויך נישט בנמצא. מילא, טראכט איך מיר, מסתמא איז עס מיר באשערט צו פירן טיש ביחידות פאר מיין אפפארן. אבער וואס מיך האט פארדראסן איז געווען די זיסיקייט, די נאך־שפייז, וואס איך האב צו־געגרייט אלס א מין באנקעט פאר די געסט מיינע. וואס דען, האב איך מיר געטראכט, איך וועל גיין און באהאנדלען מיינע פליגן ווי מען באהאנדלט פליגן אין פראנצויזישע הייזער? לאזט מען דען דארטן צו פליגן צו א טיש מיט זיסיקייטן!

אין פראנקרייך זענען חברה קליינוווארג באוואפנט מיט אזעלכע ממז־רישע לאפאטקעס, מיט וועלכע זיי האקן איבער די קעפ פון די פליגן אן רחמנות. איר האט דען א השגה וויפל פון אט די שרצים עס באגייען ליבערשט זעלבסטמארד, אריינווארפנדיק זיך אין טעלער קאכעדיקע גרינע זופ (א פאפולער מאכל), כדי ארויסצומיידן א טויט אונטער די קינדערישע גיליאטינעס?

ווי פון הימל אראפ, האט זיך די נעכטיקע פליג פלוצלינג באוויזן. ווען נישט איר פארבויגענער פליגל, אסור צי איך וואלט זי דערקענט! זי האט זיך אינגאנצן געענדערט, פערעלטערט געווארן, איינגעשרומפן. אנשטאט גיין מיט פעסטע, זיכערע טריט, האט זי זיך לאנגזאם געוואקלט צוצוקומען צו מיין עק טיש. מיט די לעצטע כוחות האט זי זיך געשלעפט, אפשטעלנדיק זיך כסדר אפצוכאפן דעם אטעם. א טראגישן איינדרוק האט זי געמאכט אויף מיר. נישט שוין זשע האט זי א גאנצן מעת־לעת נישט געהאט קיין ברעקל אין מויל?

איך פערזענלעך, וואס אן אמת, בין נישט קיין צו גרויסער פליגן־מומחה, דאך בין איך געווען זיכער, אז אירע שעהן זענען געציילטע; אז אט אט גייט זי אויס פון הונגער; און אזא טויט ווינטש איך נישט אפילו די זלידב־עסטע פליגן אין דער וועלט.

אויפן ארט האב איך געמאכט א דראסטישן באשלוס: זעענדיק, אז אין משך פון פאריקן מעת־לעת האט די פליג אדורכגעמאכט א שווער, ביטער לעבן, זאל זי כאטש האבן א גרינגן, זיסן טויט!

בעת אט די פליג האט וואקלענדיק זיך דערנענטערט צו מיין עק טיש האב איך געמאכט דעם פלאן פון דער עקזעקוציע. איך האב אנגענומען א

סטראטעגישע פאזיציע הינטער איר און ווי נאר זי האט אנגעהויבן לעקן די קרישקעס פון דער זיסקייט, האב איך זי, די פליג הייסט עס, באשאטן מיט א לעפל דינעם צוקער.

א טויטע שטילקייט האט נאכגעפאלגט מיין טאט . . .

מיט א שווער געמיט, אבער מיט א ריין, רואיק געוויסן האב איך מיך גענומען פאקן אין וועג אריין.

פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס . . .

מיטן אויסגעשריי. „דיינע ענגלענדער!" האט זיך די טיר פון מיין שרייב־צימער אויפגעפראלט און ס'האט זיך באוויזן מיין לאנדסמאן בערל דער שלייפער. ווען ער איז געקומען קיין לאנדאן, האט ער נישט געוואלט די ענגלענדער זאלן מיינען, אז ער איז אן אויסלענדער מיט א יידישן נאמען. האט ער זיך א נאמען געגעבן „בארנעט שלייפשטיין". . .

באגעגענדיק אים צום ערשטן מאל אין לאנדאן, האב איך אים גלייך דערקענט, נישט חלילה, אין פנים, נאר אין זיינע צווי לאפעס. אין דער אלטער היים, בעת מיר זיינען נאך געווען קינדער, פלעגט ער שטענדיק גע־ווינען ביי מיר אלע קנעפלעך, וואס איך האב אפגעריסן פון וועסטלעך און הויזן אויפן בוידעם, ביז איך האב באמערקט, אז זיינער א שפרייז פון איין קנעפל צום צווייטן איז אזוי לאנג ווי מיינע דריי שפרייזן (האפנטלעך איז די דאזיקע שפיל אין קנעפלעך אייך באקאנט).

הכלל, בערל דער שלייפער באוויזט זיך אין דער טיר פאריאכמערט, פארשוויצט, רויט ווי א בוריק, מיטן קאפעליוש אויף דער פאטעלניצע, און איידער איך דריי זיך אויס, קנאקט ער זיך אריין אין א שטול און קראכט מיט דער שטול צוזאמען!

דעם אמת געזאגט, האלט איך אט די שטול, מיט די דריי פיסלעך און אונטערגעשפארטן קלעצל, בלויז די פאר אויסגעלייענטע צייטונגען, שאכט־לעך פון פאפיראסן, אויסגעריבענע שוועבעלעך און נישט אפגענומענע מאנו־סקריפטן, וואס איך באקום צוריק פון אלע עקן וועלט מיט נישט קיין גאר איידעלע באמערקונגען, ווייל איך האב נישט ליב קיין אומארדענונג אויף דער פאדלאגע, און קיין פאפיר־קארב פארמאג איך נאך דערווייל נישט פון מיינע פארדינסטן . . .

נאר לאמיר בעסער רעדן פון פריילעכערע זאכן: איך הויב אויף מיין לאנדסמאן, זעץ אים אנידער אויף א שטול מיט פיר פיסלעך, דערכאפ אים דאס הארץ מיט א גלאז קאלט וואסער, קודם־כל, און פרעג אים:

— בערל, וואס איז געשען? האט דיך עמיצער נאכגעיאגט? אפשר א גענגסטער, א פאליציאנט, א הונט צי א שטייערן־אינספעקטאר?

זשלאקעט ער דאס קאלטע וואסער און גיט א זאג:

— נאך ערגער!

פרעג איך:

— וואס קען שוין זיין ערגער? האסטו, חלילה, פארפירט א מיידל, צי גאר פארשפילט דיין ווייב אין קארטן? קען עס זיין, אז דיין טעכטערל איז אנטלאפן מיט אן ענגלענדער קיין גרעטנא־גרין?

— נאך ערגער! — זאגט ער.

זאג איך, שוין א ביסל אין כעס:

— הער נאר, בערל, אפשר וועסטו מיר נישט ארויסציען די נשמה און זאגן וואס פאר א דיבוק ס׳איז אריין אין דיר? וואס ווארפט אזוי מיט דיר הענט און פיס און קוקסט אויס ווי א לעבעדיקער מת?

דערהערט די ווערטער „לעבעדיקער מת״, גיט ער שפרונג־אויף ווי אן אפגעבריטער, קלאמערט זיך אין מיינע לאצן און גארגלט ארויס ווי נישט מיט זיין קול:

— אט, אט, אט! דאס, וואס זיי זאגן! זיי רעדן מיר איין, אז איך בין טויט...

הערנדיק אזעלכע דיבורים, טראכט איך: „אוי, לאנדסמאן, ביסטו אויף צרות, נעבעך!״, אבער מען טאר דאך, אין אזא פאל, נישט פארלירן דעם קאפ... מען דארף האנדלען מיט טאקט, מיט ווייכע ווערטער ווי צו א קינד. גיב איך אים נאך א גלאז וואסער און ווענד מיך צו אים בזה הלשון:

— בערעלע, בארויק דיך און דערצייל וואס ס׳איז געשען מיט דיר. אפשר דארפסטו א דאקטאר, אפשר קען איך דיר העלפן?... ווען איך האב דיך דאס לעצטע מאל געטראפן, ביסטו געווען פריש און געזונט, מוז דאך זיין א סיבה!

זעצט ער זיך אוועק צוריק אויף דער פיר־פיסלדיקער שטול קעגנאיבער מיר און מיט אן איראניש־פארקרימטן שמייכל לאזט ער זיין מענה־לשון אין פולן גאנג:

— הער זיך איין, משה, דענקסטו טאקע, אז איך בין פון דעם סארט מענטשן, וואס באגייען זעלבסטמארד? דו ווייסט דאך גאנץ גוט, ווי ווען מיין ווייב האט מיך איבערגעלאזט מיט צוויי פיצלעך קינדער, האבנדיק זיך פאר־ליאפעט אין א שווארצן, איז ביי מיר געווען „שמחת־תורה״, און מיר ביידע זיינען געווען אזוי בגילופין, אז ווען איך האב דיך יענע נאכט געוואלט אפ־פירן אהיים, זיינען מיר ביידע אריינגעפאלן אין רינשטאק אריין און איך האב שיער נישט געפלאצט פאר געלעכטער, זאגנדיק צו דיר: „משה, דו שלאפסט?״ דו האסט דיך געבייזערט, אז דו גייסט אפ מיט בלוט. האב איך דיר געגעבן צו דערקלערן, אז דו גייסט נישט אפ מיט בלוט. נאר מיר געפי־נען זיך אין א רינשטאק און עס רעגנט... נ־ב־בו, איז וואס?... האסטו מיך געפרעגט. האב איך דיר געזאגט, אז אויב דו שלאפסט נישט, וואלט עס געווען א גלייכע זאך צו מאכן א שנעפסל צו פייערן די מפלה, וואס דער שווארצער האט געכאפט! נו, איז מיר הען דעמאלט געלעגן אין זינען זעלבסט־מארד? פון געשעפט איז אפגערעדט; ס׳פעלט מיר דען עפעס? כ׳וווין מיר אין א האטעל, מייד אויס אלע פרויען און מאך אפטע רייזעס אין פרעמדע

לענדער, טא ווי זאל זיך מיר גלוסטן צו באגיין זעלבסטמארד? נאר מעשה צופאל רעד איך מיך אויס פאר עמיצן אין האטעל, אז אין עטלעכע טעג ארום פאר איך קיין אויסלאנד. טא איז וואס? ס׳איז דען א חרפה צו פארן קיין פאריז? פרעגט מיך יענער צי איך האב א פאספארט, זאג איך, אז יא. וואס דען, איך וועל דען גיין און שווארצן די גרענעץ? ביי מיר איז אלץ שטענדיק גרייט אויף א רייזע: א פאספארט, אויסלענדיש געלט און אפילו א בילעט; אלץ וואס מען דארף. אין דער לעצטער מינוט כאפ איך מיין טשעמאדאנטשיק און היידא — איך פאר!

דעם צווייטן טאג דארף איך גראד צופארן צו א באקאנטן נישט ווייט פון לאנדאן. גיי איך און זעץ זיך ריין אין א צוג, פארויכער מיר א ציגאר און שעפ נחת פון ג׳אטס וועלטעל. באך א שעה פארן דארף איך שוין זיין ביי מיין פריינט, נאר דער צוג לויפט און לויפט, ווי עמיצער וואלט אים נאכגעיאגט, און שטעלט זיך גארנישט אפ. ווערט מיר דער ענין א ביסל פארדעכטיק. איך זוך אפ דעם קאנדוקטאר, ווייז אים מיין בילעט און פרעג אים פארוואס דער צוג האט זיך נישט אפגעשטעלט אויף יענער סטאציע. קוקט ער מיך אן און זאגט, אז אט דער צוג מאכט זיין ערשטן אפשטעל . . . אין גלאזגוי און אז דער צוג, מיט וועלכן איך האב געדארפט פארן, איז גאר געשטאנען אויף דער אנדערער זייט פלאטפארמע. הכלל, איך האב שוין געמוזט איבערנעכטיקן אין גלאזגוי. א ברירה האב איך געהאט?

קיין טענצער, ווי דו ווייסט, בין איך דאך נישט, נאר ס׳האט זיך מיר פארגלוסט צו זען ווי שאטלענדער טאנצן. זעץ איך זיך אוועק ביי א טישל און טרינק מיר וויסקי. נו, וואס זאל איך דיר זאגן, איך האב ממש נישט געזען קיין איין פאר הויזן טאנצן! בלויז קליידלעך און קליידלעך . . . ביי אונז אין שטעטל, ווען מען וואלט געזען א מאן אין א קליידל, וואלט מען געלאפן אויף זיין שווארץ וווּנדער. אבער דארט אין שאטלאנד איז עס גאר א וואכעדיקע זאך. ווּעסטו דאך פרעגן, ווי אזוי מען קען דערקענען ווער עס איז א מאן און ווער א פרוי? וועל איך דיר געבן צו דערקלערן: די מענער־פיס זיינען באוואקסן מיט האר און האבן קני ווי פוטבאלן און די מיידלשע פיס זיינען ווי קלעצער. אין שאטלאנד האלט מען נישט פון געטאקטע פיס פאר מיידלעך, ווייל זיי וואלטן נישט הארמאנירט מיט זייערע באבקעוואטע פיגורן . . . א גאנץ לאגישער געדאנק . . .

ביים פרישטיק אין דער פרי פאלט מיין בליק אויף א שטיקל נייעס אין א צייטונג, אז איך, בארנעט שליפשטיין, בין נעכטן געפונען געווארן א דערטרונקענער אין א וואנע! . . . טראכט איך מיר: „צו מיינע שונאימס קעפ!״ ווי קום איך דערטרונקען צו ווערן אין לאנדאן אין א וואנע, אז, ערשטנס, עס איך פרישטיק אין גלאזגוי (דאך גיב איך מיר א קניפ, כדי מיך איבער־צוציַיגן, אז עס איז נישט קיין חלום) און, צווייטנס, מייד איך אויס וואנעס ווי א פרומער ייד מיידט אויס חזיר . . .

הכלל, איך באשליס גלייך צוריקצופארן קיין לאנדאן.

קודם־כל גיי איך אריין אין מיין באנק איינקאסירן א טשעק, ווי נאר דער באנק־באאַמטער גיט א קוק אויפן טשעק און אויף מיר, קוועטשט ער א קנעפּל און באלד באוויזט זיך דער דירעקטאר. דערזעען מיין פּנים, הויבט ער אן פינטלען מיט די אויגן, הוסט אונטער א ביסעלע, ווי איינער אין א פארלעגנהייט. פרעג איך פארוואס ער איז אזוי מטושטש, איך בין דאך נישט געקומען נאך א הלוואה! הערט ער אויף צו פינטלען מיט די אויגן און זאגט מיר, אז מיין געלט אין דער באנק איז „איינגעפרוירן". . . ווייס איך שוין נישט וואס צו זאגן. ווער איז משוגע: איך צי ער? וואס הייסט „איינגעפרוירן"? איך האב דען אריינגעלייגט מיין געלט אין אייער אייז־קאסטן? גיט ער מיר צו פארשטיין, אז אויב איינער שטארבט פלוצלונג, „פרירט מען איין", לויטן ענגלישן געזעץ, זיין געלט ביז מען שטעלט פעסט ווער יענעמס געזעצלעכער יורש איז.

וואס־זשע האט מען זיך אנגעטשעפּעט אין מיר? וויל מען מיך, הייסט עס, אוועקלייגן טויט מיט אזעלכע רייד? בשום־אופן נישט, גיט ער מיר צו דערקלערן. סקען טאקע זיין, אז אומאפּיציעל לעב איך נאך, נאר לויטן געזעץ בין איך טויט; דערטרונקען געווארן אין א וואנע און מיין געלט מוז דעריבער בלייבן איינגעפרוירן.

ווער איך דאך שוין ריכטיק אין כעס. „מיין כפרה איז ער" — טראכט איך מיר, זאל ער דערטרונקען ווערן אויפן גלייכן וועג! איך לאז מיך צו מיין אדוואקאט, וועלכער הערט אויך מיין גאנצע געשיכטע און ער חזרט פאר מיר איבער די זעלביקע מעשה מיטן ענגלישן געזעץ, געבנדיק נאך דעם באנקיר געערעכט . . . אלא וואס דען, מען קאן מאכן א דריידל, זאג איך, אז איך באשטיי ער זאל מאכן א גאנץ געדריידל אבי מיך ארויסצושלעפּן פון דעם פלאנטער. אויב אזוי, זאגט ער, איז גוט איך וועל מוזן קומען פאר א ריכטער מיט אן עדות, וואס קען מיך פון מיין געבורט אן און יענער וועט דארפן אונטערשרייבן אן „אפידייוויט" (א באשייניקונג אויף פארשידענע דריידלעך . . .) און אפּגעבן א שבועה, אז איך גופא בין עס דער אמתער בארנעט שליפּשטיין, בערל שלייפער פון דער היים, וואס איז געבוירן געווארן דעם און דעם טאג, יאר און אזוי ווייטער.

נו, ווייסטו שוין פארוואס איך בין צו דיר אריינגעפאלן מיט אזא אימפּעט און פארוואס איך זע אויס מער טויט ווי לעבעדיק?

— בערל, זאג איך, זיי נישט קיין נאר. איך געדענק דען ווען דו ביסט געבוירן געווארן?

— זיי דו נישט קיין נאר — זאגט ער — מיט א גוט געדריידל געדענקט מען שוין . . . אז נישט, צו וואס דארף מען אדוואקאטן? . . .

עטלעכע טעג שפּעטער האב איך געלייענט אין די צייטונגען, אז דער „דערטרונקענער אין א וואנע" איז טאקע נישט מיין פריינט, נאר יענער פארשויך, פאר וועמען מיין פריינט האט עס אזוי געפלוידערט וועגן זיין

נסיעה קיין פאריז. ער ווערט גאר געזוכט פון דער פאליציי, אז ער זאל זיי „העלפן" געפינען איינעם וועלכער איז פארמישט אין א מערדעריי. ער וועט זיי טון א טובה, ווייל זיי זוכן יענעם ווי מיט ליכט!...

טאמער ווייסט איר נישט, וועל איך אייך אויסזאגן, אז טאמער זוכט סקאטלאנד־יארד אזא איינעם, איז שוין א קלאג צו יענעמס ביינער, יענער וואלט געהאנדלט ווי א חכם, ווען ער גראבט זיך אויס א קבר און באגראבט זיך לעבעדיקערהייט...

ס'איז א סברה, אז יענער פארשוין, וואס האט זיך געדונגען א צימער אין זעלבן האטעל, האט, נאכן צוגנבענען בערלס פאספארט, דעם בילעט און דאס אויסלענדישע געלט, געוואלט זיך רייוואשן פון זיין פארברעכן אין ענגלאנד און זיך אויסגעגליטשט אין דער וואנע...

וואלט שערלאק האלמס געפונען א פאספארט אין צימער פון א דער־טרונקענעם, וואלט ער מסתמא אויך באלד פעסטגעשטעלט, אז דאס איז בארנעט שלייפשטיין, פון דער היים בערל שלייפער.

ער איז שלעפעריק און זי... הונגעריק

טעד און מערי זיינען א מיטליעריק פאר־פאלק, וואס האבן אלע זייערע יארן געלעבט אין אירלאנד. מיט עטלעכע יאר צוריק האבן זיי זיך באזעצט אין ענגלאנד. זיי האבן זיך געלעבט בשלום ושלווה, כאטש זיי זיינען שוין פארהייראט ארום דרייסיק יאר; נישט אזוי ווי די היינטיקע צוציקעס, וואס אדער דאס מיידל מאכט זיך פאר דער חתונה פאר א „ניעבאשטשיקל", כדי דער בחור זאל מיינען, אז דא האט ער געפאקט די ריכטיקע מציאה און באלד נאך דער חתונה הויבט זי אן לערנען מיט אים בלק אויף דער העכסטער אקטאווע, אדער דער בחור איז פון די ריכטיקע שמענדריקעס און האקט איר נישט אונטער די אויגן כאטש איינמאל א וואך. דעמאלט ווערט איר ליבע צו אים פארוואנדלט אין א האס, און דאס כפרה־הינדל איז דאס ביסל געפעס, וואס זי שליידערט אים אין קאפ אריין. און אזוי ווי דער יקרות אויף געפעס איז זייער גרויס, קען ער זיך אזא צייטפארטרייב נישט דערלויבן. ווילט ער זיך מיט אויפקלויבן די שערבלעך.

טעד און מערי, ווי געזאגט, לעבן נאך אלץ ווי צוויי טייבעלעך און וואלטן שוין אזוי אויסגעלעבט זייערע יארן, ווען אלץ זאל זיין ביים גליי־כן. פאסירט אבער אט וואס: זינט זיי האבן זיך באזעצט אין ענגלאנד באמערקט מערי ווי פון טאג צו טאג ווערט זי דיקער; פון איר טאליע איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. טעד ווידער האט זיך אנגעהויבן פילן נישט מיט אלע־מען, מיד און אויסגעשעפט.

אז דער דאקטאר האט זיי באטראכט, האט ער זיי ביידן פארשריבן פילן. מערין האט ער געהייסן נעמען איין פיל א טאג און טעד — דריי מאל א טאג און אין א צוויי־דריי וואכן וועלן זיי געהאלפן ווער.

טעד און מערי זיינען אוועק פון דאקטאר צופרידן און האבן זיך געקוויקט מיט די פילן, צום באדויערן אבער האבן די פילן נישט געברענגט דעם דערוווארטעטן דערפאלג. מערי איז נאך אלץ געווארן פעטער פון טאג צו טאג, אירע קליידער האבן אנגעהויבן פלאצן אויף איר און אן אפעטיט האט זי באקומען, אז ס'האט פשוט געריסן ביים הארץ אויף איר קראנקן מאן . . . זי האט גארנישט געקענט שטילן איר הונגער! זי האט, נעבעך, געמוזט האבן א זאפאס פון שאקאלאדע און פרוכט אין איר שלאף־צימער כדי צו דערכאפן דאס הארץ אינמיטן דער נאכט.

מיט טעד איז געווען נאך ערגער. ער האט אינגאנצן דעם אפעטיט פארלוירן, ביינאכט נישט געקענט שלאפן און בייטאג האבן זיך אים געקלעפט די אויגן. אט שטייט ער און רעדט מיט אייך, און שלאפט ער שוין! זיין אנצוג איז געהאנגען אויף אים, ווי א זאק אויף די ביינער.

זייער שלום־בית וואלט געהאט אפגעהאקטע יארן, ווען זיי גייען נישט צו א „ספעציאליסט" וועגן זייער טרויעריקער לאגע.

אז דער ספעציאליסט האט אויסגעהערט זייערע צרות, האט א קוק געטאן אויף זייערע פילן און אריינגעלייגט די צען פונט צו זיך אין קעשענע, האט ער א זאג געטאן צום מאן:

— דיין קערפער מוז זיין שטארקער פון אייזן! לויט די אנגענומענע כללים פון דער מעדיצין, האסטו שוין געדארפט זיין טויט נאך מיט א וואך צוריק. איר האט דאך אייך פארביטן מיט די פילן!. . .

יידן, וואס זיינען באקאנט מיט אירלענדער אין ענגלאנד, זיינען כמעט זיכער, אז די ערשטע איינוואנדערער אויף יענער אינדזל שטאמען פון כעלם.

ביים ים אמאל און היינט

מיט לאנגע יארן צוריק, ווען די ענגלענדער זענען אין ווייטשעפל געווען אין דער מינאריטעט, זענען זיי בלויז אין א זונטאג ארויסגעקומען פון זייערע באהעלטעניש אין די זייטיקע געסלעך ארום פאפלאר און מייל־ענד, געלאזט זיך מאסנוויז איבער די ווייטשעפלער יידישע טראטוארן און אנגעפילט דעם וועלט־בארימטן מארק — „פעטיקאוט ליין" — אויף דערשטיקט צו ווערן.

אין יענע יארן האבן די „גרינע" אפט געהערט פון זייערע נאנטע, וואס האבן זיך שוין אביסל אויסגעגרינט, אזעלכע פרעמדע ווערטער, ווי „וואקיישאן", „האלידעי", „סי־סייד" און „ברייטאן" און מקנא געווען די מייסטערס וואס האבן זיך שוין ארויפגעארבעט און קענען זיך פארגינען די לוקסוס צו מאכן א „דעי־טריפ" קיין ברייטאן און איבערלאזן זייערע ווייבער אויף א גאנצע וואך. די „גרינע" זענען, לכתחילה, נישט געפארן צום ים איבער צוויי טעמים: ערשטנס, האבן זיי פארדינט וואסער אויף קאשע פאר א צוועלף־שעהדיקן ארבעטס־טאג. לויט דעם מייסטערס חשבון איז אכט־צען רובל נישט קיין שלעכטע זשאלאוואניע פאר א גרינעם. די צרה איז נאר געווען וואס די

גרינע זענען שוין דאמאלס נישט געווען אין פלאצק אדער אין קוטנע, נאר אין רייכן לאנדאן. צווייטנס, איז נאך געלעגן דער טעם אין מויל פון דער דריי־טאגיקער ים־רייזע אויף דער פראכט־שיף פון האמבורג קיין לאנדאן, וואס האט ארויסגעצויגן דעם לעצטן טראפן פון דער מאמעס מילך . . . האט זיך טאקע נישט געגלוסט אזוי שנעל ווידער צו קומען פנים־אל־פנים מיט די ריזיקע, בייזע כוואליעס, וואס האבן דא נישט לאנג זיך געווארפן מיט אזא אימפעט אויף זיי און נישט געוואלט צולאזן צו די ענגלישע ברעגעס. עמיצער וואלט געקענט מיינען, אז די דאזיקע ארימע עמיגראנטן ברעכן אויס די גאל אויף דער פראכט־שיף אלס א שפאס אדער זיי פארן אונטערן באנק אן א בילעט; אדער ווער ווייסט וואס?

ווי די זאך זאל נישט זיין, איז די „סי־סייד האלידעי"־מאדע נישט געווען און נישט געקענט זיין אזוי פאפולער ווי הייגט.

טאמער האט זיך פארגלוסט א הוליע טון, איז מען אוועק נאך העמסטעד היטה, וויקטאריא־פארק אדער הייד־פארק, מיטגענומען א פאפירענעם בייטל מיט קרישקעס צו האדעווען די קאטשקעס אויפן וואסער און זיין איפערזיכטיק אויף די פארלעך, וואס זענען לאנגזאם ארומגעשוואומען אין לאדקעס ביז זיי זענען פארבלאנדזשעט געווארן הינטער די נידעריקע ביימלעך . . .

אט פארגלוסט זיך מיר צו כאפן צוויי מפלות אין איין טאג אין א הייסן זונטאג גיי איך מיר קויפן א יידישע צייטונג אין ניו־רויד און ווער ארויפגעפירט פון וועג פון עטלעכע חברים און פארקריך צו וויקטאריא־פארק. דער פרימארגן איז הייס, נעמען מיר א שיפל. פלוצלונג לאזט זיך אראפ א שלאקס־רעגן, מיר געפינען זיך אין מיטן וואסער. קיין געבוירענע מאטראזן זענען מיר נישט און שווימען קענען מיר ווי לייענע ציגל. ווען מיר קומען ענדלעך צו צום ברעג, אויסגעווייקט, שטייט דארט א שונא־ישראל מיט א לאנגער לאפאטע און שטופט אונז אפ פון ברעג . . . ערשט אז ס׳האט אויפגעהערט רעגענען, האט דער פאסקודניאק אונז געהאלפן ארויסקריכן פון שיפל.

מיר האבן אפילו בדעה געהאט צו מאכן אויף דעם חברה־מאן א שטיקל פאגראם, נאר ס׳איז שוין געווען „דינער־טיים".

די צווייטע און די גרעסטע מפלה האב איך געכאפט, ווען איך בין מיט פיר שעה שפעטער אריינגעפאלן א פאריאכמעטער אין שטוב, פון מיין כלה, וואס האט געווארט אויף מיר מיט פרישטיק; און פארשידענע שווארצע מחשבות האבן ארומגעטאנצט איר אין מוח. געמיינט האט זי, אז ענטוועדער בין איך אין לאנדאן האספיטאל אדער איך האב ארעאפגלאזט דעם שידוך . . . נאר אז זי האט מיך דערזעען א לעבעדיקן, האט זי אויסגעלאזט איר גאנצן צארן אויף מיין קאפ, וואס איז געווען נאך ערגער ווי דער שלאקסרעגן!

הייגט איז גאנץ אנדערש — קיין גרינעם ייד וועט איר שוין מיט ליכט נישט געפינען, און ס׳איז קיין וואונדער נישט. מה־דאך די ענגלענדער האבן קיין יידן נישט אריינגעלאזט קיין פאלעסטינע, נו, דערווארט איר, אז זיי זאלן זיי אריינלאזן קיין ענגלאנד און די גאנצע „ציוויליזירטע" וועלט זאל

לאכן פון זיי?. . און די ים־קראנקהייט האט מען שוין לאנג פארגעסן. טאקע אמת, אז מיר זענען מזכה געווארן מיט אן אנדערער קרענק, ווי אסטמא, פלי־בייטיס, דייאביטיס, בראנקייטיס, ארטרייטיס און אנדערע „אייטיס“, אבער מיט אזעלכע קרענק קען מען גאנץ גוט פארברענגען ביים ים . . . אבער די עטנאגראפישע מאפע פון ברייטאן און וועסטקליף האט זיך דורך די יארן אסך געענדערט. אויב מען האט דעמאלס באגעגנט ביים ים . . יונגע פנימער פול מיט לעבן און האפנונג, באגעגנט מען היינט אלמנס און אלמנות פול מיט קראנקהייטן און האפנונגסלאזע. דער יונגער דור לאזט זיך אויף „וואקיישאנס“ אין די לענדער פון זייערע אורעלטערן, שפאניען, פארטוגאל און מערב־דייטשלאנד . . . לענדער, וואס זענען אזוי וועלט־בארימט מיט זייער גאסטפריינטלעכקייט צו יידן . . . אסך מאל צייגט זיך ארויס, אז א יידישער מאגן האט מער שכל ווי זיין קאפ! פראטעסטירט ער טאקע און בייזערט זיך . . . און שעפט נחת ווען זיין בעל־הבית דרייט זיך ווי א שלאנג פון „שפאנישע קרעמפן“.

ווילן טאקע נישט די קינדער פון די אמאליקע אימיגראנטן פארשאפן זייערע עלטערן קיין שפאנישן בויך־וויטאק, טראנספארטירן זיי „דהי אולד מאן“ אדער „דהי אולד פאלק“ אדער „דהי פור אולד מאטהער“ קיין ברייטאן אדער וועסטקליף אויף לאנגע וואקיישאנס. אזא ערשטע „איבערזידלונג“ ווערט אין אסך פאלן באטראכט אלס א „פאוויעסטקע“ צום לעצטן „עטאפ“. . . ס׳ווערט זיי טרויעריק־קלאר, אז די קינדער ווילן נישט אזוי שטארק בענקען נאך זיי . . און די אידעמס מיט די שנירן — אודאי נישט.

און טאמער פרעגט מען א קינד: — וואס עפעס פארשיקסטו מיר? איז דער ענטפער:

—„איטס פאער יור גוד, מאם, דאונט וואָרי, דעד“, און נאך אזעלכע פראזן, וואס קלינגען אזוי מאדנע אין די אויערן פון די אמאליקע אימיגראנטן, וועלכע לעבן אויס זייערע לעצטע יארן ביים ים.

שוין איינמאל א לארד! . . .

איר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגען? קרעפלעך, בנאמנות, ווערן אויך צוגעגעסן. ווי איר זעט מיך, בין איך פון אט די מענטשן, וואס האלטן פון מעסיקייט. דערפאר טאקע זיינען מיר דערעסן געווארן די טעלעוויזיע־פראגראמען, וועלכע אמעריקע עקספארטירט אזוי ברייטהארציק צו די „אומ־ציוויליזירטע“ פעלקער אין אייראפע, אפריקע און ווער ווייסט נאך ווו . . .

ס׳קען באמת זיין, אז פילמען, אין וועלכע א לינטש־געריכט איז א טאג־טעגלעכע זאך; א שיסעריי פון בוידעמער און קעלערס, מיט מענטש רייטנדיק און לויפנדיק, איז אפשר נארמאל צו ווייזן ווי מענטשן פאלן טויט אין די גאסן ווי די פליגן, פונקט ווי בעת דער ערשטער כאליערע, איז מסתם א געזונטער צייט־פארטרייב. אויף אט די פילמען איז חל דאס אלטע, קלוגע

שפּריכוואָרט: אַלע יוונים האָבן איין פּנים. און ס׳קען זיין, אַז זיי אינספּי־רירן און הייבן די מאָראַל פון אַמעריקאַנער בירגער. אָבער איך, נעבעך, קען אַזעלכע מאכלים נישט פאַרדייען, און מיין פּוסטער קאָפּ פאַרשטייט נישט די ווערט פון אַזעלכע טיף־פילאָזאָפישע טעמעס.

האָב איך זיך געטראַכט, אַז ס׳איז שוין בעסער צו לייענען די באַריכטן פון לאָרדן־הויז און זיך דערוויסן פון וואָס מען רעדט דאָרט.

איר קענט זאָגען וואָס איר ווילט, אָבער שלאָגן שלאָגט מען זיך דאָך דאָרט נישט! אין זייערע יונגע יאָרן זיינען אַ טייל לאָרדן אפשר געווען אַק־טיווע ספּאָרטס־לייט און אויך אַוואַנטוריסטן. דאָס אָבער האָט געמוזט זיין מיט אַן ערך פערציק־פופציק יאָר צוריק. איצט זיינען זיי שוין צופרידן, אַז מען טשעפּעט זיי נישט.

איר ווייסט: ווי אַלע ייִדעס, האָט מיין אייגענער ייִדענע ליב געהאַט צו דערציילן אונז, קליינוואַרג, אויסטערלישע מעשיות און גראָד פאַרן שלאָפן גיין . . . עס זעט אויס, אַז דאָס איז עד־היום אַ טראַדיציאָנעלער מנהג אין לאָרדן־הויז. וואָס דאַרפט איר מער? סוף חודש יאַנואַר 1962 נעם איך, ווי מיין שטייגער איז, מיין ענגלישע צייטונג ביים פרישטיק, מיש מיר גיך איבער די בלעטער מיט די נייעס פון בערלין, קייפּ־קאַנאַוועראַל, בנוגע די צוועלף נייע קאַרדינאַלן און דעם „ניעט!”, וואָס די מערב־לענדער האָבן גע־לקחנט, ענטפערנדיק מיט אַט דעם צויבער־וואָרט אויף אַלע פאָרשלאָגן, נאָך איידער זיי קומען פון מזרח.

הכלל, איך מיש מיר דאָס אַלץ איבער ביז איך קום צו דער זייט, וווּ ס׳ווערן געגעבן די באַריכטן פון די רעדעס, וואָס די לאָרדן האָבן געהאַלטן די פאַריקע נאַכט, און איך לייען, אַז דער ניי־זיבעציק־יאָריקער לאָרד ד. — עד מאה ועשרים שנה! — האָט געהאַלטן אַ רעדע. ס׳איז נישט געווען איבער זיין ראָמאַנטישער יוגנט, נאָר מכוח מייז און שטשורעס . . . און נישט קאַרגנ־דיק קיין ווערטער, מאַכט ער אַן אויספירליכן אַנאַליז און ווייזט אויף מיט אותות ומופתים, וואָס פאַר אַ שפּראַכן־קענער אַט די דאָזיקע ברואים זיינען!
„איך — זאָגט דער געלערנטער לאָרד — האָב פאַרטריבן אַלע מייז פון מיין הויז מיט אַ שפּאָגל־נייעם מעטאָד — דורך רעדן צו זיי”. — גיי, ווייס, אַז עכברים שטופּן זיך אויך אין די „הויכע פענצטער” אַריין. ער האָט, הייסט עס, פּראָסט־פּשוט פאַרבויגן די אַריסטאָקראַטישע יחסנות און פאַרפירט אַ טענה מיט די דאָזיקע באַשעפענישן, אַפּעלירנדיק צו זיי. מסתם האָט ער זיי איינגערעדט, אַז אין די הייזער פון אָרעמע מענטשן וועלן זיי זיך באַגעגענען מיט גאַנצע כאַליאַסטרעס לאַנדסלייט און זיך פּילן אַ סך היימישער. ווער ווייסט. אפשר האָט ער אויך אָנגערעדט אַלדאָס בייז אויף די פאַמיליעס אין די האַלב־איינגעפאַלענע הייזקעס ביז ס׳איז אים געלונגען, מיט דער הילף פון אָט דעם נייעם מעטאָד, פּטור צו ווערן פון די מייז. זיי זיינען ממש נעלם געוואָרן!

ווערט איר דאָך מסתם מיינען, אַז דאָס איז אַלץ? האָט איר אַ טעות!

אט דער ניין־און־זיבעציק יאריקער לארד מישט נאך אריין אין דעם דאזיקן ענין אפילו די שוויגער זיינע . . . (ווער ווייסט, ווי אלט זי מוז שוין זיין!). „מיין שוויגער — דערציילט אונזער לארד — איז נאך א גרעסערע בריה פון מיר!" — האט איר שוין אמאל געהערט אזעלכע דיבורים פון אן אידעם? „זי — זאגט ער — האט משלח געווען אלע שטשורעס, וואס פלעגן מאכן געברענטע און געבראטענע צרות אין אירע היגער־שטייגן". נאך א לאנגן שפיאנירן, האט זי דערשנאפט דעם הויפט־קאמאנדיר פון דער שטשורעס־בריגאדע און מיט אירע קאקעטישע חנדלעך האט זי אים אוועקגערופן אין א זייט און געהאט מיט אים אן ערנסטן געשפרעך. מיט ווייבערישער כיט־רעקייט האט זי אים איינגערעדט, אז ביי די ארעמע פארמערס וועט עס זיינע „חיילות" לייכטער אנקומען אפצולעקן א ביינדעל . . . וואס זאל איך אייך זאגן, אט דער לעקישעוואטער עכבר האט זיך געלאזט איינרעדן. מסתם האבן אים אירע חניפהלעך פארשיכורט און פון איר שיינקייט האט אים פארכאפט דעם אטעם . . . הכלל, פון דעמאלט אן האט זיך זיין שוויגער בארואיקט און די היגער קענען שלאפן זייער זארגלאזן שלאף.

ס׳איז נאך א נס, וואס אין דער נייער לארדן־געביידע איז לעת־עתה קיין מיוז נישטא, ווייל די עטלעכע לארדן, וועלכע מען האט פארגעסן אויפצו־וועקן פון שלאף, זיינע זיך געזעסן מיט די מיילער אפן אין די באקוועמע פאטעלן . . .

ס׳איז אויך נאך מיט ניסים, וואס די „בת־יחידה", די איינציקע לארדיכע, די באראנעסע איז דערביי נישט געווען. מיט אן ערך פינף־און־צוואנציק יאר צוריק, בעת זי האט אגיטירט פאר א פארייניקטן פראנט קעגן דער רעאקציע אין שפאניע און קעגן די אויסלענדישע אונטערשטיצער פון דער רעאקציע, וואלט זי זיך, נאטירלעך, אויסגעלאכט פון אזעלכע באבע־מעשיות. נאר צייטן בייטן זיך . . . און ווער ווייסט אויף וואס א פרוי איז מסוגל, ווען א נייך־און־זיבעציק־יאריקער לארד ווארפט אן א טויט־שרעק אויף איר שפעט ביינאכט?

נו, אוודאי דארף איך אייך שוין נישט דערציילן, אז מיין פרישטיק איז מיר געווארן אייז־קאלט. וועמען וועט עס זיך גלוסטן צו עסן, לייענענדיק אזעלכע משונה־מאדנע מעשיות?

אז מיין פרוי האט מיך א פרעג געטאן, הלמאי איך זיץ אזוי ווי א ליימע־נער גולם, האב איך זיך געמאכט, אז איך הער נישט . . . ווי זאגט שלום־עליכם: שוין איינמאל א מעשה.

שוין איינמאל א לארד!

משה בעקערמאן

דער „מאיאר-קאמוניסט" און דער לארד-קאמוניסט

אין דעצעמבער 1962 איז געשטאנען פאר אן ענגליש קריגס־געריכט אין מערב־דייטשלאנד מאיאר טשארלז מארקוס קוזאק, 50 יאר אלט. די אנקלאגע איז געווען א גאנץ ערנסטע און, אויב איך האב נישט קיין טעות, די ערשטע פון דעם מין . . . מיינט נישט, אז ער איז, חלילה, באגאנגען א מארד אין א נאכט־קלוב; אז ער האט ווידערגעשפעניקט זיין קאלאנעל, אדער אז ס׳האט אים געפעלט א קנעפל פון מונדיר אויף א מיליטערישן פאראד? ניין, פאר די 22 יאר, וואס ער האט געדינט אין דער ארמיי, האט ער זיך פון א פשוטן סאלדאט דערהויבן צום טשין פון מאיאר. איז דאך גאנץ פיין? אבער ווער זאל זיך דאס ריכטן, אז אזא לאיאלער סאלדאט זאל גאר זיין א געוועזענער קאמוניסט? און ווי קען מען דאס אזא פארברעכן דורכלאזן אן א שטראף?

אויף זיין פראצעס האט זיך אפילו ארויסגעוויזן, אז ער איז געווען א קאמוניסט פון . . . אסתר־תענית ביז פורים, עטלעכע וואכן איינגאנצן; אז די פאליטישע געשעענישן אין די דרייסיקער יארן: מוסאליניס פארברעכן די ארעמע אביסינער מיט גארטשיצע־באמבעס און היטלערס מארשירן פראנק און פריי איבער אייראפע האט אים געמאכט דענקען, אז די וועלט איז אויף גרויסע, געהאקטע צרות און מיט ווערן א קאמוניסט, וועט ער אפשר העלפן ראטעווען די וועלט פון א זיכערן אונטערגאנג. און געווען איז ער, ווי געזאגט, א קאמוניסט בלויז עטלעכע וואכן, אבער מיט אזעלכע טענות איז אים נישט געלונגען צו פארדרייען די קעפ פון א קריגס־געריכט, בפרט, אז ס׳האט גענומען 22 יאר צו אנטדעקן, אז ביים ענטפערן אויף א פראגע־בויגען האט ער נישט דערמאנט קיין איין ווארט פון זיין קאנספיראטיווער טעטיקייט אלס „געפערלעכער" קאמוניסט די גאנצע עטלעכע וואכן . . .

ס׳איז נאך מיט ניסים, וואס זיין „פארברעכן" איז נישט אנטדעקט געווארן אין קריגס־צייט, ווען די נאצישע בעסטיע האט מארשירט אויף מאסקווע, און געכאפט א „נאפאלעאנישע" מפלה ביי סטאלינגראד. אין יענער צייט וואלט שוין אונזער מאיאר מארקוס קוזאק טרוקן נישט אפגעשניטן . . . נאר אזוי ווי דער „קריסטמאס"־סעזאן האט שוין אנגעהויבן צו דערוואַרעמען די הערצער פון דער קריסטלעכער וועלט, האט מען אים בלויז פארמשפט צו פארלירן זיין מאיאר־טשין אויף צוויי יאר און צו ווערן „רעפרימענדעט", וואס אויף פראסט מאמע־לשון הייסט עס, אז מען דארף אים גוט אנזידלען און מאכן אים צו דער בלאטע צוגלייך, אלס צוגאב צו זיינע צרות.

אינטערעסאנט צו וויסן, צי אויף יענע פראגע־בויגנס האבן זיך געפונען אזעלכע פראגעס: „האסטו אמאל בארויבט א באנק? ביסטו א גנב? א שווינדלער? א פאסקודנע בריאה?" נאר צוריק געשמועסט, נויטיקט מען זיך נישט אין אזעלכע פראגן אין ציוויליזירטע לענדער . . .

מיינט איר דאך אוודאי, אז אלע קאמוניסטן ליגן דא אין חרם? איז א סימן, אז איר קענט נישט די טראדיציע פון בריטישן לארדן־הויז. צו ווערן

א דעפוטאט אין „דהי האוז אוו קאמאנס" (פארלאמענט), דארף מען אדורכגיין אלע שבעה מדורי גיהנום: פון צוזאגן דאס טעלערל פון הימל ביז קושן קינדער מיט פייכטע נעזלעך . . . צו ווערן אבער א לארד, דארף מען בלויז האבן א שטיקעלע מזל. א לארד ווערט „באשטימט" אין די גאר הויכע ספערן, מען גיט א קריץ מיט א פען און איר זענט שוין א לארד!

אזוי ווי די מערסטע לארדן זיינען שוין ברוך השם אין די יארן, דארפן זיי שוין קיינעם נישט קושן און האבן נישט וואס צוצוזאגן . . . די מערסטע לארדן גיבן איבער דעם טיטל לארד בירושה צו קינדער און קינדס־קינדער ביז . . . משיח וועט קומען.

טרעפט זיך א מעשה און איינער אזא לארד נעמט און שטארבט און לאזט איבער א . . . 60 יאריקן יורש פון דעם טיטל: „לארד מילפארד". אין דעם זין איז — ווי זאגט אונזער שלום עליכם — א לארד „געגליכן צו א סטאליאר": א סטאליאר שטארבט און לארדן שטארבן. איר, מיין ליבער לייענער, ווילט שוין אוודאי וויסן, צו וועמען אזא גערעטענער שרייבער ווי איך בין געגליכן? און — דער עיקר — וואס פאר א שייכות האט דאס די געשיכטע מיטן לארד מיט דער מעשה וועגן קאמוניסט? קען איך אייך אנזאגן די גוטע בשורה, אז ערשטנס, אין זעלבן חודש דעצעמבער, ווען מאיאר קוזאק דער „קאמוניסט" האט געכאפט אזא מפלה, איז דער אלטיטשקער לארד מילפארד געשטארבן. צווייטנס, אז זיין 60־יאריקער יורש איז נישט בלויז אליין א טעטיקער טוער אין דער קאמוניסטישער פארטיי, נאר זיין פרוי, טאמארא, איז א רוסישע!

אז דער רעפארטער פון דער „דיילי העראלד" איז געקומען האבן א געשפרעך מיט דעם באלשעוויק־לארד, האט אים יענער געזאגט: „קודם־כל, זייט אזוי גוט און רופט מיך ביי מיין נאמען: — „וואגאן פיליפס". אויף ווייטערדיקע פראגן האט דער נייער לארד דערקלערט: „איך האב נאך דערוויל גארנישט באשלאסן און ס׳וועט נאך נעמען א לאנגע צייט ביז איך וועל אנעמען א באשלוס . . . אבער כ׳קען בלויז זאגן מיין מיינונג און די מיינונג פון מיין פארטיי וועגן לארדן־הויז: דאס איז אן אומדעמאקראטישע אינסטיטוציע, אומרעפרעזענטאטיוו און א באסטיאן פון רעאקציע, וואס פארנעמט זיך מיט שטערן דעם גאנג פון פראגרעסיווער טעטיקייט".

נו, ווי געפעלט אייך עפעס די מיינונג פון דעם נייעם לארד וועגן זיינע נייע קאמעראדן ?? !!! . . .

צו יעדער זאך דארף מען האבן מזל. אפילו צו זיין א קאמוניסט. איין „קאמוניסט" רייסט מען אראפ די שליפעס און א צווייטן קאמוניסט איז מען גרייט צו געבן א שפאגל־נייעם מונדיר מיט נייע שליפעס, בעטנדיק זיך ביי אים ער זאל באוויליקן צו ווערן א לארד . . .

משה בעקערמאן

אמאל איז געווען א רעדאקטאר

אמאל איז געווען א רעדאקטאר — איז ער געשטארבן. מילא, געשטארבן, באגראבן, ווער דארף האבן א טויטן רעדאקטאר? ס׳זענען דא לעבעדיקע רעדאקטארן וואס מען קען זיך באגיין אן זיי. אבער א יידישער רעדאקטאר האט נאך נישט דערלעבט די זכיה באלזאמירט צו ווערן.

די רעדאקציע האט זיך נישט געקומערט אזוי פיל וועגן זיין טויט ווי וועגן א נייעם רעדאקטאר.

באלד נאך שבעה, ווען די צייטונג האט ווידער אנגעהויבן דערשיינען, איז אין א דיקער שווארצער ראם אויסגערעכנט געווארן אלס אויסגעטראכטע מעלות פונעם נפטר און, זייט ביי זייט מיט דעם נעקראלאג, איז אפגעדרוקט

„עס ווערט פארלאנגט א רעדאקטאר! זיין ביז איצטיקע באשעפטיקונג איז נישט וויכטיק. ער מוז אבער האבן פאלגענדיקע מעלות: 1) ער מוז זיין געוווינט צוצוהונגערן אביסל. 2) אויסצושטיין אלע משוגעת׳ן פון זיינע לייענער וואס קומען און דרייען אים א קאפ און, די זיידל בריוו וואס ער דערהאלט. למאי 20 יאר נאכן 2טן וועלט קריג, האלט מען נאך אין איין ווארפן באמבעס און גאזן אויף דער וועלט. 3) ער מוז אנעמען פאר ליב וואס זיין רעדאקציע־פערזאנאל חנפענען אים אין די אויגן און ווינטשן אים, אונטער די אויגן, דערטרונקען צו ווערן אין א לעפל וואסער. 4) ער דארף נישט פארמאגן קיין קאפיטאל, ווייל ס׳וועט אים סיי ווי סיי צעקראכן ווערן, וויפל ער זאל נישט פארמאגן. דער לעצטער רעדאקטאר — אויף א גוט ארט זאל ער רוען — איז געווען א פארמעגלעכער און פריילעכער מענטשל, האט זיך אים געגליסט רק צו ווערן א רעדאקטאר. נו, האט ער צעטרענצלט זיין געלד און לסוף האט ער נאך געדארפט צוהונגערן צוביסלאך. ער האט זיך שוין שיער, שיער, צוגעוווינט צו לעבן אין תעניתים, נעמט ער, דער נארישער מענטש אין מיטן דרינען און, שטארבט אוועק. ס׳איז אייגנטלעך ניט געווען זיין שולד. ער האט פשוט נישט געוווסט אז די ארויסגעבער פון דער צייטונג האלטן זיך ביים כלל, אז א רעדאקטאר דארף מען נישט צאלן קיין שכירות. ס׳הייסט דארפן, דארף מען יא, נאר ווו זאל מען נעמען? און אזוי ווי א רעדאקטאר באלאנגט נישט צו קיין סינדיקאט, איז ער געווען אלע וואך דאס כפרה־הינדל. דערפאר מאכן מיר איצט א ספעציעלע הנחה פאר דעם נעקסטן רעדאקטאר: ער קען זיך אפזוכן א זייטיקע באשעפטיקונג ווי למשל, אכטונג געבן אויף קינדער ווען עלטערן ווילן גיין אין טעאטער; וואשן געפעס אין א רעסטאראן און ענלעכע באשעפטיקונגען וואס פאסן זיך פאר א רעדאקטאר פון אונזער צייטונג. 5) ער דארף נישט זיין קיין גרויסער חכם ווייל חכמים האבן מיר גענוג אין רעדאקציע. 6) ער דארף נישט זיין קיין בקי אין די קליינע אותיעלעך אדער קענען שרייבן ארטיקלען, ווייל דער פארשטארבענער רעדאקטאר, אויף א גוט ארט זאל ער רוען — האט איבערגעלאזט א פיין שערל אויפן שרייב טיש אין דער רעדאקציע וואס גייט איבער

בירושה פון איין רעדאקטאר צו אצווייטן און רעדאקטארן האלטן זיך נישט לאנג ביי אונז. 7) ער דארף נישט פארמאגן אגאנצע גארדעראבע פון אנצוגן, ווייל אן אויסגעסטרויעטער רעדאקטאר וואַרפט אן א מרה־שחורה אין רע־דאקציע. פארקערט, אן אפגעבליאקירטער צעקנייטשטער אנצוג, פארש־טויבטע שיך, א צעשוויקערטער קאפ האר און א בארד וואס איז נישט אהין און נישט אהער, קוקט אויס צעשויבערטער מלא חן ביי אונזערע מיט ארבייטער".

נאך דער דאזיקער לאנגער אנאנס, וואס איז דערשינען יעדן טאג, איז אריבער עטלעכע וואכן און קיין משוגענער הונט האט נישט אריין געשמעקט אין רעדאקציע, דער בעל הבית פון דער צייטונג איז שיער נישט משוגע געווארן פון עגמת נפש: ער איז שוין גרייט געווען צו מאכן נאך עטלעכע הנחות ווען פלוצלינג פראלט זיך אויף די טיר פון רעדאקציע און א פאר־סאפעטער ייד גיט זיך, אן א גוט מארגן, א זעץ אריין אין רעדאקטארס שטול וואס איז גוצלעך פאר איינעם מיט א שטייפן קארק.

דער בעל הבית האט געמיינט אז אלי׳ הנביא האט זיך, צוליב אים, פארשטעלט אלס זיין אידעאלן רעדאקטאר. ווי דאס הארץ וואלט אים געזאגט, אז דער ייד איז געקומען נישט אנדערש ווי אנצונעמען דעם פאסטן און, נישט מאכנדיק קיין לאנגע שהיות, גיט ער אים אפרעג:

שרייבן קענט איר?

דער ייד: נאך די צרה פעלט מיר, זאגט דער ייד.

און געלד האט איר?

דער ייד: וואס זענט איר משוגע, ווו קומט צו מיר געלד?

פון וואס לעבט איר?

דער ייד: וואס נאך ווילט איר ויסן? אפשר ווילט איר ויסן פון וואנען איך קום?

הייסט דאס, אז איר זענט גרייט צו ווערן רעדאקטאר?

דער ייד: איך מיין אז איר זענט טאקע משוגע. ווער האט אייך געזאגט אז איך וויל זיין א רעדאקטאר? גאט איז מיט אייך!

אין קארידאר האט זיך דערהערט גיכע, שווערע טריט.

דער ייד איז אויפגעשפרינגען ווי פון הייסעקוילן און, נישט זאגענדיק א ווארט אנגעכאפט דעם בעל הבית ביי דער האנט, ווי אויף צו געזעגענען זיך און . . . ווען די וועכטער פון דעם נאנטן משוגעים הויז וואלטן נישט אריין געלאפן אין רעדאקציע פינקט אין דעם מאמענט, וואלט דער ארויס־געבער פון דער צייטונג געבליבן מיט עטלעכע פינגער ווייניקער . . .

א הונט — א „דעלינקווענט" (צום משפט פון אייכמאנען)

אויב איר מיינט, אז דער מענטש איז די איינציקע חיה, וואס פּראָדוצירט א „דעלינקווענט" יוגנט, בין איך זיכער, אז איר לייענט נישט די ענגלישע טאג־פּרעסע.

איך האב נישט קיין גענויע ציפערן, נאר אויב איר ווילט זיך מטריח זיין און ווענדן צום פארוואלטער פון זאאלאגישן גארטן, וועט ער אייך, מסתמא, געבן א לאנגן צעטל פון דעלינקווענט" מאלפעס און אנדערע חיות.

דא וויל איך בלויז באשרייבן דעם שיקזאל פון א „דעלינקווענט" הונט: ער איז טאקע געווען א גרויסער לאבוז; אין אלע הינטישע גאסן־געשלעגן איז ער געווען דער הויפּט־מחותן, נישט קענענדיק פארבייגיין קיין געשלעג און זיך נישט אריינמישן, אריינשטופן זיין נאז . . . נאר אויב די טאג־פּרעסע מיינט, אז מיטן צעלייגן אויף טעלערלעך די שוואכקייטן פון דער הינט־יוגנט וועט מען ריינוואשן די מענטש־יוגנט, בילט מען, מיין איך, אויפן נישט ריכטיקן בוים . . .

אינטערעסאנט איז אבער די שטעלונג, וואס דאס געזעץ נעמט אן לגבי דעם הונט, ווען עס האנדלט זיך אין הלכות־„דעליגקווענץ". ס׳איז טאקע אמת, אז די „געזעלשאפט" זארגט פונקט אזוי גוט פארן הונט ווי פארן מענטש. צו דעם צוועק עקזיסטירן „בארסטאל"־אינסטיטוציעס פאר ביידע מינים, נאר דער הונט באקומט דעם ערגערן פסק.

צי דאס נעמט זיך דערפון וואס די „בארסטאל"־אינסטיטוציעס פאר מענטשן (אויסבעסערונג שולעס פאר יוגנטלעכע פארברעכער) זענען פול געפאקט און די פאר הינט — האלב ליידיק, ווייס איך נישט. נאר ווי די זאך זאל נישט זיין, דער הונט איז, נאך א גרויסן געשלעג, ארעסטירט געווארן און מען האט אים געבראכט פארן געריכט.

ווען איר קוקט אן דעם דאזיקן הונט, מיט זיין רחמנות־פנים, זיינע פאר־זארגטע אויגן און די צוויי אראפּהענגנדיקע אויערן, וואלט איר געמיינט, אז ער קען „קיין צוויי נישט ציילן" . . . איר וואלט גארנישט געגלויבט, אז ער איז פארמישט מיט א חברה אוואנטוריסטן.

דער פּראָקוראָר האט געגאסן מיט פעך און שוועבל, האט אויסגערעכנט א לאנגן צעטל פון געשלעגן, אין וועלכע אט דער הונט האט גענומען אן אקטיוון אנטייל. דער ריכטער האט געווארפן אויגן פון איין כלב צום צווייטן (אנגעשולדיקט, איך מיין פון פּראָקוראָר צום הונט). און דער הונט האט דער־שמעקט, אז זיין לאגע איז נישט פריילעדיק . .

הכלל, ער איז פארמשפּט געווארן — נעמענדיק זיין יוגנט אין אכט — צו זעקס חדשים „בארסטאל" אין אן אנשטאלט פאר הינט.

איך אליין האב קיינמאל נישט געהאלטן פון דער רפואה פון אן אויס־בעסערונגס־שולע, פון וואס פאר א סביבה, משטייגנס געזאגט, דערווארטן די

צער־בעלי־חיימניקעס, אז „דעליגקווענט״ זאל ארויסקומען א לייט? . . .
וואס מיינען זיי איז דארט — א תלמוד־תורה צי א ישיבה?

ווען א בחור זיצט אפ זיין טערמין איז ער פריי. אט דאס געזעץ איז אבער ניט חל אויף היינט. נאך אלעמען, האבן זיי דאך קיין דעה ניט אין געזעץ־מאכעריי.

אז די אייגנטימעריין איז געקומען אפנעמען איר „תכשיט״, האט מען איר מודיע געווען, אז ער איז נאך ניט ראוי לברכה — באפרייט צו ווערן. ער האט א „פארשטאפטן״ קאפ, און דאס „קנעלן״ גייט אביסל שווערלעך . . .
דער פסיכיאטאר איז ביי דער מיינונג, אז ער האט געמוזט אמאל, אין זיין פריערער יוגנט, האבן געכאפט א ריכטיקע פארציע פון עלטערן כלב; און דאס האט געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף זיין ארט „דענקען״ . .

נאך א לאנגער שקלא וטריא אין געריכט איז באשלאסן געווארן, אז עס וועט נאך דויערן א זיבן חדשים איידער מען וועט אים קענען ארויפברענגען אויפן „דרך הישר״ . . . דער ריכטער האט געמאכט איין באדינג: די אייגנ־טימעריין פונם הונט מוז ביזיין אויף די לעקציעס אין דער „בארסטאל״־שולע, כדי זיך אויסצולערנען די טעכניק פון האלטן א „דעליגקווענט״־הונט אין צוים . . .

וועלן די היגט אין דער וועלט זיך ניט באפרייען פון דעם מענטשנס „קאלאניאליזם״ און ווערן זעלבסטשטענדיק, וועט מען זיי ווייטער באהאנדלען ווי היגט, און זייער צוקונפט איז האפנונגסלאז.

די אכטע פרינצעסין

אין דעם ווייטן אריענט געפינט זיך נאך ביז היינט־צו־טאג א לאנד, אין וועלכן די היינטיקע ציוויליזאציע האט כמעט פארגעסן. ניט דאס לאנד און ניט די הערשאפט האט זיך דארט געענדערט. דער נאמען פונם לאנד איז „וואו־סען־טשו״, וואס מיינט אין אלע ציוויליזירטע שפראכן „ליבע־איבער־אלעס״, און דער הערשער איז נאך אלץ א קעניג.

ווען איך האב מיט יארן צוריק באזוכט דאס דאזיקע לאנד, האב איך באגעגנט אויף שטעג און וועג פרייליכע פנימער. גליקליכערווייז האב איך דארט געטראפן אן אייראפעער, וואס וויל ציוויליזירן די תושבים, וועלכע קוקן אויף אים מיט פארדאכט. פרעג איך אים: „נו, מאכסטו עפעס פארט־שריט אין דיין פארנעם?״ זאגט ער, אז ס׳קומט אים אן מיט גרינגע ווערעם צו געווינען זייער צוטרוי. ס׳איז פשוט אוממעגליך זיי איינצורעדן, אז א פרעזידענט איז בעסער ווי א קעניג. א קעניג און א קעניגין, זאגן זיי קלינגט מער ריטמיש ווי א פרעזידענט און א פרעזידענטיכע, און מען ווייסט ניט וועמענס מארגן ס׳איז מיט די פארשוינען. זיי ווילן בלייבן א רואיק, פריילעך פאלק.

און דא קום איך צום הויפט־פונקט פון מיין באשרייבונג: די קעניגין,

ס'איז נישט נויטיק צו קענען די שפּראַך פון א לאַנד, כדי באַצויבערט צו ווערן פון דער שיינקייט פון די פּרויען. עס פאַרכאַפּט פּשוטביים אָטעם, ווען איר קוקט אויף זיי פון דער ווייטן. איר וואונדערט זיך בלויז וואָס די ציוויליזירטע וועלט האָט נאָך נישט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע. די קעניגין איז אָבער געווען די שענסטע פון זיי אַלע, אַן אמתע יפת־תואר; בלוט און מילך.

דעם קעניג האָט אויך גאָרנישט געפעלט. איז נישט קיין וואונדער, אַז די קעניגין האָט באַלד אָנגעהויבן צו קינדלען. צום אַלעם ערשטן האָט זי געהאַט א צווילינג, צוויי מיידלעך. לויט אַן אָפּמאַך האָבן זיי באַשטימט, אַז זי זאָל האָבן די קינדער און ער זאָל געפינען פּאַסיקע נעמען. זענען די נעמען פון די צוויי פּרינצעסינס געווען „טאָג" און „נאַכט", כאָטש זיי האָבן ביידע געשיינט ווי די ליכטיקע זון.

דער שלום־בית צווישן קעניגליכן פּאָרל איז דערפון נישט געשטערט געוואָרן, און די קעניגין האָט אים געבוירן א צווייטן צווילינג און ווידער־אַמאָל מיידלעך. האָט דער קעניג נישט לאַנג געטראַכט און אויסגעמאַכט מיט די ערשטע נעמען און אַלע פיר פּרינצעסינס געגעבן די נעמען פון די צייטן פון יאָר: „פרילינג", „זומער" „האַרבסט" און „ווינטער". מיט גאָטס הילף האָט נישט גענומען לאַנג און די קעניגין האָט געהאַט נאָך דריי טעכ־טערלעך. דער קעניג איז נישט בטל געוואָרן, און זיי באַלד א נאָמען געגעבן לויט די טעג פון דער וואָך.

אָבער ווען די אַכטע פּרינצעסין איז געקומען אויף דער וועלט, האָט זיך געשאַפן א פּראָבלעם פאַרן קעניג: ווען קען מען דאָס אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג ענדערן די נעמען פון די פּרינצעסינס? זיי וועלן דאָך אַלע מבולבל ווערן! ענדלעך איז דער קעניג אַרויסגעקומען מיט א פּלאַן. „מיר וועלן משנה־שם זיין אַלע אונזערע קינדער לויט די מאָנאַטן פון יאָר. אַזוי, אַז אונזער אַכטע פּרינצעסין וועט הייסן „אויגוסטאַ".

די קעניגין איז גאָרנישט נתפעל געוואָרן דערפון. „פאַרגעס נישט, מיין ליבהאַרציקער, אַז ס'בלייבט בלויז איבער פיר מאָנאַטן! און וואָס וועט זיין ווייטער?"... אָבער דער קעניג האָט געהאַט א טבע נישט צו ענדערן זיין מיינונג. „הייסט דאָס, זאָגט די קעניגין, אַז נאָך דעם געבורט פון דער פּרינ־צעסין „דעצעמבער" וועלן מיר דאַרפן אָנפאַנגען נאָכאַמאָל פון אָנהויב?" נאָך א לאַנגער פּויזע האָט דער קעניג א זאָג־געטון: „ביין, מיין טייערע, צו אַזאַ סיטואַציע וועט נישט קומען צוליב צוויי אורזאַכן. ערשטנס, זענען צוועלף טעכטער איבער גענוג אַפילו פאַר א קעניג און, צווייטנס, מוז איך זיך האַלטן ביי דער קעניגליכער טראַדיציע פון לאַנד. דאָס מיינט, אַז באַלד נאָכן געבורט פון דער פּרינצעסין „דעצעמבער" וועל איך, מיט א ווייטאַק אין האַרצן, אָפּהאַקן דיין קאָפּ. „ער האָט זיך ביטער צעוויינט ביי די ווער־טער. מען האָט געקענט זען, אַז דאָס קאָסט אים זיין געזונט. די קעניגין האָט זיך צעיאָמערט, נישט דערפאַר ווייל איר שטייט צו פאַרלירן איר קאָפּ,

נאר דער געדאנק וויפל הארץ ווייטאק דער קעניג וועט ליידן ביים אדורכ־פירן דעם טראגישן אקט, ווער ווייסט צי ער וועט לאנג דויערן נאך דעם. זיין ליבע צו איר איז דאך אזוי שטארק, אחוץ אלעמען איז גארנישט אזוי שיין פאר א יונגער שיינהייט צו פארלירן איר קאפ. לויט דער געשיכטע פון קעניגינס, וואס האבן דורך איין אורזאך אדער א צווייטער פארלוירן זייערע קעפ ווערט נישט דערמאנט קיין איינע, וואס איז געווען באגייסטערט פון אזא פינסטערן גורל.

ווען איך האב מיט יארן שפעטער נאכאמאל באזוכט דאס דאזיקע פרי־מיטיווע לאנד, האב איך זיך דערוואוסט, אז די קעניגין האט נאך, גאט צו דאנקען, איר קאפ אויף די פלייצעס; זי איז נאך פיל שענער און פריילעכער ווי פריער, פארוואס און די שמחה אין קעניגלעכן הויף איז אין־לשער. אזוי ווי מען ווייסט נישט פארוואס זי האט געהאט צוערשט אכט פרינצעסינס, אזוי ווייסט מען נישט פארוואס זי האט געהאט זיבן פרינצן ביז איצט.

און די קעניגין איז נאך אלץ אזוי גראציעז, אזוי רייצנד און דער קעניג איז אזוי שטארק פארליבט אין איר, אז איך האב גענומען צווייפלען אין ציוויליזאציע, וואס דראפעט זיך צו דער לבנה און צו די טיפענישן פון די ימים, וואס זענען אזוי רייך אין גאלד און אזוי ארים אין גייסט; וואס זייער סופערמאניק פליען ברענגט זיי נענטער צום אפגרונט, אז איך בין מקנא דאס פרימיטיווע לאנד מיטן נאמען „ליבע־איבער־אלעס”.

א מיידל מיט א קליידל

וואס שייך פרויען, זאג איך אייך, אז איר וועט שוין זייער וועלט נישט ענדערן, ווייל זינט אונזער מוטער חוה האט געשאפן די מאדע צו באצירן דעם קערפער, כדי צו געפאלן דעם איינאייניציקן בחור אויף דער וועלט איז אט די דאזיקע מאדע מער נישט אראפ פון דער טאג־ארדנונג ביי פרויען!

איך, אייגנטלעך, קען עד היום נישט פארשטיין פארוואס חוה האט אזוי זיך געדארפט אויסטרויען, אזוי קאקעטירן, וואס, ער וועט זיך פארליבן, חלילה, און אנטלויפן מיט אן אנדערער? . . . וואס האט זי מורא געהאט? ווען, למשל, הייַנטיקע טעכטער אירע וואלטן געווען אזוי זיכער מיט זייערע „באשערטע”, ווי זי איז געווען מיט אדם׳ן, וואלטן זיי אפשר נישט געליטן פון דער מאדע חולאת, פון וועלכער נישט קיין דאקטאר און נישט קיין טאטער קען זיי היילן; אפילו נישט ברענגען צום נארמאלן שכל.

ווי נאר א כלאפ פון א בחור וואלט זיך דערקלערט א מויד אין ליבע, שעפטשענדיק איר אין אויער אריין: „איך קען נישט לעבן אן דיר”, „איך, וועל גיין אין עק וועלט, וועל איינבעמען א מיתה משונה” און ענלעכע „עכט־פאעטישע” פראזן, וואס קלעבן זיך ווי אן ארבעס צו דער וואנט, אדער ווי אן אמעריקאנער מאכינאציע צו דער לבנה, וואלט איר ווייבערישער קאפ באלד דערשמעקט וואס פאר א יאלד דאס איז און נאך פאר דער חתונה וואלט זי

אים דערגאַנגען די יאָרן, נאָר אַזוי ווי די קאָנקורענץ אויף בחורים איז היינט אַזוי גרויס און נישט אַלע מיידן זענען „קראַסאַוויצעס״, מוז מען זיך באַנוצן מיט פאַרשידענע „קאַמופלאַזשן״ כדי צו פּאַקן „קרבנות אויף דער ווענדטקע״. די דאָזיקע כיטרע שטיקלעך רופט מען מאַדע.

היות אָבער מאָדע און שכל לעבן זעלטן בשלום, טרעפט, אַז איין טאָג באַגעגנט מען אַ מיידל, שיין ווי גאָלד, מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר און מיט בלאָע אויגן, ס׳איז ממש אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף איר. און איבער נאַכט זעט זי שוין אויס ווי אַן אַלטע באָבע, מיט גראָע האָר, וואָס זענען אַרומגעוויקלט איר אויפן קאָפּ, ווי אַן איבערגעדרייט קוגל־טעפּעלע. די אויגן זענען איר צוגעפאַרבט אויף גרין, און זי האָט גאַרנישט קיין השגה, אַז אַ שענערע לייגט מען אין קבר אַריין! זי וואַרט נאָר, אַז איר זאָלט טאַנצן פאַר שמחה און איר נאָך מאַכן קאָמפּלימענטן, אַז קיין שענערס האָט איר קיינמאָל אין אייער לעבן נישט געזען . . .

קומט אַריין אַ „מאָדעפּאַקער״ (נישט פון פּאַקיסטאַן . . .) פון לאַנגע קליידער, העלפט איך נישט קיין פּאַקן־שטעלן, אַלע ווערן זיך שוין אָנשטעקן מיט דער „לאַנגער״ קרענק סאַי הויכע, ווי דערענגער און נידריקע, ווי ליליפּוטן; דיקע, ווי פעסער און דאַרע, ווי שפּענער, אַלע מאַרשירן אין לאַנגע קאַפּאָטעס ביז אַ לץ אין פאַריז גיט אַרויס אַ פּריקאַז — „קורצע קליידער״! דעמאָלט וועלן שוין די לאַנגע קליידער האָבן אָפּגעהאַקטע יאָרן . . . די הויכע, די דאַרע מיט די דינע פיסלעך ווערן די בעסטע קאַמעדיאַנטקעס אין דער מאָדע־שפּיל.

אָט אַזאַ הויכע געפינט נישט קיין אַנדער אָרט אין צוג ווי נאָר אַוועק־צוזעצן זיך פּונקט קעגנאיבער מיר! וועט איר דאָך מסתמא פרעגן, נו, טאָ איז וואָס? איז דאָס פּשוט אַ סימן, אַז איר ווייסט נישט פון מיין מלאכה. ווי איר זעט מיך, בין איך אַמאָל געווען אַ שניידער, און עד היום קען איך נישט צוזען ווי מען מאַכט אַ תל פון אַ קלייד. אָט די הויכע האָט דווקא געטראָגן אַ קורץ קליידל פון געשטרייפטער סחורה, וואָלטן די שטרייפן געגאַנגען בארג אַראָפּ, ס׳הייסט לענגאויס, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. גייען זיי אָבער האָריזאָנטאַל! ווי נאָר זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט איר גלייך דערזען אירע צוויי דאַרע קני, ווי זיי קוקן פאַרשייט אויף אייך, און אַזוי ווי עס שטייט איר נישט אָן איר זאָלט מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט זיי, שפּרינגט זי אויף און גיט אַ שלעפּ דאָס קליידל. אָפּנים עס ווערט איר לייכטער אויפן געוויסן, נאָר זי גיט זיך אַ האַסטיקן זעץ אַנידער צוריק אויף דער ווייכער, פּליושענער באַנק, אַזוי, אַז דאָס קליידל ווערט נאָך קירצער און די חוצפּה־דיקע קני קוקן אויף אייך מיט מער פאַרשייטקייט.

הכלל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגע־פאַנגען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט צווישן מיידל מיט איר קליידל. ביידע זענען זיי געווען עקשנים — „קאָסאַ נאַ קאַמיען״!

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך מיך אָנגעטראָפן מיט אַזאַ

גימנאסטיק אויף דער באן; דאס מיידל ארויף, דאס קליידל אראפ; דאס מיידל אראפ, הא, הא, דאס קליידל ארויף און די צוויי דארע קני זענען שוין ווידער דא! ס'האט מיר אנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן.

איך דריי מיך אויס צום פענסטער און שעפ אביסל נחת פון די שאף, וואס מעלה־גרהן אויף די פעלדער אזוי פילאזאפיש־געמיטלעך און חלומען אפילו נישט פון קיין מאדעס.

פלוצלינג ווארף איך אן אומשולדיקן זייטיקן בליק אויפן מיידל און כ'זע, אז דאס געשטרייפטע קליידל האט פארשפילט דעם קאמף. פון דעם גלייכן ברוגז פון קליידל איז געווארן שפיצן . . . דאס האט מיך שוין פארדראסן; מיין שניידערישער כבוד איז דא געמיין באליידיקט געווארן, ווי האט עס ניט א מענטש גאט אין הארצן און מאכט אזא תל פון אזעלכע, גלייכע שטרייפן! . .

די טראגעדיע איז וואס באכן גאנצן שלעפן און צופן איז איר קוים גע־לונגען צו באהאלטן איין קני. די צווייטע האט זיך באוויזן צווישן אפגעשיידטע שפיצלעך און געווארפן א גנבישן שמייכל צו מיר, ווי אייגער רעדט, „אויב דער לאנגאטש פון א מויד שעמט זיך אזוי מיט אונז, טא ווער הייסט זי טראגן א קליידל ביזן פופיק?"

איך האב שוין פארענדיקט מיין רייזע, שטייענדיק אין קארידאר ביז דער צוג איז אנגעקומען אויף מיין סטאציע. מען דארף דאך האבן אייזערנע נערוון צו היינטיקע מיידלעך מיט זייערע קליידלעך.

א פאר הענטשקעס

אין איינעם אן אוונט, ווען די מערסטע מענטשן שפאצירן נאכן שווע־רן מאלצייט, וואס זיי האבן נאר־וואס פארשלונגען, און די בענק אין שטאט־גארטן זיינען וויינגיק באזעצט, האב איך באלד נאך דעם ווי אן אלט פאר־פאלק האט זיך פון דער באנק אויפגעשטעלט, באמערקט א פאר הענטשקעס. מאמענטאל האב איך געוואלט אויסשרייען: „אייערע הענטשקעס"! איך האב זיך אבער גלייך פארכאפט. איך האב א טראכט געטון: וואס וועט זיין, אז דאס פאר־פאלק וועט זיך גארנישט אומקוקן און א מאסע קעפ וועלן אנ־שטעלן זייערע אויגן אויף מיר און אפשר נאך מיט פארדאכט? וואס עפעס אינמיטן דרינען מאכט ער אזא לארם צווישן די שטילע שפאצירנדיקע?

מענטשן זיינען דאך בטבע גרייט אויסצולייגן צום שלעכטן . . . און אפשר זיינען גאר די הענטשקעס נישט זייערע? און אויב יא, טא ווער האט זיי געהייסן זיי אויפהענגען אויפן רוקן פון דער באנק, אז בלויז איין הענט־שקע זאל זיך ווייזן פארן פובליקום און די צווייטע זאל אריבער־הענגען פון דער אנדערער זייט? און ווער האט זיי בכלל געהייסן פארגעסן אין זיי?

קיין ראמאנטיש פארל זיינען זיי דאך זיכער נישט געווען, ווייל וועל־כעס פארליבטע פארל שפאצירט עס איינס הינטער דעם אנדערן, סיידן מען צעקריגט זיך. אבער אין אזא פאל וועט איר אלעמאל באמערקן, אז דאס

מיידל גייט אין גאס פאַרויס און דער בחור וויל אדער וויל נישט זי דעריאָגן.

אבער דאָ איז דאָך געווען פאַרקערט די מעשה. ער איז, נעבעך, קוים געגאַנגען מיט אַ שטעקן פאַרויס און זי איז אים נאָכגעקראָכן מיט אַ צווייטן שטעקן.

בין איך, מיט אַ ריין געוויסן, געקומען צום באַשלוס, אַז נישט אַנדערש נאָר עמיצער האָט די ענטשקעס בכוונה איבערגעלאָזט אויף דער באַנק, פונקט ווי מען לאָזט אַמאָל איבער אַ ממזר אויף די טרעפּ פון אַ קירך . . . און בין געבליבן זיצן אויף דער באַנק אַ ביסל אין אַ זייט.

אַליין לאַקאָמע איך זיך נישט אויף אַזעלכע מציאות, און דאָך האָב איך געפילט אַ ביסל פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די ענטשקעס. איך האָב זיך פּלוצלונג געפונען אין דער ראָלע פון אַ „זיצעריך״; איינע, וואָס גיט אַכטונג אויף אַ קינד בשעת די עלטערן גייען פאַרברענגען ערגעץ אין אָוונט. טאַקע אמת, אַז קיינער הייסט מיך נישט זיצן און אַכטונג געבן אויף זיי, אבער ווי קען מען דאָס איבערלאָזן אַ פּאָר הענטשקעס גלאַט אַזוי אויף הפקר ? אחוץ אַלעם, האָט זיך מיר שוין אויך געוואָלט זען וויאַזוי די פאַרבייגייער וועלן רעאַגירן.

איידער איך האָב זיך אָריענטירט אין מיין נייער ראָלע פון אַן אַפּוט־רופּוס איז מיין באַנק געוואָרן דער צענטער פון אינטערעס פאַר די שפּאַ־צירנדיקע. די הענטשקעס האָבן מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט געצויגן צו זיך די בליקן פון די פאַרבייגייער און אין יעדן בליק איז געלעגן פאַרבאָר־גן אַ באַזונדער ווילדער פאַרלאַנג צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט די הענט־שקעס. אַט גייען פאַרביי צוויי אויסגעדאַרטע דאַמען, וואָס איבערפלעכלעך וויזן זייערע פּנימער נישט קיין ברעקל פאַרדאַכט אויף שלעכטע מחשבות. און ווי נאָר זיי קומען נענטער צו מיין באַנק און באַמערקן די הענטשקעס, ענדערט זיך אויטאָמאַטיש דער אויסדרוק אין זייערע בליקן. איר קענט ממש הערן ווי אַן איינערלעכע שטים רעדט אַרויס פון זיי מיט פאַרדרוס : „אַ שאָד, וואָס דער חברה־מאַן זיצט אויף דער באַנק״. . .

די גרופּע אויסגעפּאַשעטע, סקאַנדינאַווישע מיידן האָבן דערזען די הענטשקעס נאָך פון דער ווייטן. לויט זייערע לאַכנדיקע אויגן האָב איך דער־פילט זייער בייזן געדאַנק, אַז דאָס אַמוזירן זיי זיך מיט אַ געפּלאַנעוועטן אָנ־פאַל אויף די הענטשקעס. פון זייער הויכן געשפּרעך אין זייער לשון, וואָס קלינגט ווי פון מיילער מיט הייסע קאַרטאָפל, האָב איך זיך משער געווען, אַז דאָס דיסקוסירן זיי די פראַגע פון מאַכן דעם „אַטענטאַט״. טראַגעדיע איז אבער געלעגן אין זייערע קאַלטע אויגן ווען זיי האָבן פאַרבייגעשלייכט, ווי נאָרדישע אייז־בערג, אָן אַ בליק צו וואַרפן אין מיין ריכטונג. די ריזיקע אָפּגעשיקט צו ווערן מיטן עטאַפּ איבער אַ פּאָר אומבאַקאַנטע הענטשקעס איז, אַפּנים, געווען צו גרויס פאַר זיי. און אַפילו דער הויכער מאַן, וואָס האָט אַראָפּגענידערט צו זיין באַגלייטערין, האָט אויך נישט פאַרפעלט צו וואַרפן אַ בליק אויף די הענטשקעס. ס׳קען זיין, אַז ווען דער זעלבער מאַן וואָלט

געהאט א גלייכן רוקן, וואלט ער פון זיין גיגאנטישער הויך גארנישט באַמערקט. האט אים אבער די נאטור געשטראפט מיט אן איינגעבויגענעם רוקן און געבענטשט מיט א נידעריקער דאמע פאר באקוועמלעכקייט. ער האט נישט פארפעלט אנצוזאגן איר די גוטע בשורה. זי האט געמאכט דעם אנשטעל, אז זי קוקט נישט אויף די הענטשקעס, אבער נישט מיך האט זי געקענט אפנארן! איר שנעלער, זייטיקער בליק האט רעאגירט, ווי זי וואלט דערזען א נאקעטן. זי האט מיט אזא אימפעט צוריקגעדרייט איר קאפ, אז איך האב דערוואַרט אן ערנסטן צוזאמענשטויס פון צוויי נעזער, וואס האט בלויז דורך א נס נישט פאסירט.

איך האב ענדלעך באשלאסן איבערצולאזן די הענטשקעס אויף גאַטס באראט און מענטשלעכן יושר און אוועקגעשפאצירט.

און ווי דאס הארץ האט מיר געזאגט, מיט פופצן מינוט שפעטער. פארבייגייענדיק די זעלבע באנק, האבן נאך מענטשן געמיטלעך ארומשפאצירט מיט די זעלבע אומשולדיקע פנימער. אבער פון די הענטשקעס איז שוין אפילו קיין זכר נישט געבליבן.

... און אדם האט קאפיטולירט

אין די ערשטע טעג נאך ששת ימי בראשית איז אדם געווען גאנץ צופרידן פון זיין לעבן. אמת, די ארבעט, וואס מען האט אים אנפארטרויט, איז אפילו געווען אביסל צו קאמפליצירט. אבער ער האט זיך דערין אריינגעווארפן מיט גרויס התמדה, קלאסיפיצירנדיק אלע באשעפענישן פון דעם העלפאנט אן ביז דער מילב.

זיך אפגעפארטיקט מיט אט דער ארבעט, האט אדם זיך אנגעהויבן לאנגווייליקן, מחמת קיין אנדערע באשעפטיקונג האט ער נישט געהאט. ר'איז פשוט ארומגעגאנגען פוסט און פאסט גאנצע טעג און געגענעצט ביז ער איז מיד געווארן פון סתם ארומשלעפן זיך. האט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אין גן־עדן, אונטערגעשפארט די הענט צוקאפנס, די שמעקעדיקע ריחות ארום האבן אים באלד איינגעשלעפערט, און באלד טאקע האט זיין שנארכן געגומען דערגרייכן אזש ביז צום הימל . . .

און כביכול מיט עטלעכע מלאכים האבן זיך געלאזט אין וועג אריין.

* * *

— שש . ששא . שטילער . פאוואליע . וועקט אים נישט אויף ! — האט דער רבונו־של־עולם געזאגט צו די מלאכים.

פאר מורא האבן די מלאכים אנגעהויבן גיין אויף די שפיץ פינגער פון די פיס. האבן אראפגעלאזט די פליגל, כדי נישט אנצומאכן קיין גערודער. אבער מיט די הענט האבן זיי זיך געהאלטן פארן מויל, דושענדיק זיך פון געלעכטער. דער מלאך אוריאל האט ממש געמוזט אנשטרענגען אלע כחות נישט ארויסצושיסן מיט א געלעכטער . . .

— זאג מיר נאר, גבריאלטשקע, — האט ער אין דער שטיל געפרעגט — פארוואס דארף מען עס גיין אזוי שטילינקערהייט און אים אפטון אט אזא שפיצל בשעת ער שלאפט?

גבריאל האט אים אפגעמאסטן מיט א בליק פון קאפ ביז די פיס, און מיט איינגעהאלטענעם כעס שטיל א זאג געטון,

— שוטה גמור וואס דו ביסט, אויב ער וועט זיין וואך, וועט ער דען זיך לאזן אפטון אזא שפיצל?...

און די פמליה של מעלה איז סוף כל סוף צוגעקומען צום ארט, וואו אדם איז זיך אזוי געלעגן און געשנארכט בהנאה...

— קינדער, — האט כביכול געזאגט, נאר אזוי שטיל, אז בלויז מלאכים האבן אים געקענט הערן, — העלפט מיר אים איבערדרייען אויף דער לינקער זייט, גבריאל, דו האלט אים ביי די פיס און דו, רפאל, דערלאנג מיר דיין מעסער...

ווען אדם האט זיך ענדלעך אויפגעכאפט פון שלאף, האט זיך אים אויסגעדאכט, אז די זונענשטראלן יאגן אים נאך, ווי וועלנדיק זיך רייצן מיט אים...

באלד האט אדם זיך גענומען פילן הונגעריק, נאר ווי ר׳האט פרובירט אפרייסן אפאר זיסע טייטלען, האט א ווינט געגעבן א הויב אויף די צווייגן פון טייטלבוים אזוי הויך, אז אדם איז געבליבן ביים וועלן... ס׳האט אים אבער אזוי געהונגערט...

אין דער מינוט האט ער דערהערט א שטיל געלעכטערל הינטער זיך, ער האט זיך אומגעקוקט...

ווי באוואוסט, האט אדם געקענט אלע באשעפענישן אין גן־עדן, ער האט דאך זיי אלע דא נישט לאנג אליין יעדן איינעם א נאמען געגעבן! אבער אט אזא חיה ווי ער זעט איצט הויבט ער כלל נישט אן צו געדענקען. עפעס איז זי יא ענלעך צו אים און עפעס אנדערש ווי ער... זיין הויט איז טונקל און איר לייב איז ווייס, ריין, צארט און פריש...

די חיה האט געשוויגן, געשוויגן און געשמייכלט... אדם האט אויך געשוויגן, געשוויגן און געקוקט... די חיה איז אים איגנטלעך געפעלן.

— און אפשר קען איך זי דאך — האט ער זיך געטראכט — און פאר־געסן ווי זי הייסט?... ווער ביסטו? — האט ער זי געפרעגט.

די חיה האט געשמייכלט, געשמייכלט און געענטפערט.

— דיין ווייב!

ביי אט די ווערטער איז אים א זיסער פראסט אדורכגעלאפן דורך די אברים דאס קול אירס האט אים געקלונגען אסך שענער, אסך זיסער ווי די נאכטיגאל, וואס ער האט אזוי ליב זי צו הערן...

— קום!

און זי האט אדמען אנגענומען ביי דער האנט און אים צוגעפירט צו א בוים אינמיטן גארטן. א קאלטער שווייס האט אים באגאסן. ער האט גלייך

דערקענט דעם האזיקן בוים, דעם טויטלעכן עץ־הדעת! . . .

„אויב דו וועסט עסן די פירות פון דעם בוים, וועסטו שטארבן”, ווי האמערס האבן אט די ווערטער געקלאפט אין זיינע אויערן. בלויז די מאלפעס האבן זיך כסדר געהאלטן אין איין באלעקן . . . און די פייגעלעך האבן געזונגען אזוי שיין, אזוי זיס, אזוי צוקער־זיס . . .

— טרילירי . . טרילירי! . .

און די ווערטער פון כביכול האבן זיך ווידער איבערגעחזרט אים אין זכרון: „אויב דו וועסט עסן די פירות פון דעם בוים, וועסטו שטארבן”! ! ! נאר זי האט געהאלטן אין איין קוקן אזוי ליבלעך אויף אים . . . און דער קוק אירער איז געווען אזוי רייצנדיק, אזוי ברענענדיק, אז אדמען איז הייס געווארן אין אלע גלידער. ער האט געפילט ווי עפעס א מאדנע פייער האט זיך אנגעצונדן ביי אים אין הארץ.

מיט אירע ראזיקע, קליינינקע פינגער האט זי אפגעריסן אן עפל פונם בוים און אים הערלאנגט. די שלאנג, וואס איז איר געלעגן ביי די פיס, האט אונטערגעזאגט,

— פאלג זי, פארזוך, נעם פארזוך!

אדם האט געפילט ווי האניק וואלט זיך אים געגאסן אין הארץ אריין און ווי זיסער וויין וואלט אים געפלאסן אין זיינע אדערן אריין.

— ביין, מען טאר נישט! — האט ער אין פארצווייפלונג פראטעסטירט.

— נארישקייטן, — האט זי מיט א רייצנדיק שמייכעלע געענטפערט. — דאס וואס איז גוט, מעג מען . . . — און איידער ער האט נאך צייט געהאט א ווארט אויסצורעדן, האט זי דעם עפל איינגעביסן. — אוי, ווי איז דאס געשמאק! עס צעגייט זיך דיר אין יעדן אבר, — האט זי צוגעשאקלט מיטן קעפעלע און געשמאטשקעט מיט די ליפעלעך. — פארזוך, נארעלע!

— מען טאר דאך נישט! האט ער זיך ביי איר מאכטלאז געבעטן.

— נארעלע מיינס, זעסט דאך, אז איך עס דעם עפל און ס'שאדט מיר נישט! זאג מיר כאטש פארוואס דו ווילסט נישט פארזוכן? . . .

— „אויב דו וועסט עסן די פירות פון דעם בוים, וועסטו שטארבן” האט מיר ג'אט געזאגט . . .

א שטארקער פארדאכט האט פארביטן איר זיס שמייכל. דאס פנים האט זיך איר אנגעצונדן ווי א פייער, די אויגן זענען איר פארלאפן מיט בלוט, און מיט צארן האט זי געגעבן א געשריי,

— אזוזוי! . . . און דאס זאגסטו מיר נאך דעם ווי איך אליין האב שוין געגעסן! אהא, איצט פארשטיי איך שוין פארוואס דו ווילסט נישט עסן דעם עפל! איך פארשטיי שוין דיינע גנבישע מחשבות . . . דו ווילסט פון מיר פטור ווערן, כדי דו זאלסט קענען אן אנדערע באזיצן . . . איא, טייערע מציאה מיינע איא, איך האב געטראפן? . . . — אירע קולות האבן די פייגל פארשטילט . . .

אדם איז געווארן פארצווייפלט. זי — אזוי ווילד אויפגערעגט, אז ער

האט פשוט נישט געקענט אונטערשיידן צווישן זיין ווייב און דער שלאַנג . . .

זי איז צו אים צוגעלאָפן אויף אירע דראָבנע פיסעלעך, האט אויפגעהויבן די קליינינקע הענטעלעך, אויסגעשטרעקט די קליינינקע פינגער, וואס האבן געהאט אַזעלכע שאַרפע נעגעלעך . . .

נאר שיין איז זי געווען אין דעם כעס . . אוי, אַזוי שיין . . די האר צעלאָזט איבער די אַקסלען, די אויגן — גרויס און ווילד, אַזוי דורכדריבגענדיק . . די בעקעלעך אַזוי רויט . די ליפּעלעך פאַרביסן . בעטעמט, חנעוודיק, זיס, צוקער־זיס . . .

און אדם איז דעם נסיון נישט בייגעשטאַנען . . . ער האט פאַרזוכט פון דעם עץ־הדעת . . .

אן אויסלענדער אין ענגלאַנד . . .

(באַזירט טיילווייז אויפן ענגלישן בוך פונעם באַקאַנטן אונגאַרישן הומאָריסט געאָרג מיקעס)

עס איז נישט קיין ענין פאַר אן ענגלענדער צו שרייבן וועגן אויסלענדער אין ענגלאַנד. דאַרף איך אייך שוין נישט זאָגן, אַז דאָס איז געשריבן פּראָסט און פשוט פון אן אויסלענדער גופא.

דאָ איז נישט קיין פראַגע, ווען אַן אויסלענדער ווערט אויס אויסלענדער? אַזעלכע מענטשן געפינען זיך נישט אין ענגלאַנד. אויב איר מיינט, אַז אפּוווינענדיק דאָ הי אין לאַנד אַן ערך זעכציק יאָר, און אויפהאָדעווענדיק אַ גאַנצע פאַמיליע, ווערנדיק אן ענגלישער בירגער במשך פון דער צייט, איז דאָס אַ סגולה, האט איר אַ טעות. אן אויסלענדער פאַרבלייבט אן אויסלענדער אויף תמיד.

די ענגלענדער זיינען ביי דער מיינונג, אַז אן אויסלענדער איז נישט נאָר אן אויסלענדער אין ענגלאַנד, אפילו אין זיין אייגענער געבורט־שטאָט איז ער אויך אן אויסלענדער . . . וואס דאַרפט איר מער, נאָך אַלס גרינער, האט זיך אין מיר פאַרליבט אן ענגליש מיידל און מיר פאַרגעשלאָגן מיט איר חתונה צו האָבן. ווען איך האָב איר דערקלערט, אַז מיין מאַמע אין דער היים איז דאָקעגן, איך זאָל חתונה האָבן מיט אן אויסלענדערין, האט זיך דאָס מיידל צעלאַכט, אַזש צו פּלאַצן פון געלעכטער.

— וואס איך בין אן אויסלענדערין? — האט זי געקייכט פון געלעכטער.
— דו ביסט אן אויסלענדער, דיין מאַמע איז אן אויסלענדערין. דיין באָבע איז אן אויסלענדערין!

פרעג איך זי מיט אַ רחמנות־פּנים, אַ ביסל באַזאָרגט:

— מיינסט טאַקע, אַז מיין מאַמע דאָרט אין קליינעם שטעטל און מיין באָבע די זקנה זיינען אויסלענדער? — עס האט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. ערשט דאָ נישט לאַנג, דוכט זיך, האָב איך זיי פאַרלאָזט אין דער היים, פשוטע

מענטשן, וואס קענען נישט קיין אויסלענדיש ווארט, נאר בלויז מאמע־לשון; און דא פלוצלינג הער איך גאר, אז זיי זיינען אויסלענדער!

אבער אין פראנקרייך, שפאניע, איטאליע, מעקסיקא, דענעמארק און אין אנדערע מקומות, זעט איר, ווערט אזעלכע קיינמאל נישט טרעפן. דאס טרעפט זיך בלויז אין מלכות־ענגלאנד.

קומט איר אמאל אן קיין ענגלאנד אינמיטן זומער פון א ווארעמען קלי־מאט, און א קאלטער, שמייסנדיקער רעגן איז אייך מקבל־פנים ביים אויס־שטייגן פון דער לופט־שיף אין לאנדאן, זאלט איר אייך נישט פילן אנטוישט. די זון שיינט אמאל אויך אויף די לאנדאנער גאסן אין זומער־צייט. עס איז א מזל־זאך. אמאל קענט איר אפזיין אין ענגלאנד א גאנצן חודש און נישט וויסן, צי ס׳איז דא א זון איבער דער וועלט. אמאל, ווי אומגעריכט, קען די זון דא שיינען אינמיטן זומער דעם גאנצן טאג . . . וואלט די זון דא גע־שיינט אלע טאג אין זומער, וואלטן די ענגלענדער באמת געמיינט, אז די וועלט עקט זיך.

כמעט אלץ איז דא אין ענגלאנד קאפויער. דער ארעמסטער אויפן איירא־פעאישן קאנטינענט קליידט זיך אין זיינע בעסטע מלבושים זונטיק, אבער אין ענגלאנד קענט איר באגעגענען א לארד אין צעקנייטשטע הויזן און נישט ראזירט, דווקא זונטיק. טאמער באגעגנט איר א שלעפער אין א פארק, זונ־טיק און יענער נעמט זיך קראצן, קענט איר גארנישט וויסן, צי ס׳איז טאקע נישט קיין לארד . . .

אויפן איירא־פעאישן קאנטינענט גיט מען געוויינלעך אפ זונטיק פאר ספארט, אין ענגלאנד אבער איז מען גרייט ספארטס־לייט צו לייגן אין חרם אריין, טאמער האבן זיי גאר די העזה זיך צו פארנעמען מיט זייערע שפילן.

איינשטייגן אויף אן אויטאבוס, שטייגט מען איין אויפן איירא־פעאישן קאנטינענט דורך איין טיר און מען שטייגט אפ דורך דער אנדערער. אין לאנדאן איז פונקט פארקערט: ביידע מחנות באגעגענען זיך דא פנים אל פנים, און מען שטופט זיך מען פארגעסט צו וואס מען שטופט זיך . . . עס טרעפט אפילו, אז אייניקע, וואס האבן געדארפט אויסשטייגן, האבן זיך צוריק אוועקגעזעצט און ווייטער געפארן, אנדערע ווידער, וואס האבן פאר־געסן, אין וועלכער ריכטונג זיי דארפן פארן, האבן זיך אומגעקערט און געגאנגען צופוס אהיים . . .

אויפן איירא־פעאישן קאנטינענט זיינען די מאטארן מאנטירט אויף לינקס אין די אויטאס און מען פארט אויף רעכטס אין גאס. אין ענגלאנד איז ווידער פארקערט: די מאטארן זיינען אויף רעכטס און פארן פארט מען אויף לינקס.

אין אמעריקע רעדט מען שטענדיק פון די גרעסטע זאכן אין דער וועלט: וואלקן־קראצערס, בריקן, מאנומענטן, האטעלן. און באלד גיט מען אייך א דערצייל וויפל מיליאנען דאלארן דאס אלץ האט אפגעקאסט, כאטש מען ווייסט, אז איר גייט עס נישט קויפן . . .

אין ענגלאנד שמועסט מען תמיד פון וועטער. א געשפרעך קען באשטיין בלויז פון קשיות:

— ווי געפעלט אייך דאס וועטער?

— ווי לאנג, רעכנט איר, וועט עס זיין אזוי שיין?

— דענקט איר נישט, אז ס׳וועט זיין א הייסער טאג היינט?

— איר האט ליב די היץ?

— וויפל יאר איז שוין, ווי ס׳איז נישט געווען אזא הייסער טאג?

פון די ענטפערס וועט איר באמערקן, אז די ענגלענדער ווילן אייך קיינמאל נישט איבערשפארן, צי זיי שטימען יא איין מיט אייך צי נישט.

נאר טאמער זאגט איך אן ענגלענדער, על־פי־טעות (ס׳כאפט זיך דאך אמאל ארויס), אז עס וועט היינט זיין זייער א שיינער טאג, זאלט איר אים נישט זאגן, אז עס הויבט אן צו רעגענען, אפילו ווען אייניקע טראפנס רעגן האבן זיך אייך שוין אראפגעקייקלט איבער אייער פליך. וואס ארט אייך, זאל ער מיינען, אז איר זענט נישט קיין אויסלענדער.

אויב מען לאדט אייך אמאל איין צו אן ענגלישער פאמיליע אויף איבער נאכט און די באלבאסטע אדער די דינסט רייסט אייך איבער אייער זיסן שלאף פינף אזייגער פארטאג מיט א טעפעלע טיי, זאלט איר נישט פארלירן דאס געדולד און אויסבייטלען אלע בייזע חלומות אויף איר קאפ. אדרבה, נעמט זי אויף מיט א שמייכעל און זאגט איר:

— אוי, א לעבן אויף אייך! איר האט מיך פשוט מחיה געווען מיט דער טיי . . . — נאך איר ארויסגיין פון צימער קענט איר אויסגיסן פון צימער די פארשאלטענע טיי אין וואש־באסיין, און פארזעצן אייערע זיסע חלומות.

אפזאגן א טעפעלע טיי ביי אן ענגלענדער איז ערגער, ווי אים ארייןזאגן אין טאטנס טאטן אריין!

איר טארט נישט אפזאגן א טעפעלע טיי אן ענגלענדער אין די פאל־גנדיקע אומשטענדן: ווען ס׳איז אייך הייס; ווען איר וואלט געוואלט אוועק־גיין; ביים ארייכקומען אין הויז; ווען איר פילט אייך אויפגערעגט; ווען איר פילט אייך נארמאל; ווען איר זענט הונגעריק אדער אפילו, ווען איר האט פיינט טיי ווי סם.

טאמער געפינט איר אייך אין א געשפרעך מיט ענגלענדער און איינער זאגט אייך:

— איר, אויסלענדער, זענט אזוי קלוג! — זאלט איר אכטונג געבן נישט צו פארלירן אייער גלייכגעוויכט און מיינען, אז ער האלט אייך טאקע פאר א חכם. לגמרי נישט, אין אט די פאר ווערטער קען ליגן זיין גאנצע פאר־אכטונג צו אייך און צו אלע אויסלענדער. לאמיר זיך נישט נארן, איר ווייסט דאך גאנץ גוט, אז ס׳פעלן נישט קיין שוטים צווישן אויסלענדער . . .

א גוטער וויץ

איך האב ליב א גוטן וויץ. איך וועל אייך אוועקגעבן א זאק בארשטש פאר אן ערשטקלאסיקן וויץ; איך מיין טאקע דעם סאמעראדנעם, פון וועלכן — צי מען וויל, צי מען וויל נישט — מען מוז ארויסשיסן מיט א הילכיק געלעכטער אין אזא אימפעט, אז מען פארהוסט זיך, מען פארקייכט זיך און מען הויבט אזש אן וויינען פאר געלעכטער!

איך האב אויך א הנאה צו באמערקן ווי אזוי א גרופע מענטשן, איינגע־שלאסן פרויען, רעאגירן.

איר וועט נישט געפינען קיין צוויי מענטשן, וואס וועלן לאכן אויפן זעלבן אופן ווייל די, וואס פארשטייען זיך נישט אויף קיין וויץ, זיצן די ווי לעבעדיקע מתים און ווארטן ביז דער עולם צעלאכט זיך, און ערשט דאן ווארפן אויך זיי ארויין א שמייכל, ווי דארע וואנצן אין קאן ארויין, כדי מען זאל, חלילה, נישט מיינען, אז זיי פארשטייען זיך נישט אויף א וויץ . . . אבער די, וואס כאפן יא „דעם שניט", לאכן יעדער אויף זיין שטייגער. איינער האט א טבע אונטערצושפרינגען אביסל, ווי ער וואלט געווען אויף שפילקעס. און זיך צו שאקלען אהין און צוריק. א צווייטער, פארקערט, פארווארפט דעם קאפ אויף צוריק, שאקלט זיך פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, ווי א פאמפעדיקל (אן אומרו פון א וואנט־זייגער) ביז דאס לאכעניש גייט אים איבער. און ער ווישט זיך אויס די פייכטע אויגן מיט דער לינקער זייט פון זיין רעכטער האנט.

א פרוי, וואס איז נישקשהדיק אויפן ביינדל, לאכט גאנץ אנדערש ווי א דארע בראנדיע. די „פארהארטע זרוע" גיט א הילכיקן קוויטשה, בלייבט זיצן א פארמאטערטע אן אן אטעם און האלט זיך ביים בלאסן שטערן. אבער ווען די פעטע מאדאם הויבט אן צו לאכן, ווערט א גאנצע טרעוואגע. צוערשט פארלייגט זי אירע פוכקע הענט אויפן פוכקע בוזים און כאבאטשעט מיט אזא אפעטיט, אז דער בוזים און די הענט ווערן נאכמער לעבעדיק און שפרינגען ארויף און אראפ צום טאקט. זי שלעפט ארויס א נאזטיכל פון אן ארבל און פארגעסט וואו די הענט זיינען געווען . . . און . . . האלט זיך ביים בויך פון געלעכטער. אבער דא קענען זיך, נעבעך, די הענט נישט ארומכאפן ווי אויפן בוזים . . . זיי קענען זיך אפילו קיין „שלום עליכם" נישט געבן. די צוויי צעשפרייטע הענט זעען אויס ווי צוויי גרופעס, וואס קלעטערן, קעגנזייטיק צו דערגרייכן צום שפיץ פון בארג סיני.

איר האט שוין מסתמא באמערקט, אז די בעסטע וויצן זיינען געצילט אויף אנדערע מענטשן; מעג עס זיין א ווייב, א שוויגער וכדומה. אבער אין ענגלאנד וויצלט מען זיך איבער די שאטלענדער מער ווי איבער אלע אנדערע פעלקער אין גרויס־בריטאניע, ווייל די אירלענדער פארשטייען זיך נישט אויף קיין וויץ און זיינען באלד גרייט מיט דער פויסט . . .

לאיד דזשארדזשעס לאנדסלייט אין וויילס וועלן ליבער טאלערירן די דייטשע פאנצער־טרופן ווי א געפעפערטן וויץ. די ענגלענדער קענען נאר

לאכן, ווען זייערע פוטבאלערס געווינען אין אויסלאַנד און ווען די פּאַקיס־טאַנער פאַרלירן אין „קריקעט“ אין ענגלאַנד. די שאָטלענדער אָבער האָבן אַ שאַרפן חוש פאַר הומאָר; ווייסן זיי, אַז אויב זיי אַליין וועלן זיך נישט נעמען צו דער אַרבעט, וועט קיינער נישט לאַכן פון זיי. האָבן זיי טאַקע, מיט לאַנגע יאָרן צוריק, אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּעריאָדישע בראָשורן אָנגעפּיקעוועטע מיט וויצן איבער זיך אַליין.

אַט די אַלע שטעכיקע וויצן וועגן קאַרגקייט פון די אַבערדינער תושבים, ווי צום ביישפּיל, „באַלד נאָך דער חתונה פּאַרט דער מאַן אַליין אויפן האָניק־חודש“. . . אָדער „ווען מען מאַכט אַ צדקה־זאַמלונג פון הויז צו הויז, טרעפט מען נישט קיין לעבעדיק נפש אין קיין שטוב, אַלע זיינען אויף די גאַסן“ אָדער „אַ שאָטלענדער האָט אָנגעהויבן צו גיין צופוס אויף די שינעס פון לאָנדאָן קיין עדינבורג, ווייל ער האָט נישט געקענט מושווה ווערן וועגן פּרייז פון אַ בילעט ביי דער קאַסע“ און אַזוי ווייטער און ווייטער. די דאָזיקע בראָ־שורן ווערן אַרויסגעגעבן פון אַ קאָלעגיום שאָטלענדער און טאַקע אין אַבערדין.

מיר האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט צו מאַכן אַ לוסט־רייזע אויף אַ דאַמפּער פון גלאַזגאָוי קיין לאָך־לאָמאָנד (נישט לאָך־נעס . . .). אַראָפּשטייגנדיק פון דער שיף, לאָזט מען זיך באַרג־אַרויף נאָך אַן ענגליש טעפּל טיי און מען קומט צו צו אַ פריילעכן שאָטלענדער, וואָס סערווירט בלויז טיי און זעמעלעך. מען צעזעצט זיך אויף אָפּגעהאַקטעביימער, און מען קוויקט זיך.

איך וויל איינבייסן אַ זעמעלע, אָבער ס׳גייט נישט! איך דריי דאָס זע־מעלע אַרום און ס׳העלפט נישט . . . דערווייל זע איך ווי די פּאַסאַזשירן, איינער נאָכן אַנדערן, לאָזן זיך גיין און שטעלן זיך אָפּ, פאַרמירנדיק אַ קיילעכדיק ראָד, און וואַרפן מיט די הענט, ווי ביי תשליך. איך בין נישט פויל און שטופּ מיר אַריין אין רעדל, און וואָס דערזע איך? — קראָליקעס, אַרומגעגראַדזשעטע קראָליקעס! הונגעריק ווי די וועלף! די פּאַסאַזשירן קאָר־מענען זיי מיט . . . די זעמעלעך, און יענע שלינגען זיי ווי נאָך אַ קרענק. דער פריילעכער שאָטלענדער שטייט פון ווייטן און שעפּט נחת וואָס מען האָט אים באַצאָלט פאַר קאָרמענען זיינע קראָליקעס! און צוריק געשמועסט, ווען מען ברעכט זיך אויס די ציינער, וואָלט בעסער געווען?

פונדעסטוועגן איז ביי מיר ווערט געווען דאָס גאַנצע געלט, אויסצוגע־פינען, אַז די שאָטלענדער זיינען אַ נאָרמאַל פאָלק; אַז ביי זיי געפינען זיך יחידים וואָס זיינען אַ יוצא מן הכלל; פּונקט ווי ס׳געפינען זיך עטלעכע קלוגע אירלענדער, עטלעכע גוטע דייטשן, עטלעכע אָרעמע יידן, אַזוי געפינען זיך אויך עטלעכע שאָטלענדער קמצנים.

ניין, איך האָב מיך אפילו נישט באַליידיקט ווען דער וויץ איז געווען אויף מיין רעכענונג. איך האָב ליב אַ גוטן וויץ . . .

א מעשה מיט א גט

אין וואייטהאל, אין לאנדאן, אנטקעגנאיבער דעם וועלט־בארימטן סקאט־לאנד־יארד, די הויפט־קוואַרטיר פון דער ענגלישער געהיים־פאליציי, וועט איר וואלט נישט פארבייגיין וועט איר באמערקן צוויי גווארדייצעס פון דער קעניגלעכער גווארדיע אין זייערע רויטע מונדירן און הויכע, שווארץ־פוטערנע היטלען, אראפגערוקט כמעט ביז צו דער נאז, זיצן אויף אויסגעפאשעטע, אויסגעסטראיטע און אנגעזאטלטע פערד, וואס רירן זיך נישט פון ארט ווי סטאטועס.

אין פלוג קען מען מיינען, אז זיי זיצן שוין אזוי פון קדמונים אן. איך אבער האב תמיד געהאט א חשד, אז דאס רוקן זיי בכיוון אראפ די קוטש־מעס זייערע ביז צו דער נאז, כדי מען זאל מיינען, אז אייגנטלעך קומען זיי ארויס פון עפעס א מאנאסטיר און קענען נישט קוקן אויף די געטאקטע מיידלעך מיט די לאנגע האר און קורצע קליידלעך ווי זיי דרייען זיך מכלו־מרשט ארום די פערד, גלעטן זיי די נאזדרעס, קארמענען זיי מיט צוקער, אבער אין דער אמתן ליגט זיי נאר דער קאפ ביי די גווארדייצעס . . .

איך וואלט געקענט שווערן ביי בארד און פיאות, אז אט די זעלבע סאלדאטן גלעטן קיינמאל נישט קיין פערדישע נאזדרעס, ווען זיי גייען טאנצן אדער אין טעאטער ארייז . . .

אנטקייגן וואס, מיינט איר, זאג איך דאס? פשוט, אייגער אזא גוואר־דייעץ האט געהאט צו שפילן די הויפט־ראלע אין א גט־פראצעס, וועלכן איך האב אנומלט בייגעוואוינט אויפן „באפעל" פון מיין רעדאקטאר, ווען ס'האט זיך פארגלוסט א פיקאנטע מעשה, וואס פון איר וואלטן אפילו עלטערע לייע־נער ממש אויפגעלעבט און פארגעסן אין זייערע טאג־טעגלעכע חולאתן.

אייגנטלעך האט זיך דער הויפט־העלד אויפן פראצעס גארנישט באוויזן, און זיין סימפאטיש־אויסזעענדיקע פינף און צוואנציק יאריקע פרוי האט זיך דאס כלל נישט געגומען צום הארצן. אדרבה, זי איז נאך דערפון געווען צופרידן . .

די סיבה פון וועלן גטן זיך מיטן מאן, האט זי דערקלערט דעם עובר־בטלדיקן ריכטער, איז . . . קיצלען. אבער א ריכטער מוז זיך, פארשטייט איר מיך, האלטן שטרענג און ערנסט, אפילו ווען ס'איז אים שווער נישט ארויס־צופלאצן מיט א געלעכטער. טאמער ווייזט ער ארויס בלויז א סימן פון א שמייכל, שיסן אלע זשורנאליסטן, אדוואקאטן און „באריסטערס", אין זייערע שווארצע פעלעריגעס און ווייסע געקרייזלטע פארוקן, ארויס אין אזא גע־לעכטער, טאקע מיטן גאנצן עולם בתוכם, אז דער גווארדייעץ, דער הויפט־העלד, וואלט עס געהערט ממרחקים ביי א קופעל לאגער־ביר, נאר קענטיק איז עס דאך געווען, אין זיינע פארזשמורעטע אויגעלעך, אז דער אלטיטשקער ריכטער האט אויך א הנאה פונם לעבן . . .

ארויסגעשטעלט האט זיך אין אט דעם פיקאנטן פראצעס, אז דער מאן דער גווארדייעץ האט ליב מען זאל אים קיצלען! אודאי איז עס נישט קיין

עוולה אויב א ווייב גיט אמאל דעם מאן א קיצל אדער פארקערט . . . כאטש צוריק געשמועסט, אויב שוין עטלעכע וואכן נאך דער חתונה, אז מען דארף פאדערן פון א ווייב זי זאל אייך קיצלען, מוזן דאך דא זיין גרויסע צרות . . נאר וואלט זיך דא געהאנדלט אין סתם א קיצל טון אונטערן ארעם אדער אין שפילן אין „סיראקא וואראנא״, ווי קינדער ביי אונז אין דער היים, וואלט דאס סימפאטיש־אויסזעענדיקע ווייבל גרייליך קיין גט נישט באקומען; דא איז אבער געווען א מעשה אן אן עק!

דער גרויסער גוורדייעץ אירער האט פשוט געפאדערט פון שטשופ־ליגקן ווייבל, אז זי זאל אים קיצלען ווייסט איר וואו, אין די . . . פיאטעס! דאס זאל זי טון אן אן אפשטעל שעהן לאנג.

נאטירליך ווייס איך נישט וויאזוי איר וואלט רעאגירט אויף א קיצל אין דער פיאטע, אבער איינמאל האט מיין זונדל מיר אפגעטון אט אזא מין שפיצל, איז פאר שרעק האב איך מיך אזוי איינגעקארטשעט אין בעט, אז ס׳איז כמעט פון מיר גארנישט געבליבן.

און דא ליגט זיך אזא כלאפ שעהן לאנג אין בעט און לאזט זיך קיצלען אין די פיאטעס, און מאכט זיך גארנישט וויסנדיק! און האט ער מורא געהאט טאמער וועט עס לאנגווייליקן זיין ווייב נאכן פרישטיק, פלעגט ער ארויפ־ליגן דעם קאפ אויפן טיש, ווי אן אקס צו דער שחיטה; און די זעלבע מעשה האט זיך דערנאך איבערגעחזרט אויך אויפן גארגל.

אויף וויפל מיר ווייסן, טרעפט עס זעלטן, אז דאקטוירים זאלן מאכן דעם זעלבן דיאגנאז איבער די סימפטאמען פון א חולה. אבער אין אט דעם פאל פון דעם פארמוטשעטן, סימפאטיש־אויסזעענדיקן ווייבל האבן אלע איינ־שטימיק אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז די איינציקע רפואה פאר איר איז גאנץ איינפאך א גט . . .

דער ריכטער האט אויך איר פארשריבן די זעלבע „מעדיצין״ און זי באפרייט פון דעם אונטעראפיציר פון דער קעניגלעכער גווארדיע.

ווענן סטרייקן

איך בין פון דער נאטור א פארברענטער חסיד פון סטרייקן. מיין הויפטצוועק פון קויפן עטלעכע צייטונגען א טאג איז צו באקומען א קלאר בילד וועגן דער סטרייקן סיטואציע אויף דער וועלט. ס׳איז דא צייטונגען וואס גלייכן אייך געבן סטרייק־נייעס מיט דער פולער מאס, אויף דער ערשטער זייט און מיט דריי גארענדיקע אותיות. ס׳איז ווידער דא צייטונגען וואס האסן סטרייקן ווי דעם טויט און פון יוצא וועגן פארשטופן זיי די נייעס ערגעץ אין א ווינקל, צווישן אנדערע קרימינעלע פארברעכנס.

איך בין שוין אזוי באקאנט מיט יעדער צייטונגס טאקטיק אז איך געפון סטרייק־נייעס אפילו ווען מען קוועטשט דאס אריין צווישן די „קויף און פארקויף״ אנאנסן.

מאכט זיך א געשיכטע איך קום אמאל קיין פאריז און זאס לייען איך אויף דער ערשטער זייט פון א צייטונג? אט וואס: „דער בעקער־סטרייק אין פראנקרייך פאנגט זיך אן נעקסטן מיטוואך און וועט דויערן 2 טאג“.

געקומען, אייגענטלעך, קיין פאריז בין איך, אויף וואקאציע און דער געדאנק אז איך וועל דארפן הונגערן 2 טאג אן אברעקל ברויט מיט שמאלץ הערינג האט אביסל פארוואלקענט מיין פרייליכע שטימונג נאר מען קען דאך נישט זיין קיין סטרייק־חסיד און צו דער זעלבער צייט נאכגעבן דער קישקע?

א כלל, איך פאלג נאך די סטרייק־נייעס פון טאג צו טאג. דינסטאג בייינאכט האב איך שוין נישט געקענט קיין אויג צו טון, איך האב געווארט אויף דער גרויסער געשעעניש. מיטוואך מיטן טאג צוגלייך כאפ איך זיך ארויס אין גאס צו באדויערן די ארבייטס־מאסן וואס גייען פון דער ארבייט אויפן ניכטערן מאגן און טראכט וועגן די פיצלעך קינדער וואס הונגערן און ווי די עלטערן שעלטן מיט טויטע קללות די הארץ־לאזע שונאים פון פאלק.

ערשט צו מיין דערשטוינונג, זע איך די זעלבע פרייליכע פראנצויזן, זאטע, אויסגעפאשעטע, מיט אנגעפרעסענע פיסקעס אזוי ווי ס׳וואלט גאר נישט געווען קיין סטרייק! מיינט איר אוודאי אז איך בין אויפגעשטאנען מיט א טאג פריער — האט איר במחילה א טעות, איך האב געפילעוועט דעם האזיקן סטרייק־טאג ווי אן אויג און קאפ, נאר וואס דען?

די מעשה איז אזוי: די פראנצויזן זענען בטבע א גוט־הארציק פאלק, איינשליסנדיק די בעקערס, ווען די לעצטע האבן באשלאסן, מיט וואכן צוריק, צו סטרייקן, האט זיי געריסןביים הארץ דער געדאנק: אויב זיי וועלן נישט באקן קיין ברויט וועלן דאךמענטשן פשוט הונגערן, און סטרייקן דארף מען דאך, זענען זיי געפאלן אויף אן המצאה: זיי האבן געלאזט וויסן דורך דער פרעסע און טעלעוויזיע, טאג איין און טאג אויס, אז קיינער זאל נישט זיין פארצווייפעלט, מחמת דעם טאג פארן סטרייק וועלן זיי אנבאקן אזוי פיל ברויט אז מען וועט קענען צעזעצט ווערן עסענדיק ביידע סטרייק־טעג. זיי בעטן נאר דעם עולם נישט פארגעסן איינקויפן ברויט פאר דריי טעג. דאן זאגן זיי וועלן זיי קענען סטרייקן מיט א רוהיקן געוויסן.

פרעג איך א יידישן פראנצויז: וואס אייגענטלעך דיינקען די בעקער צו געווונען מיט אזא גרויס־מוטיקן סטרייק? הייבט ער מיט די פלייצעס און מאכט מיט די הענט, אי אלס יוד און אי אלס פראנצויז און זאגט אז פראנצויזן וויסן שוין פון ביטערער דערפארונג אז פון סטרייקן געווונען זיי גארנישט, ביי זיי איז דאס בלויז א צערעמאניע, א מין צייט־פארטרייב.

אט, צום ביישפיל, זאגט מיר מיין יידישער פראנצויז, ווען ס׳ווערט א „מעטרא“־סטרייק אין פאריז, לויפן די טריינס און די בילעטן קאלעקטארס סטרייקן, פארט מען אן בילעטן.

מיר האט די זאך שטארק פארדראסן! איך האב אבער גענומען נקמה אין מיין פרייבט זשאק, ווען ער איזגעקומען נאך לאנדאן פונקט, ווען אין ענג־

לאַנד איז געווען אַ „לעכער־סטרייק". ס'האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, ווער ס'זאָל בויערן לעכער אין אַ האָלץ מיט אַ שטאָלענעם איינטערשלאַג. די שטאָל־יוניאָן האָט פאַרבאָטן די האָלץ־אַרבייטער צו בויערן לעכער, טאָמער חלילה וועלן זיי אָנרירן די שטאָל, און די האָלץ־יוניאָן האָט פאַרווערט די שטאָליוניאָן מעמבערס צו בויערן לעכער טאָמער פאַרקריכן זייערע עק־בויערס אין האָלץ אַריין.

כדי נישט צו דערלאָזן צו אַזאַ קאַטאַסטראָפע, האָבן ביידע יוניאָנס באַשלאָסן צו סטרייקן און טאַקע פאַר לאַנגע מאָנאַטן.

ווען מיין פּריינט זשאַק האָט מיר געפרעגט אַ קלאָץ קשיא, וואָס וועט זיין דער סוף פון אַזאַ סטרייק, האָב איך, פּונקט ווי ער אין פּאַריז, געהויבן מיט די פּלייצעס און געמאַכט מיט די הענט. אָבער פאַרשטייט זיך נישט מיט אַזאַ באַוועגלעכקייט ווי מיין נייער פריינט פון פּאַריז, איך בין טאַקע אויך אַ באַוועגלעכער ייד, אָבער אַ קאַלטער רואיקער ענגלענדער.

די געפאַר פון שפּילן שאַך אין אַ הייסן זומער־טאָג

אויב איר האָט בדעה זיך אָוועקצוזעצן און שפּילן שאַך, כדי צו פאַר־געסן אייערע טאָג־טעגלעכע דאגות, בעט איך איך, אין אייערע אייגענע אינטערעסן, קודם־כל זיך צוצוהערן מיט קאָפּ וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן, רחמנא לצלן, מיט צוויי שאַך־שפּילער.

מיינט נישט, אַז בלויז ווען מען שפּילט פוטבאָל, קען מען אַמאָל כאַפּן אַ כמאַל פון באָל איבערן קאָפּ אָדער אין האַרץ אַזוי, אַז מען זאָל דערזעען די עלטער־באָבע פון יענערוועלט. צי ווען איר לויפט אַ גאַנצע מייל אין דריי מינוט און איר פאַלט אום און מיטן דער גראַטשקע, צעברעכנדיק זיך בעת מעשׂה הענט און פיס אָדער ס'עפנט זיך גאָר אייער שאַרבן און יעדער איינער קען אַ בליק טאָן אויף אייערע געהירן . . .

ס'קען אַמאָל פּאַסירן, אַז איר לאָזט זיך פליען אויף אַ וועלאָסיפּעד ווי אַ משוגענער, כדי צו דערגרייכן דריי הונדערט מייל אין אַ שעה, און נישט בלויז וועט איר אַליין דערביי געהרגעט — דאָס איז אייערע ביזנעס, וואָס גייט קיינעם נישט אָן — נאָר איר פאַרקירצט נאָך די יאָרן פון אייניקע צושויער, וואָס זענען געקומען, מיט אַ גוטער כוונה, באַוואונדערן אייער „קענטעניש" און ס'איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז איר וועט אין זיי נקמה נעמען אויף אַט אַזאַ ברוטאַלן אופן.

בכן, ווי שוין געזאָגט, זאָלט איר נישט מיינען, אַז נאָר בלויז דורך אַזעלכע שפּילערייען קען מען אַמאָל געמוזיקט ווערן.

אַט איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשלאָסן געוואָרן אַ פריינטשאַפט צווישן צוויי אַנגעפאַרענע לאַנדסלייט דאָ הי אין לאָנדאָן, וואָס ביידע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר שאַך־שפּילער. כדי צו האָבן גוטע געלעגנהייטן צו שפּילן שאַך, האָבן זיי געקויפט אַ הויז בשותפות. קיין פליג אויף דער וואַנט

האבן זיי נישט געטשעפעט, בלויז זיך געשפילט שאך אין הויז.

ס׳איז פאראן א סברא, אז זיי האבן שוין אזוי אפגעשפילט נישט וויניקער ווי גאנצע זיבן הונדערט פארטיעס שאך. מעגלעך, אז ביים היינטיקן טאג וואלטן זיי שוין געהאט אפגעשפילט נאך א פופציק אזעלכע פארטיעס, און אפשר נאך מער, ווען ס׳פאסירט נישט אט דאס אומגליק, אפגעהיטן זאל מען ווערן!...

איר געדענקט דאך, מסתמא, יענעם הייסן טאג, וואס מיר האבן געהאט האיאריקן זומער — ווער פארגעסט דען אזוי לייכט אזא טאג? — האט זיך אונזערע צוויי לאנדסלייט ווידער פארגלוסט צו כאפן א פארטיע שאך. נאר דא איז די היץ אזוי גרויס, אז יעדער טראפן שווייס ביי זיי אויפן פנים איז אזוי גרויס ווי א צוקער־באבע.

הכלל, זיי האבן זיך אויסגעזוכט אן ארט אין זייער גארטן, זיך אנידערגעלייגט אויף דעם גראז און האס שאך־ברעט אין מיטן. אט אזוי האט זיך אנגעהויבן די זיבן הונדערט און ערשטע פארטיע שאך.

מסתמא ווייסט איר אליין, אז די ערשטע עטלעכע צוגן, וואס מען רופט זיי „עפענונג־צוגן", מאכט דעמאלט נישט שטארק אויס, אויב די זון איז אזוי הייס, אז זי באקט אזש.

פלוצלינג — א חורבן, א קלאג! וואס איז געשען? פרעגט שוין ליבער נישט. איינער פון די צוויי שפילער מאכט א פאלשן צוג מיט דער מלכה זיינער און דער קעגנער, ווי פון א דונער געטראפן, גיט זיך א כאפ אן ביים קאפ און ווי נישט מיט זיין קול מאכט ער א געוואלד:

— מיט א מלכה טאר מען נישט אזוי שפרינגען!

איר׳ט שוין געהערט אזא פערברעכן? איך האב געמיינט, אז א מלכה קען דווקא יא גיין וואו זי וויל. אויב ווידער נישט, צו וואס טויג זי?

ווערט אבער הער, וואס האט פארפירט די מלכה, וואו מען דארף נישט, מלא רציחה — די היץ, נעבעך! — און הויבט אן קאפען דעם לאנדסמאן זיינעם.

דא איז שוין יענער געווארן רעכט אין כעס, האט א כאפ געטון א קינדערוועגעלע און א דערלאנג געטון עס זיין בוזעם־פריינט גלייך אין קאפ אריין. ווי אויף א רעוואנש, האט דער צווייטער, וואס האט נאך מעשה־צופאל געזשיפיעט, א נעם געטון דאס שאך־ברעט און עס צעבראכן אויף שטיק־שטיקלעך אויף זיין שותפס קאפ.

איין ג־אט אין הימל ווייסט וואס דער סוף וואלט געווען פון אט די צוויי שאך־שפילער, ווען א שכן מישט זיך נישט אריין, נישט קענענדיק פארליידן דעם תל וואס זיי האבן געהאלטן אין מאכן פון גארטן. פראסט פשוט, ער האט טעלעפאנירט נאך אן אמבולאנס...

אז די צוויי לאנדסלייט זענען געקומען צו זיך און א וואך שפעטער ארויס פון שפיטאל, האבן זיי ערשט געדארפט קומען פאר א געריכט.

האט זיך דער ערשטער באקלאגט פארן שופט, אז דער צוג, וואס זיין

קעגנער האט געמאכט מיט דער מלכה, איז לויטן דין דערלויבט בלויז פארן שפּרינגער; בשום אופן נישט פאר דער מלכה.

דער צווייטער ווידער האט געטענהט, אז די סבה פארוואס ער האט צעבראכן דאס שאך־ברעט איבער זיין לאנדסמאנס קאפ איז פשוט דערפאר, ווייל ער האט גראד נישט געפונען צו דער האנט קיין שטיק אייזן אדער א דעמבענעם קלאץ . . .

הכלל, דער ריכטער איינזעענדיק, אז ביידע צדדים זענען געווען שול־דיק און אומשולדיק צוגלייך, און אזוי ווי ער אליין איז אויך געווען גע־בענטשט מיט א לאנגן זכרון, האט ער זיך געווענדעט צו די שאך־שפּילער בזה הלשון:

— אויף וויפל איך קען געדענקען, האט אין די לעצטע צוויי טויזנט יאר פון שאך שפּילן קיינמאל אזא אומגליק נישט געטראפן; און איך האף, אז ס׳וועט נעמען נאך צוויי טויזנט יאר איידער אזא אומגליק וועט נאכ־אמאל פאסירן! — און נאכדעם ווי דער ריכטער האט אין משך פון איבער א שעה צייט ארויסגעוויזן זיינע שאך־קענטעניש, האט ער גאר פריינטלעך אויסגעלאזט: — נעמענדיק אין אנבאטראכט די גרויסע היץ בשעתן שפּילן איז מיין פּסק, איז איר זאלט אין אזעלכע היצן מער קיין שאך נישט שפּילן. אין אזעלכע הייסע טעג שפּילן מיר, ענגלענדער, קריקעט. צו אט דעם דארף מען, קודם כל, קיין קאפּ נישט האבן; והשנית, אויב מען היצט זיך שוין יא אן, האט מען אין דער האנט אזוינס, מיט וואס מען קען זיך דערמיט אפּ־קילן און מען ברויכט נישט צו צעברעכן אזא איידעלע זאך ווי א שאך־ברעט. איר מוזט וויסן, מיינע פרעמדע־נאנטע פריינט, אז איך אליין בין אויך א ליידנשאפטלעכער שאך־שפּילער, וואס דערפאר פארשטיי איך אייך!״

זומער - וואקאציע אויף דער „ריוויערא״

נאך דעם ווי איך האב מיך אנגעהערט פון עטלעכע רעדנער אין הייד־פּארק און דערפילט א מיזקייט אין קאפּ און אין די פיס, האב איך מיר אפּ־געזוכט א ליידיקע באנק אין א שטיל ווינקל אין קענזינגטאן־גארדענס, כדי עס זאל מיר ארויס דער זשום פון קאפּ און דער וויטאק פון די פיס. איך גיב א קוק, זע איך ווי א ייד זיצט לעבן מיר מיטן קאפּ אנגעשפּארט אויף די דלאניעס און קוקט פארטרויערט אין דער לופטן.

— איך זע דאך, אז איר זענט אויף „האלידעיס״ און איר לאנגווייליקט אייך דא אין לאנדאן — רופט ער זיך אן צו מיר. — טא וועל איך אייך דערציילן עפּעס שיינס און איר וועט נישט בלויז א הנאה האבן פון מיין מעשה, נאר אויך פון אייערע האלידעיס.

נישט ווארטנדיק אויף מיין ענטפער, האט ער אנגעהויבן בזה הלשון:

— פאר דער מלחמה האבן מיר, איך און מיין קיטי, געוואוינט אין דער איסט־ענד. און ווי דער שטייגער איז פלעגן מיר יעדן זומער אראפּפארן

אמאל קיין בריטאַן, אמאל קיין וועסטקליף און אמאל גאר קיין מארגייט.
טאַקע אמת, אז אחוץ דער ים־לופט איז דארט קיין גרויסער אונטערשייד נישט געווען צווישן די דערמאָנטע מקומות און דער איסט־ענד: די זעלבע מאכלים, די זעלבע יידישע פנימער, די זעלבע רכילות, די זעלבע באַרימערייִ וועגן גרויסן פאַרמעגן, וואס איר אָדער אייערע באַקאַנטע פאַרמאָגן. מען קען דאך נישט דערוואַרטן, אז מענטשן זאלן ענדערן זייער טבע איבערנאַכט!
הכלל, אמאל נאך דער מלחמה האב איך מיך געבעטן ביי מיין קייטין:
„וואס האסטו דיך אזוי אָנגעטשעפּעט אין הענדאָן? פּעשיאַן סטריט געפעלט דיר שוין מער נישט? מיינסטו, אז די אייער־חלות, די פריש־געשחטענע הינד־לעך און די שמאַלץ־הערינג האבן אן אנדערן טעם אין הענדאָן?" נאר טאַ־מער שפּאַרט זיך מיין ווייב איין, זעגען אלע רייד ארויסגעוואָרפן. איז מיטן סוף פון דער מלחמה געוואָרן א סוף צו דער איסט־ענד און אויך א סוף צו אלע אונזערע ענגלישע ים־וואַקאַציעס.

אויב אונזערע שכנים אין דער נייער געגנט פאָרן אויף וואַקאַציעס אויף דער „ריוויערא", איז דאך נישט שייך, אז מיין קייטי זאל זיך ארומשלעפּן אין בריטאַן. איי, ס'קען דאך זיין, אז איינעקע פון די נייע שכנים זאלן זאגן, אז זיי פאָרן אויף דער „ריוויערא", נאר באַגעגענען קען מען זיי אין בריטאַן. זאלן זיי זאגן, אבער די ריזיקע איז צו גרויס . . .

איך ווייס נישט צי ס'איז אייך באַקאַנט, אז ווי נאר איר זעצט זיך אוועק אין א רעסטאָראַן אויף דער פראַנצויזישער ריוויערא, גיט מען אייך א שפּייז־קאַרטע, וואס איר ווייסט נישט פון איקערע הענט און פיס וואס דארט שטייט געשריבן. נאר דער „גאַרסאָן" (דער קעלנער) שטייט אייך איבערן קאָרק און טראַכט מיט א קוים מערקבארן שמייכל: „אוי, זענט איר עס אויפלענדישע יאלדן!"
פאַר בזיון איז מיר דאס בלוט אריין אין פנים, און אין איילעניש האב איך אָנגעוויזן אויף דריי פּאַטראַוועס, מיט מיין שרייב־פען, ווי איינער שטעקט אריין א שפּילקע אין א צייטונג בעת ער זוכט א געווינער אויף דער „דערבי" אָדער א וויגרישנע בילעט אין א ביכל לאָטעריע־צעטלען.
מיט א „מערסי, מיסיע", ווערט דער גאַרסאָן פאַרשוואונדן און קומט באַלד צוריק, ברענגענדיק די ערשטע פּאַטראַווע: א טעלער געדיכטע, גרינע זופּ. איר האט אמאל פּרובירט מאַכן טייג אויף קיכלעך, מישנדיק מיט אלע כחות מעל מיט וואסער, אייער און צוקער ביז פון דעם אלעם ווערט איין מאַסע, און ס'גיסט זיך פונם הילצערנעם מישלעפל אזוי־ווי האָניק? אט אזוי האט עס אויסגעזעען די גרינע מאַסע אין טעלער. נאך גוט וואס פון יוצא־וועגן דאַרף מען איבערלאָזן אביסל אויפן טעלער. אין דעם זינען זענען מיר שוין נישט געווען קיין חזירים . . .
געקומען די צווייטע פּאַטראַווע, ווייזט זיך ארויס, אז ס'איז יא פלייש און נישט פלייש. דאס הייסט פלייש איז יא געווען, גאר באַהאַלטן אונטער א וואַך פון כל־המינים שהוא. מסתמא האב איך ארומגעפּאַרקעט אביסל

צופיל מיט גאַפּל־מעסער, ווייל נאָכן אראָפּשלינגען דעם ערשטן ביסן איז מיר עפּעס געבליבן שטעקן אין האַלז, נישט אַהער און נישט אַהין!

איך וועל דאָך נישט גיין מאַכן קיין לייטישע געלעכטערס און נאָך אין דער פרעמד, בין איך מיר געזעסן אויף געהאַקטע צרות, וואַרטנדיק ביז מיין קיטי — זאָל געזונט זיין! — וועט ענדיקן דעם מיש־מאַש.

אין אָוונט האָב איך מיר שוין געמוזט לאָזן רופן אַ דאָקטאָר, וואָס ווען ער איז געקומען האָט ער מיר, קודם־כל, אָפּגעגעבן אַ ברייטן „שלום־עליכם". אַ שמייכל איז אים געלעגן אויסגעגאָסן אויפן פּנים, פּונקט ווי איך וואָלט אים פאַרבעטן אויף אַ „קאָקטעיל־פּאַרטי" און נישט זעען אַ חולה. מיר טוט וויי, אַ ביין שטעכט מיר אין האַלז, נאָר ער פרעגט מיך גאָר פונוואַנען איך קום, ווילאַנג איך רעכן צו פאַרברענגען אויף דער ריוויעראַ און ענלעכע קלאָץ־קשיות. איך זאָג אייך, איך זאָל אַזוי וויסן פון זיין קאָפּ ווי איך ווייס ווילאַנג אַט דער ביין אין האַלז וועט מיך לאָזן לעבן!

ענדלעך האָט ער מיר גענומען אַרומטאַפּן דעם האַלז עטלעכע מאָל פון אַלע זייטן, און מיט אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע האָט ער מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז איך האָב נישט קיין ביין אין האַלז. „טאָ פאַרוואָס שטעכט עס מיר אַזוי?" פרעג איך אים. גיט ער מיר צו דערקלערן, אַז דאָס האָט צו טון מיט נערוון שטעכן, זאָגט ער, אַז נערוון שטעכן טאַקע ניקשט, נאָר די שטעכעניש קומט פון אַ נערוועזער איינרעדעניש. בלייבט, אַז מען דאַרף באַרואיקן די נערוון, כדי זיי זאָלן מיך מער נישט דערלאָזן זיך איינרעדן, אַז עס שטעכט . . .

איך טראַכט מיר, אַז אויב דעם דאָקטאָר וואָלט עס אַזוי געשטאָכן אין האַלז ווי עס שטעכט מיר, וואָלט ער זיך נישט אַזוי געוויצלט. ער האָט מיר פאַרשריבן פּילן פאַר די נערוון און צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן גאַנץ פרי.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן, פון די קללות וואָס כ'האָב דעם דאָקטאָר געוואונטשן אַ גאַנצע נאַכט, זאָל אים כאַטש אַ העלפט אָנקומען, ווייל ווער האָט עס געקענט אַראָפּשלינגען אַזעלכע גרויסע פּילן? חוץ מזה, איר וואָלט דען געקענט צומאַכן אַן אויג מיט אַ שטעכעניש אין האַלז?

צומאָרגנס אין דר פרי דער דאָקטאָר איז דאָ. ער טאַפּט מיר ווידער אַרום דעם האַלז אייניקע מאָל און גיט ווידער אַ קלאַפּ אין פּלייצע, זאָגנדיק אַז איך האָב נישט קיין ביין אין האַלז. בשעת מעשה פאַרגעסט ער נישט צו נעמען ביי מיר פופציק נייע פראַנצויזישע פראַנק, און מיט אַ פריילעכן „באָן זשור, מאַדאַם, באָן זשור, מיסיע, געזעגנט ער זיך מיט אונז.

איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? ווען איך זאָל נישט האַלטן ביי דערשטיקט ווערן, וואָלט איך אפשר אָנגעהויבן אים גלויבן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ נערוון־שטעכעניש. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט מיך געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט נאָך דעם ווי דער אַמבולאַנס האָט מיך אַהינגעבראַכט, האָבן די דאָקטוירים דאָרט דערטאַפּט דעם ביין טאַקע.

אפאר שעה שפעטער, נאך דעם ווי איך האב מיך אויסגעניכטערט פון דעם שלאף־געטראנק, איז פאר מיר געלעגן אויף א שטיקעלע וואטע א דריי־עקיקער ביין פון א הון.

מיין אויפנהאלט אין שפיטאל האט געקאסט עטלעכע הונדערט פראנק, נאר מיר האבן שוין געדאנקט גאט וואס איך בין אהיימגעקומען א לעבעדי־קער.

איר ווייסט, ווען דער דאקטאר קומט נאך איין מאל מיר טאפן דעם האלז און קלאפן אין דער פלייצע, וואלט איך דא שוין נישט געזעסן אייך צו דער־ציילן פון אונזער האלידעי אויף דער ריוויערא.

איצט, נאך מיין מעשה, בין איך זיכער, אז אייערע האלידעיס אין לאנדאן וועלן אייך שוין יא פארשאפן א הנאה.

לאנדאנער בריוו־קאסטן און פאריזער בריוו־קעסטל

אויבערפלעכלעך אונטערשיידט זיך פאריז פון לאנדאן מיט אירע ברייטע טראטוארן, אלייען, בולווארן, מיט די פילפארביקע רעקלאמעס פון די קאפעען, קינאס, געשעפטן ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

אבער אויסער דעם אונטערשייד, וואס ווארפט זיך, נאטירלעך, אין די אויגן פון יעדן איינציקן, וואס באזוכט פאריז צום ערשטן מאל, באמערקט מען ספעציפישע כאראקטער־שטריכן, וועלכע זיינען לגמרי דער היפוך פון לאנדאן לגבי פאריז.

למשל: בריוו־קעסטלעך. דאכט זיך, וואס אייגנטלעך קען דא זיין אן אונ־טערשייד פון א בריוו־קעסטל אין לאנדאן צו א בריוו־קעסטל אין פאריז? זאג איך אייך, אז דער אונטערשייד איז שוין גאר א גרויסער! און רעדן רעד איך פון אייגענער, ביטערער דערפארונג.

אין לאנדאן שפילן די בריוו־קאסטנס (נישט קעסטעלעך) אן אנגעזעענע ראל. דער ענגלענדער שטאלצירט פשוט מיט זיי. זיינען זיי טאקע הויכע, רונדיקע, מאסיווע, רויט־געפארבטע קאסטנס, גאר שטארק באפעסטיקטע אויף די טראטוארן, מיט אפענע מיילער, גרייט איינצושלינגען ביכער, זשורנאלן, בריוו און אפילו לשנה־טובה־קארטלעך . . . דאס אלץ גליטשט זיך אראפ אין די טיפענישן פון קאסטן און ס'האט נאך נישט פאסירט אזא פאל, אז מען זאל אזא קאסטן קענען אנפילן דאס עס זאל אים, חלילה, קריכן פון גארגל. לאנדאן אן די בריוו־קאסטנס וואלט פארלוירן א טייל פון איר גלאנץ.

אין פאריז אבער שפילן די בריוו־קעסטעלעך א גאר נעבעכדיקע ראל. דער פראנצויז שעמט זיך פשוט מיט אזא פארמעג — און ער איז גערעכט — פארשטופט ער עס אין אזעלכע פלעצער, אז א פרעמדער זאל דאס ניט אזוי לייכט געפינען. ווייל וועמען וועט דאס איינפאלן צו זוכן א בריוו־קאסטן אין א וואנט? אדער אין א פאפיראסן־געוועלב? אדער אין א שענק? איבער־הויפט נאך, אז די וואנט איז בלא און דאס קעסטעלע בלא.

שטיי איך אזוי אינמיטן פאריז אין א שייגעם פרימארגן (דאס איז געווען איידער איך האב זיך דערוווסט דעם „סוד") מיט עטלעכע בריוו קיין לאנדאן און זוך א פארצוויפלטער ווו ארייננצוווארפן זיי, עפעס ווי פון הימל אראפ קומט מיר אנטקעגן א לעבעדיקער בריוו־טרעגער. איך מאך א „שהחיינו" איבער אים אין העברעאיש, און אין פראנצויזיש גיב איך א זאג: „מיסיו ס'איל וו פליי". . . און שוין בין איך פארטיק מיט מיין פראנצויזישער שפראך . . איך פארליר אבער נישט דעם מוט מיט ביידע הענט מאך איך אים ענ.דלעך באגרייפן, וואס איך וויל. פלוצלונג באווייזט זיך די שכנה צו אים. זיין פנים שיינט אויף און ער ווערט רעדעוודיק אן אן אפשטעל. הערנדיק זיין לשון, האב איך געמיינט, אז ער איז א ווארשעווער ייד, ווייל פון זיין גאנצן „ראז־גאוואר" האט מיר געקלונגען היימיש בלויז דאס ווארט „ווי", ווייל ער האט דאס געהאלטן אין איין איבערחזרן. געמיינט האב איך, אז ער פרעגט מיר: ווי קומט עס, וואס איך ווייס נישט ווי אזוי ארייננצוווארפן בריוו, ווי א נארמאלער מענטש. נאר איידער איך האב זיך געקענט אריענטירן אין דער מאדנער סיטואציע, האט ער מיך צוגעפירט צו א וואנט, אנגעוויזן אויף א בלוי קעסטעלע און שאקלענדיק מיטן קאפ אויף יא און איבערחזרנדיק נאכ־אמאל דעם ווארשעווער „ווי" עטלעכע מאל האט ער געווארט ביז איך האב קוים מיט צרות אויסגעקוועטשט מיינע בריוו אין דעם שוין אנגעפאקטן קעסטל.

מיט א פריינטלעכן האנד־דרוק, וואס לאזט זיך נישט אזוי גיך פאר־געסן האבן מיר זיך אן לשון געזעגנט. מיר האבן ביידע געלאכט, ער מסתם פון די נארישע „גרינע" אויף דעם פאריזער ברוק און איך פון די נארישע „בלאע" אין די פאריזער ווענט.

א לאנדאנער וועגן פאריזער קאפעס

כדי נישט צו מאכן קיין פאלשן איינדרוק ביים לייענער, וויל איך דא גלייך קלאר מאכן, אז בנוגע לאנדאנער קאפעס איז נישטא וואס צו רעדן און אויך נישט וואס צו שרייבן. נאר די איינציקע סיבה פארוואס איך דער־מאן לאנדאן בכלל, איז ווייל עס גיט מיר די געלעגנהייט צו פארלענגערן דעם מאמר און צו באקומען מער האנאראר . . .

די לאנדאנער קאפעס, כ'לעבן, קען מען אפטרן מיט צוויי ווערטער: זיי עקזיסטירן בלויז פארן זעלבן צוועק ווי „די גיכע הילף", דאס הייסט נאר פאר הומאניטארע צוועקן.

אויב דער שטויב אין גאס קריכט אייך אין גארגל אריין, אזש אויף דערשטיקט צו ווערן, כאפט איר זיך אריין אין א קאפע, גארגלט אראפ א „קאפ אף טיי" (א טעפעלע טיי) אדער א גלאז זעלצער־וואסער — אין די לאנדאנער קאפעס טרינקט מען זעלטן קאווע — און איר מאכט פריי אייער ארט פאר אנדערע, וואס שטעקן ארויס די צונג מחמת דורשט. ביי די ענג־לענדער האלט מען נישט דערפון, אז מ'דארף זיצן אויפן טראטואר און טריג־קען און געבן יעדן פארבייגייער א געלעגנהייט ארייננצוקוקן אייך אין טעפעלע

אריין. אן ענגלענדער וועט נישט לאזן וויסן אפילו וואס ער עסט; ער גלאמ־זשעט מיט א פארמאכט מויל.

להיפוך אין א פאריזער קאפע איז די אטמאספערע א גאנץ אנדערע, א פיל־פארביקע. קודם־כל שעמט מען זיך נישט צו זיצן אויפן טראטואר. אזוי גיך ווי דער „גארסאן" דערלאנגט אייך עפעס צו טרינקען אדער א קיכל, צי א פאנטשקע, האט איר שוין דאס רעכט צו זיצן און זיצן, אפילו ביז איר וועט אויסלייענען א גאנץ ביכל, כאפן א דרימל אדער שמועסן וועגן נעכטיקן טאג.

א פאלקס־אינסטיטוציע ממש איז די פאריזער קאפע, עקזיסטירט הויפט־זאכלעך פאר געסט און לייזיק־גייער, אייגגעשלאסן פארבייפארבדיקע טוריס־טען. איר זיצט אייך און קוועלט אן פון די לשונות, וואס איר הערט דא. טיילמאל מישט איר אייך אויס מיט דער מאסע פארבייגייער און איר גיט אנדערע קאווע־טרינקער א געלעגנהייט אנצוקוועלן סיי פון אייער לשון סיי ווי איר דרייט זיך אהין און צוריק. איר ווערט א חלק פונעם פאריזער לעבן. מען נעמט גלאצן אויף אייך מיט די אויגן, ווי איר וואלט קאנקורירט מיטן אייפל־טורעם, מיט דער באסטיליע, מיט מארי אנטואנעטס שלאף־צימער, מיט דעם לינקן ברעג פון טייך סען . . .

טאמער ווילט איר זיך אזוי סתם אפרוען, געפינט איר אייך אן ארט אין א גוט־באזעצטער קאפע, און אויב א שעה שפעטער האט דער „גארסאן" זיך נאך אלץ נישט דערשלאגן צו אייך, הויבט איר אייך אויף און שפאצירט אייך אוועק אן א „זיי געזונט!". קיינער וועט אייך נישט נאכיאגן.

די פאריזער קאפע דינט אויך ווי א קולטור־צענטער און אפילו ווי א צענטער פאר מסחרים. למשל, אין די קאפעס אויף פלאץ רעפובליק קענט איר אייך טרעפן מיט געוויסע יידישע זשורנאליסטן און שרייבער, וואס זיצן זיך אפגעזונדערט אין גרופעס, טרינקען לאנגזאם און היצן זיך האסטיק איבער כלערליי ענינים. רעדן רעדט מען בלויז מיט איין האנט, ווייל די צווייטע האלט עפעס א גלאז מיט אייביקע טראפן טרינקעכץ; א באווייז, אז זיי זיצן נישט און רעדן סתם אין דער וועלט אריין . . .

א שרייבער פון איין גרופע מישט זיך נישט מיט שרייבער פון אן אנדער גרופע. ווי נאר ער קומט אריין אין קאפע, גיט ער א בליק אין א זייט, כדי זיך איבערצוצייגן, אז ער פאלט נישט אריין, חלילה, צום „שונא" אין לאגער אריין. בונדיסטן און ציוניסטן זיינען ספעציאליסטן אויף אויסהיטן זיך פון ארייננצופאלן. אין מלכות ענגלאנד וואלט מען זיי מסתמא באערט מיטן טיטל לארד פאר זייער „העלדישקייט", אבער אין פראנקרייך — ווייס איך נישט . . .

אחוץ האנדלס־אפמאכן, וואס ווערן דא געשלאסן אין די קאפעס און די זאמלונגען מצד שליחים, מיט פעטע טעקעס אונטער די ארעמס, האנדלט מען דא אויך לעבהאפט מיט טעפיכער. וועט איר אוודאי וועלן פרעגן ווער עס וועט קויפן טעפיכער אין א קאפע? עס פעלן דען טעפיכער־געשעפטן?

נו, זײַנען מיר בײדע בנאמנות געװען רעכט.

מען גײט טאקע נישט קױפן קײן טעפּיך אין א קאפּע, נאר װען עס קומט צום קױפן, קױפט מען יא. א סימן האט איר, אז איך אלײן בכבודי ובעצמי האב מיר אײַנגעהאנדלט אט אזא מציאה. פארװאס? עס איז א מעשה מיט אן ארץ־ישראל־ניסל!

איך זיץ מיר אזױ אין א קאפּע און זופּ פּאמעלעך א גלאז ביר. בינו לבינו קומט אַרײַן אן אראבער, לײגט אװעק אן ארץ־ישראל־ניסל לעבן מיר, און אײדער איך באװײַז אים צו פרעגן פאר װעלכע מעשים טובים עס קומט מיר א ניסל, זע איך װי ער איז אלעמען מכבד מיט ניסלעך. קומט אבער באלד ארײַן א צװײטער אראבער און נעמט אױסשרײַען: „טעפּיכער, טעפּי־כער!“ װי א צײַטונגס־פארקױפער שרײַט אױס „אװנט־צײַטונג, לעצטע נײַעס!“ פאר מײַנע אױגן האט זיך אנטפּלעקט דאס צעקנײטשטע גוטמוטיקע פּנים פון דעם אראבישן פילאנטראפּ, װאס האט אױסגעטײלט ארץ־ישראל־ניסלעך בחינם און . . . איך האב געקױפט א טעפּיך. אמת, איך האב זיך אײַנגעברענגט אהײמצוברענגען די סחורה, װײַל איך האב זי איבערגעלאזט אין ענגלישן צאל־אמט . . . װאס, פאר אײן ניסל זאל איך גײן און באצאלן טאפּלט פארן זעלבן טעפּיך? משוגע, מײַנע שונאים?

אפשר דארפט איר א טעפּיך?

פון די צװײ װעלט־קשיות — װאס אײגנטלעך איז דעם מענטשנס אױפ־גאבע אױף דער װעלט און פארװאס טײלן אראבער ארץ־ישראל־ניסלעך אין פאריזער קאפּעס? — האב איך, װי איר זעט, כ׳לעבן, שױן געפונען די לײזונג צו דער צװײטער קשיא. פאר דער ערשטער קשיא, זאל זיך ג אט זארגן.

א ביסל פונם לעבן אין ניצע

דעם אמת געזאגט, איז דאס נישט געװען מײַן ערשטער באזוך אין ניצע, נאר װען איך בין דארט געװען צום ערשטן מאל האב איך פארברענגט בלױז זעקס טעג. אױסצופרעגלען זיך צוזאמען מיט די פעטע קאטשקעס פון אמע־ריקע און די דארע גאנערס פון ענגלאנד האט בײַ מיר גענומען גאנצע צװײ טעג, און די איבעריקע פיר האב איך געהאט צו לױפן פון אײן אפּטײק אין דער אנדערער אין ניצע.

אין יעדער אפּטײק האט מען מיר געגעבן אן אנדער שמירעכץ, װאס איך האב זײ אלע אױספּרובירט, װי אן אקספּערימענט, אין אײן טאג! אײן שמי־רעכץ האב איך גענוצט אױף דער לינקער האנט, א צװײטע אױפן רעכטן פוס, א דריטע אין מיטן, אױף דער פּלײצע און אזױ װײַטער.

א טאג שפּעטער איז מיר שױן קלאר געװארן, אז איך האב פּשוט גע־פּטרט שײַנע עטלעכע פראנק אױף גארנישט, כלעבן. מײַן לעצטן טאג אין ניצע האב איך ממש אױסגעזעצן װי א צװײ־פיסיקע זעברא: יעדע שמירעכץ האט געטון דאס אירע, מאכנדיק עפּעס א באזונדערן „אײַנדרוק“ בײַ מיר אױפן

לייב. יא, ווען כ׳האב אראפגענומען מיינע ברילן און א קוק געטון אין שפיגל, איז מיר געווארן סאַי ליכטיק סאַי פינסטער פאַר די אויגן.

זענט איר אייך מסתמא שוין משער, אַז אין אַזאַ מעמד זענען מיר נישט געלעגן אין קאָפּ קיין כלל־זאַכן.

ווען אָבער איך בין צום צווייטן מאָל געקומען קיין ניצע, בין איך נאָ־טירלעך שוין געווען, ווי מען זאָגט, אַן „אויסגעגרינטער״. איך האָב מיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אייניקע יידן תושבים דאָרטן, אויך מיר באַ־פריינדעט מיט א יידיש פאַרפּאַלק, וואָס מען טרעפט אַזוי זעלטן אין א פּרעמד לאַנד. עס זענען געווען העכסט אינטעליגענטע מענטשן, כאָטש זיי האָבן מיך באַוואויגן צו קויפן וולאַדימיר גראָסמאַנס א בוך: „געאָרג בראַנדעס און פּעטער קראָפּאָטקין״, דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1961. ער, דער מאַן, האָט זיך געגומען מתנצל זיין פאַר מיר, אַז היות ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צוואַנציק עקזעמפּלאַרן, בעט ער מיך אים מוחל זיין די חוצפּה לגבי א גאַסט . . . פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים אויסגערעדט דאָס האַרץ . . . א שאָד כלעבן וואָס מען באַגעגנט זיך נישט מיט אַסך אַזעלכע גאַסטפריינט־לעכע מענטשן ווי די דאָזיקע פאַמיליע זיסערמאַן!

א צווייטער ייד האָט מיר מודיע געווען אין א בריוול, אַז איך קען מיך טרעפן מיט אים אין דער „גרויסער שול״. אַזוי־ווי אָבער איך קען יענעם נישט און האָב נישט געוואָלט מטריח זיין דעם שמש אויסצורופן פון באַלעמער אַראָפּ, אַז איך זוך פלוני בן פלוני, האָב איך מיך מיט יענעם שוין נישט געטראָפן. נייך, איך האַלט נישט פון קיין גאַסטפריינטלעכקייט, וואָס באַזירט זיך אויף נייטראַלער טעריטאָריע אָדער פון נסים. עפּעס אָבער אפילו פון אַט אַזאַ איינלאַדונג בלייבט דאָך אין זכרון.

משמעות לעבן אין ניצע אַן ערך צוויי טויזנט יידישע נפשות, דאָס רוב זענען עס אַלמנ׳ס און אַלמנות. מען קען דעריבער רעכענען אויף א זעקס הונדערט פאַמיליעס.

בעיקר דרייט זיך דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אַרום די צוויי סינאַגאָגעס: „די גרויסע״ — א ספרדישע און „די קליינע״ אַן אשכנזישע. עס זעט אויס, אַז די מערסטע ספרדים האָבן אַריבערגעוואַנדערט אַהער פון אַלזשיר, מאַראָקאָ און אַנדערע מקומות אין צפון־אַפריקע. ביי זיי זעט מען אַסך מער מענטשן פון יונגערן דור ווי ביי די אשכנזים, וואָס זייער רוב איז פון מזרח אייראָפּעאישער אָפּשטאַמונג און די כוונה זייערע איז זיך אויסצולעבן זייערע יאָרן במנוחה אין ניצע. זעט מען זיי טאָקע אַרומשפּאַצירן לאַנגזאַם איבער די גערטנער, אויף דער פּראָמענאַדע „דעז־אַנגלעי״ און זיצן שעהלאַנג אין קאַפייען ביי א קליין טעפּעלע קאַווע.

א פּראָווינציעלער פריינט מיינער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען היט־לערס שוואַרצע באַנדעס האָבן אָקופּירט ניצע האָבן זיי גענומען ענדערן די נעמען פון די גאַסן און בולוואַרן. קיינער האָט נישט פּראָטעסטירט, למשל, ווען מען האָט געענדערט דעם נאָמען פון דער פּראָמענאַדע „ד׳ אַמעריק״,

אבער ווען מען האט געוואלט ענדערן דעם נאמען פון דער פראמענאדע „דעז־אנגלעיא", איז געווארן אזא ויצעקו, אז די דייטשן האבן זיך „דערשראקן" און דעם נאמען נישט געענדערט . . . די פראנצויזן זענען, פארשטייט זיך, שטאלץ אויף זייער „העלדישקייט". צי די פראנצויזן באריימען זיך פאר אן אמעריקאנער טוריסט פונקט פארקערט, ווייס איך באמת נישט . . .

* * *

אחוץ די צוויי סינאגאגעס, געפינען זיך דא אויך צוויי יידישע רעסטא־ראנען: איינער איז אביסל מער רעליגיעז און די מאכלים דארטן קאסטן עפעס טייערער. אויך געפינען זיך אין ניצע צוויי יידישע יאטקעס ביי אלזשירער יידן אין די הענט. נאר טאמער קענט איר נישט קיין פראנצויזיש, וועט איר שווין נישט קומען מיט די קצבים צו קיין טאלק. זיי שטאלצירן אויך מיט זייער אראביש לשון, און קוקן אייך אן ווי משוגע, אויב איר פרעגט זיי צי זיי קענען כאטש עטלעכע ווערטער יידיש ווי, למשל, א פליגל, א פולקע א דרויבע אדער ענלעכעס. אזא קצב פארשטייט עס ממש נישט הלמאי א מענטש, וואס רעדט נאך יידיש, זאל פארקריכן אהער קיין ניצע. וואלט ער געהאט די מאכט, וואלט ער אלע יידיש־רעדנדיקע מענטשן פארשיקט קיין פאריז אויפן פלעצל . . . יא, די קצבים זענען גרייט צו רעדן מיט אייך אויף „העברעע", נאר מיר איז זייער „העברעע" נישט געפעלן געווארן. אבער ווען עס קומט צו צע־פערטלען א הון, מעגן זיי זיך קומען לערנען די מלאכה ביי א פאריזער קצב אדער ביי א לאנדאנער; אין דעם ענין, זאלן זיי מיר מוחל זיין, זענען זיי האלץ־העקער.

איבערביידע יאטקעס איז דא איין משגיח, אן אוקראאינישער ייד, וואס רעדט גראד יא א גוטן יידיש, און ער האט מיך ארויסגעראטעוועט פון א פארפלאנטערניש מיטן „העברעע" קצב. דארף מען אבער האבן א זכיה אים צו טרעפן אין דער יאטקע!

איך האב געמיינט, אז דער אוקראאיניש־יידישער משגיח איבער די יאט־קעס וועט זיין מלא שמחה ווען איך וועל אים זאגן, אז איך האב בדעה צו בלייבן אין ניצע עטלעכע חדשים און מיר וועלן קענען שליסן אביסל א נעענטערע באקאנטשאפט. אבער איך האב נישט געטראפן . . .

די סיבה פון אט דער גלייכגילטיקייט צו פנים חדשות האב איך מיך שפעטער דערוואוסט. די כלי־הקודש אין ניצע שטיצן זיך בכלל נישט אויף די דארטיקע יידישע תושבים, נאר אויף די „געלט־זעק", וואס וואוינען אין מאנאקא און מאנטאן און קאן, פון וועמען זיי האבן א היפשע הכנסה. ווי מען האט מיר איבערגעגעבן, געפינט זיך צווישן די דאזיקע אויך דער ברו־דער פון א באוואוסטן יידישן פילאנטראפ און פינאנסיסט אין לאנדאן.

עס וועט אפשר קלינגען פאראדאקסאל אבער א פאקט איז עס, אז אחוץ די רעליגיעזע אינסטיטוציעס זענען דא אויך טעטיק א ציוניסטישע ארגאני־זאציע און א וויצ"א סעקציע, וועמעס עיקר־טעטיקייט באשטייט אין צוגרייטן פרייע מאלצייטן פאר ארימע יידן.

צאל - באאמטע

צאל־באאמטע (טאמאזשניקעס) איז א פראדוקט פון מענטשלעכע שוואכ־קייטן, זיי זיינען געשאפן פון מענטשן, וואס האבן א חשד אויף דער גאנצער וועלט. יעדנפאל איז דאס די מיינונג פון אלע טוריסטן וואס זיינען איבער־צייגט דאס דער כלל, אז מען באנוצט א גנב צו כאפן א גנב, איז באזירט אויף טאמאזשניקעס. מען רעדט היינט פון „געהירן־וואשן", פונקט ווי דאס וואלט געווען א שפאגל־נייע מעטאד. מען פארגעסט אבער, אז טאמאזשניקעס גייען שוין דורך די פראצעדור פון קדמונים. ווען אזא איינער קומט ארויס „אויסגעוואשן" און אויסגעצוואגן פון אזא „באד", איז ער אפילו חושד זיין אייגענעם טאטן, מיט אלע זייערע גנבישע שטיק בלייבן זיי אבער געטריי זייער נאציאנאלער כאראקטעריסטיק. דאס וועט קיין שום פאליטישע איבער־קערעניש — מיין איך — נישט קענען אוועקנעמען ביי זיי.

דער ענגלישער צאל־באאמטער — דאכט זיך אזא נעבעכל — ווארפט אויף א חשד אין דער ערשטער מינוט, פונקט ווי זיינע קאלעגן אין אנדערע לענדער. נאר ער טוט דאס אויף אן איידעלן אופן, ווי א כירורג מיט א לייכטער, פלינקער האנט. אונטער זיין פריינטלעכן „גוד מארנינג" און דארן שמייכל ליגט באהאלטן א פאסטקע און פריער אדער שפעטער וועט איר אין איר ארייננפאלן. ער מאכט זיך אזוי כלא יודע, אז איר מיינט, דאס איר קענט דורכשמוגלען אוצרות. מיטאמאל גיט ער א שלעפ ארויס דאס שווייצארישע זייגערל פון א שאכטל שוועבעלעך, וואס איר האט מסתמא על פי טעות פארשטופט אין אייער תפילין־זעקל.

מיט דעם פראנצויזישן צאל־באאמטן קענט איר קיינמאל נישט וויסן ווו איר זענט אין דער וועלט. ער איז אונטערגעווארפן די קאפריזן פון . . . זיין לעבער; ווי נאר איר באטרעט די פראנצויזישע ערד, געפינט איר זיך אין א לאנד פון א נאציאנאלער קרענק — די לעבער־קרענק.

דער צאל־באאמטער נעמט אייך ארויס די נשמה לויטן קאפריז פון זיין לעבער. איינמאל וועט מען מאכן א גאנצן טאראראם מיט אייך, מען וועט אייך מושטירן, ווי „באוואבראנצעס", מיט אייערע וואליזעס און קלומיקעס צו רעווידירן. פלוצלונג זעט איר א גאנץ רעדל צאל־באאמטע אין א פריי־לעכער דיסקוסיע (אדער אפשר דערציילן זיי זיך פראנצויזישע וויצן, וואס זיינען פארבאטן אין ענגלאנד ?), איר שטייט און עס פאלט פון אייך שטיקער! איר שטארבט פון הונגער! אייערע נערוון העגנגען שוין אויף א דינעם פא־דעם! צו אייער שלימזל זענט איר ענגלענדער, נישט קיין אמעריקאנער און ס'איז נישט אייער טבע אנטקעגנצוריידן; אפילו ווען מען לאזט אייך שטיין א גאנצע נאכט. קוים מיט צרות צעלויפט זיך דאס פריילעכע רעדל, מיט א געפילדער, מען פאכעט צו אייך פון אלע זייטן מיט די הענט און מען זאגט אייך: „נעמט אייערע פעקלעך און פארט ווייטער". וואס מיר רעוויזיע, ווען מיר רעוויזיע היינט זיינען אלע לעבערס, ווי דער פראנצויז זאגט „באן".

א צווייט מאל טרעפט איר אן איבערקערעניש. אלע וואליזעס זיינען אויסגעליידיקט אויף די לאנגע טישן, אזוי ווי אין א באזאר. די צאל־באאמטע האלטן אין דער לופטן פארשידענע ווייבערישע מכשירים, ווי לאנגע רייצנ־דיקע נאכט־העמדער. פיטשעניוטקע קארסעטלעך, וואס מען קען אויך נוצן אלס ברילן אויף א מאסקאראדן באל; ווייבער און מיידלעך שטייען ווי ביי אפענע קברים; אין אזא טאג דארפט איר שוין אליין פארשטיין, אז אלע לעבערס זייערע — כ׳מיין פון די צאל־באאמטע — זיינען אין א קריטישער לאגע. שוין אויס „באן״!

די דייטשע טאמאזשניקעס זיינען אלטע באקאנטע. זיי קען איך נאך פון קייזער ווילהעלמס צייטן, ווען די „דייטשע קולטור״ האט אויסגעשפרייט אירע פליגלען איבער ארבע פנות העולם. אין יענע טעג האבן די „טאמאזש־ניקעס״ שוין געהאט זייער פלייסיקן סיסטעמאטישן פלאן צו רעווידירן: ווי נאר א באן פון רוסלאנד מיט צענדליקער ארעמע עמיגראנטן האט זיך אפ־געשטעלט אויף דער דייטשער זייט, זיינען זיי באפאלן די וואגאנען ווי משחי־תים מיט מעסערס ווי בריטוועס, אויפגעשניטן ראפטאם אלע בידנע פעקלעך אויף די פאליצעס און גענישטערט און געזוכט קאנטראבאנדע צווישן ביסל ארעמקייט, וואס איז אראפגעפאלן און זיך אויסגעמישט אויף דער פאדלאגע.

פרעגט מיך נישט וועגן היינטיקע „טאמאזשניקעס״ אין דער באנער מדינה. דאס לאז איך איבער פאר די „פארגיב און פארגעס״־טוריסטן, וואס רייסען זיך אזוי צו נעמען דארט זייערע וואקאציעס.

קעגן דעם וואס איך זאג, אז, יעדער צאל־באאמטער בלייבט ביי זיין נאציאנאלער כאראקטעריסטיק: „קאלטע לונג־און־לעבערס; כראנישע לעבער־קראנקע; ברוטאלקייט״.

ווי דער „קאט ד׳אזיר״ האט מיך באגעגנט

ווער וואלט זיך דאס געריכט, אז מיר זאל אויסקומען צו שרייבן אין אזא דערשלאגענער מדרגה וועגן דער קעניגין פון בלאען ברעג.

איך האב דאס א טייל צו פארדאנקען דער ענגלישער פרעסע. דאס, וואס זיי טאנצן נאך דעם סטעיט־דעפארטמענט און דעם פענטאגאן אין די בלאפן פון זייערע „זיגן״ אין וויעטנאם, ארט מיך נישט שטארק, ווייל זיי אליין גלויבן נישט אין דער בלאפעריי.

אבער וואס נוצט בלאפן וועגן וועטער אין ניס? ווילן זיי דערמיט צו־העלפן דעם טוריזם צום בלאען ברעג? די ליבע פון דע גאל צו ענגלאנד האט זיך דאך מער ווי אפגעקילט און דאך גיט די ענגלישע פרעסע כסדר וועטער־באריכטן, אז אין ניס שטייט דער טערמאמעטער מיט 30 גראד העכער ווי אין לאנדאן. געהערט אזעלכע דיבורים, האב איך זיך גענומען אין איילע־ניש גרייטן צו מיין יערלעכער רייזע אויפן קאט ד׳אזיר.

קיין פאלטא דארף מען דאך נישט אין ניס — צוריק אריין אין שאפע!

קיין שווערע שיך דארף מען דאך נישט; לאפטשעס וועלן אויך גוט זיין — אריין אין שאפע! ווער דארף א רעגן־שירם? די טראטוארן אין ניס זיינען דאך אזוי שמאל און די אויטאס אויף זיי אזוי ברייט, אז בלויז מאגערע פאר־בייגייער קאנען אדורכגיין אין אן איינצלנער ליניע. די פעטע פראנצויזן מוזן גיין זייטיק און רייבן זיך די פלייצעס אין די הענטלעך פון די אויטאס. אויב אזוי פאניע שירם — אריין צוריק אין שאפע!

מיט א לייכט געמיט און לייכטן טשעמאדאן, ווער איך גרייט צו דער רייזע. איך ווייס נישט ווי איר, נאר איך האב ליב צו פארן „לייכט״.

ווען איך בין געקומען קיין פאריז, האט מיר שוין דאס הארץ געזאגט, אז עפעס איז נישט אין ארדענונג מיט פראנצויזישן וועטער. דער זעלבער קאלטער רעגן און ווינט ווי אין לאנדאן. איך האב געמאכט נישט קיין וואזש־נעם טויש.

מיין ערשטער געדאנק איז געווען צוריק צו פארן צו מיין שאפע אין לאנדאן. טראכט איך זיך אבער: גיי איך דען בלייבן אין פאריז? מארגן אין דער פרי וועל איך דאך שוין זיין אין ניס! זאלן זיך די פאריזער זארגן.

מילא, דאס וואס ס׳האט געכליאפעט א גאנצע נאכט אויף דער רייזע פון פאריז, האט מיך לחלוטין נישט אינטערעסירט. קיין אויג האב איך סיי ווי סיי נישט געקאנט צוטאן.

גאט האט מיך געשטראפט מיט זעקס (איבעריק צו זאגן, נישט קיין יונגע פראנצויזקעס) וואס האבן ספאנטאניש גענומען דאס ווארט. אלע מיט באסא־ווע שטימעס. קיינער האט נישט געוווסט און א פנים נישט געוואלט וויסן וואס די אנדערע רעדט. דער ריטמישער קלאנג פונעם צוג אויף די רעלסן און דאס פייפן פונעם מאטאר האבן בשום אופן נישט געקאנט קומען צום ווארט.

מיינע פאסאזשירקעס האבן אנגעהויבן רעדן אויף גאר דע ליאן אין פאריז און ווען איך בין שוין געשטאנען אויף דער פלאטפארמע אין ניס, האבן זיי נאך אלץ גערעדט.

מיינט איר דאך אוודאי, אז אין ניס איז די זון געקומען מיך מקבל פנים זיין? ווייס איך וואס! דער הימל האט געקלאגט. נידעריקע כמארעס האבן אייך פון צווישן די כמארעס, דא און דארט, צוגעזאגט אויף א בעסערער צוקונפט . . . איך צווייפל טאקע נישט אין דער צוקונפט. אבער דערווייל . . . דערווייל האט גערעגנט, געבליצט און געדונערט.

אויפן צווייטן טאג, נישט אפשרעקנדיק זיך פאר רעגן, לאז איך זיך אויף דער פראמענאד ד׳אנגלע צו נעמען אן אנטייל אין קארנאוואל. איר האט געדארפט זען מיט וואס פאר א שטאלץ און קוראזש די באראבאנטשיקעס האבן געקנאקט אויף די קעסל־פויקן, מיט וואס פאר א גאווה די פארשידענע גרופעס אין קאליר־פולע מונדירן און הארטע היטלען מיט נאך הארטערע דאשיקעס האבן נאכמארשירט צום טאקט, און מיט וואס פאר א פינקטלעכ־קייט דער רעגן האט געקלאפט אויף זייערע קעפ. דער עולם האט אין זייטיקע

אפצוימונגען מיטמארשירט אין אויסגעוויקטע רעגן־מאנטלען, מיט קינדער ביי די הענט. מען האט געקאנט זען אין זייערע פנימער, אז זיי זיינען נישט שטארק באגייסטערט פון דעם אויסגעוויקטן קארנאוואל. אז זיי מארשירן נישט אלס אנטיילנעמער נאר צוצוקומען צו קאפעס, וואס זיינען איבערגעפולט.

ענדלעך האב איך זיך דערשלאגן צו א קאפע לעבן דעם האטעל, וועלכער איז מיט א צייט צוריק, פארמשפט געווארן צו פארניכטונג. דערווייל שטייט ער אויסגעלייגעדיקט און ווארט אויפן לעצטן פסק דין. איך בין זיכער, אז ווען די ליידיקע ווענט וואלטן געקאנט רעדן וואלט די שונד־פרעסע גע־מאכט א פיין לעבן פאר א לאנגער צייט.

די אונטערשטע שורה איז אבער די פארשידענע קארנאוואל־אטראקציעס האבן זיך געענדיקט דעם 27טן פעברואר, אין א טאג אין וועלכן דער קאט ד׳אזיר האט אפגעהאלטן א זיג איבער דער נאטור. א טאג פון זון און פון פריילעכע פנימער. א טאג אין וועלכן ס׳האבן זיך באטייליקט די באקאנטע אין ניס משונהדיק ריזיקע קאריקאטורן פון מענער און דאמען, וואס מאכן משונדיקע הוויות צום לאכנדיקן עולם, ווי זיי וואלטן געזאגט: איר זעט ווער ס׳האט אפגעהאלטן א זיג איבער דער נאטור?

די קעניגין פון קאט ד׳אזיר, אונזער ניס, א לעבן אויף איר!

לאנדאנער און פאריזער אויטאבוסן . . .

ווי איר קוקט מיר אן, בין איך נישט קיין גרויסער עצה־געבער. באזונ־דערס זינט איך האב, מיט יארן צוריק, געכאפט א פארציע פאר געבן א יידן אן עצה. וואלטן א סך אנדערע עצה־געבער גענומען אן ענלעכע שטעלונג, וואלט געווען א ביסל פריילעכער אויף דער וועלט.

דא אבער האנדלט זיך וועגן אן עניך, וועגן וועלכן איך מוז זיך טיילן מיט אנדערע. און ווו נאך וועט איר געפינען א בעסערן פארמיטלער ווי א טעגלעכע צייטונג? קודם־כל זענט איר געזיכערט פון פערזענלעכן אנפאל אויף אייך. וואס א לייענער טראכט וועגן אייער עצה . . . מילא, זאל ער זיך האלטן מיט זיין מיינונג.

איך זאג דאס אקעגן דעם, וואס מחנות מענטשן ווערן איבער נאכט פאר־וואנדלט אין „טוריסטן־גרופעס“ און פארלירן זייער אינדיווידואליטעט. איר באגעגנט אט די מחנות ארומשלעפן זיך אין לאנדאן אזוי גוט ווי אין פאריז.

אין לאנדאן טרעפט איר זיי ארום „עראס“, אין פיקאדילי, אדער ארום דעם הויכן מאנומענט אין לארד נעלסאן און טראפאלגער־סקווער, מיט פארי־סענע קעפ און אויסגעגלאצטע אויגן.

מילא די „פייגל“ פון פיקאדילי האט דאס ענגלישע געזעץ שוין פארטריבן אין זייערע „הייזער“ (און זיי באקלאגן זיך גארנישט . . . אדרבא), אבער די הונדערטער אומשולדיקע טייבעלעך אין טראפאלגער סקווער ווערן נעבעך פשוט צעטומלט, ווען זיי זעען כאליאסטרעס מיט פאריסענע קעפ ארומ־

פלאנטערן זיך אונטער זייערע פיס . . .

און אין פאריז, גלייבט איר, איז דער גורל פון אט די טוריסטן בעסער? דא באגעגנט איר זיי ארום דעם נר־תמיד פון „ארק־דע־טריאמף", אדער זיי קלעטערן אויף די געדרייטע טרעפ פון אייפל־טורעם. און אויב זיי האבן נאך נישט קיין אמתן קאפ־ווייטיק און קיין הארץ־קלאפעניש, הייבט זיי ערשט ריכטיק אן צו שווינדלען פאר די אויגן, ווען זיי ווילן א קוק טאן אויף דעם זעלבן טראטואר, פון וועלכן זיי זיינען בארוהאס ארויפגעקראכן . . . אדער איר טרעפט זיי אין די קעניגלעכע פאלאצן, ווו מען ווייזט זיי דאס שלאף־צימער פון א פראנצויזישער קעניגין, וואס איז דארט געשלאפן מיט לאנגע יארהונדערטער צוריק. טאקע אמת, אז די עלטערע טוריסטן, ווען עס אינ־טערעסירט שוין נישט אזעלכע זאכן, כאפן דערווייל א דרימל ערגעץ אין א ווינקל, אבער נאך אלעמען, וואס איז דאס משטיינס־געזאגט פאר א וואקאנסן?

און אט דא קום איך צום ענין פון עצה־געבעריי. איך האלט נישט פון אט די קאלעקטיווע וואקאנסן.

איך קום פון לאנדאן קיין פאריז אליין, אן וועגווייזערס, אן אראנזשירטע באזוכן און דאס גיט מיר א מעגלעכקייט צו זעען, וואס עס טוט זיך אויף די פאריזער גאסן, אין די אריסטאקראטישע קווארטאלן, אבער אויך אין די ארבעטער־קווארטאלן. און דאס בעסטע מיטל פאר דעם צוועק איז דער פאריזער אויטאבוס.

פארברענג איך טאקע אטייל פון מיין צייט אין די אויטאבוסן. אפשר איז דאס נישט אזוי אמוזירנדיק ווי א נאכט־קלוב אדער א וואדעוויל־טעאטער. דערפאר איז דאס אבער פאר מיר אינטערעסאנטער און באלערנדדיקער. אויף א רייזע אין אן אויטאבוס קענט איר באאבאכטן דאס טאג־טעגלעכע לעבן, דאס לייכטע און ערנסטע, אן שום איבערחזרונגען.

אט, צום ביישפיל, דערזעט איר פון דער ווייטנס א פאליציאנט אין מיטן גאס דרייען מיט א מין שטעקן אזוי האסטיק, אז ס'דאכט זיך אייך, דאס ער רופט צו סליחות אדער ער גרעגערט. אז איר קומט צו נעענטער, זעט איר, אז דאס שטעלט ער אויף אזא אופן אפ דעם גאסן־פארקער, פון איין זייט ווער איך נשתומם: וואס עפעס אזא כלי־זין פאר אזא צוועק? איך ווייס, אז ווען אין לאנדאן פארגלוסט זיך א פאליציאנט אפצושטעלן דעם גאסן־פארקער, גיט ער א צעשפרייטביידע הענט און „סטאי בראטו!" די לאנדאנער פאליצי־אנטן האבן אויך אזעלכע שטעקנס, אבער זיי באנוצן זיך מיט זיי אויף מער פראקטישע פונקציעס, ווי צום ביישפיל, אפצוטרייבן די פליגן פון דעמאנס־טראנטן, וועלכע זיינען ראוי ארייגעשליידערט צו ווערן אין דעם קעטשל, וואס פירט זיי מיטן גרעסטן דרך־ארץ אין דער „קאזע" אריין. עס קען אפשר זיין, אז די פאריזער פאליציאנטן מאכן אויך אנדערע נוצן פון זייערע שטע־קנס, נאר איך אלס אויסלענדישער גאסט וועל זיך נישט פארנעמען מיט טרייבן רכילות אויף אייערע פאריזער ארדענונג־היטער . . .

די פאריזער גאסן זיינען אזוי אנגעפיקעוועט מיט אויטאס און די פאריזער

אייבוואויבער האסן אזוי דאס געזעץ וועגן אויטאס, אז זיי שטרענגען אן זייער גאנצע ענערגיע און נערוון אויסצומיידן נישט בלויז דאס געזעץ, נאר אויך יעדן אויטא, וואס קומט זיי אין וועג אריין. דער רעזולטאט איז, אז איר באַ־געגנט כמעט אויף שריט און טריט איבערגעדרייטע אויטאס מיט די רעדער צום הימל, פון וועלכע די באלעבאטים זענען שוין ענטוועדער אין שפיטאל אדער אויפן עולם האמת, נישט פאר אונז געדאכט, און זיי וועלען שוין פארזאגן א צענטן נישט צו יאגן זיך אויף די פאריזער גאסן.

אבער נישט דאס בין איך אויסן. וואס מיך אינטערעסירט צום מערסטן, איז די אויפגאבע און ציל פון די אויטאבוסן אין לאנדאן און פאריז. דער מאשיניסט און דער בילעטן־שטעמפלער פון א פאריזער אויטאבוס ווייסן נישט פון קיין חכמות. זיי דינען טריי דאס פובליקום. שטעלן זיי זיך אפ, ווו מען דארף, נעמען אויף פאסאזשירן דורך דער אונטער־טיר און לאזן אפשטייגן דורך דער פראנט־טיר. דער בילעטן־שטעמפלער זיצט זיך באקוועם אין זיין בודקעלע און יעדערער טראגט אים צו זיין געלט אדער בילעט. יעדער איז צופרידן און מען פארט ווייטער.

אין לאנדאן אבער האבן די פאסאזשירן געבראטענע צרות פון דעם דאַ־זיקן „פארל״. אויף דעם מאשיניסט איז גילטיק דער פסוק: „ער פארט אויף דער קאנקע און פייפט אויף דער וועלט״. ביי אים איז דער פאסאזשיר מער פארהאסט ווי ביי דעם פראנצויזישן פרעזידענט — די אנ״ו. מיידט ער אים, דעם פאסאזשיר, טאקע אויס ווי דער טויט. מאכט איר א צייכן צו אים. ער זאל זיך אפשטעלן, זענט איר א פארלוירענער, ווייל פונקט דעמאלט פאר־גלוסט זיך אים צו קוקן אין אן אנדער ריכטונג. און אז איר דערלעבט שוין דעם בחת, ווען אן אויטאבוס שטעלט זיך אפ, געפינט איר זיך שוין אין אזא גרויסער „אטשערעד״, אז עס בלייבט אייך בלויז צוויי אויסוועגן: ענטוועדער דער בילעטן־שטעמפלער שרייט אויס: „נישטא מער קיין פלאץ״ און איר בלייבט ווידער שטיין אויפן רעגן, אדער אז דער בילעטן־שטעמפלער באַ־מערקט אייך ארויפשטעלן איין פוס אויף דער פלאטפארמע, קומט ער צום אויספיר, אז דעם צווייטן פוס דארפט איר נישט. טוט ער א קלונג און איר ליגט שוין אין ריננשטאק.

דאס גרעסטע פארגעניגן האט ער, ווען א שווערער משא־וואגן שטעלט זיך אפ פונקט לעבן אייך. דעמאלט מיידט ער אלעמען אויס און פליט פארביי ווי א משחית.

ווען איר קומט אין פאריז צו א פונקט וואו די „פארלעך״ — מאשיניסטן און בילעטן־שטעמפלער — טוישן זיך, באמערקט איר א סאלידאריטעט צווישן זיי. מען באגריסט זיך ווארעם און מען פארט ווייטער. קומט איר אבער אין לאנדאן צו אזא פונקט, האט איר זיך שוין געקויפט מפטיר! דאס ערשטע פארל גייט זיך גאנץ רואיק אוועק און דאס נייע פארל קומט ערשט מיט 15 מינוט שפעטער, שפאצירנדיק אזוי ווי שבת נאכן קוגל.

ווי איר זעט, האב איך דאס און א סך אנדערע זאכן אבסערווירט בלויז

דערפאר, וואס איך האב זיך נישט געלאזט פירן אין די בשותפותדיקע טוריסטן־קארן.

די ברירה איז ביי אייך, נאר פאלגט מיך: אז איר קומט אין אן אנדער לאנד, קוקט מיט אייערע אייגענע אויגן . . . נישט מיט די אויגן פונעם וועג־ווייזער.

א בריוו פון א יונגער אפטייקערין

(הומארעסקע, באארבעט פון פראנצויזיש, פון ייִדיש־פראנצויזישן שרייבער, טריסטאן בערנאר)

טייערע מאמע,

דו וועסט זיך אודאי וואונדערן וואס איך האב דיר נישט געשריבן די לעצטע צייט. גלויב מיר, מיין טייערע, אז דאס איז נישט געווען פאר נחת. מיר האבן לעצטנס דורכגעמאכט אזא שלעכטע צייט, אז איך האב נישט געהאט דאס הארץ דיר צו פארשאפן אזויפיל עגמת־נפש.

אין אנהויב חודש האבן מיר זיך געפונען כמעט אן לעבנס־מיטלען. מיט א צייט צוריק פלעגט נאך עמיצער אמאל אריינקומען נאך א שאכטל פיני־בארביטאן, אן אפפיר מיטל, א שאכטל אספירין אדער א שמירעכץ פאר אן אפגעפארעטער האנט א.א.וו. אבער לעצטנס איז אנגעשיקט געווארן אן אומ־גליק אין שטאט. עס גייט פארביי טעג ווען קיין משוגענער הונט שמעקט נישט אריין אין אפטייק . . .

מענטשן גייען פארביי, געזונט ווי פערד, און חובות וואקסן. כ'האב געמיינט, אז א פארשאלטעניש איז געקומען אויף אונז. אין אונזער פאר־צווייפלונג האבן מיר גענומען טראכטן, אז דאס בעסטע מיטל, וואס וועט שטילן דעם מאגן, וואס האלט אין איין מאנען, וועט זיין א פארציע סטריכנין. מיין מאן איז שוין גרייט געווען אראפגיין אין דער לאבאראטאריע צוצוגרייטן דאס מאכל . . .

איך האב זיך אראפגעלאזט אויף די קני און אנגעהויבן הייס תפילה צו טון. טיף פארזונקען אין טרויעריקע מחשבות און פלוצלונג — ג'אט דער־הערט מיין געבעט — האט זיך געעפנט די טיר און א פארזארגטער מאן איז אריין אין אפטייק.

דו ווייסט וואס, מאמעשי? דיפטעריע האט זיך באוויזן אין שטאט! נו, פרעג איך דיך, מיין טייערע, איז נישט נאריש פון מיין מאן וואס ער גלויבט נישט אין ג'אט? . . . וואס זאל איך דיר זאגן, די עפידעמיע האט זיך, ג'אט צו דאנקען, פארשפרייט אין שטאט און דערגרייכט צום הויזגעזינט פונם מוני־ציפאלן מאיאר. ווי דו ווייסט, איז מאנסיו לאוואל זייער רייך. האט ער גלייך באשטעלט אסך פענהזלען, יאד און כל־המינים אנדערע בויטיקע זאכן.

שטעל זיך פאר ווי צופרידן מיר זענען, אז סוף־כל־סוף האבן מיר נישט

געדארפט שפייזן דעם מאגן מיט סטריכנין . . . דער קצב איז אזוי פריינט־לעך . . .

צווייטנס, קען איך דיר שרייבן, אז מישעל, דער געטרייער דינער פון פריציזשן שלאס, איז נעבעך אראפגעפאלן פון פערד און זיך צעבראכן א פוס, וועלכן מען האט געמוזט אפשניידן. מיר האבן זיי געשיקט צוועלף פאקעטן אנטיסעפטישע וואטע, באנדאזשן פון בעסטן סארט און אלע אנדערע מעדי־קאמענטן, וואס נויטיקן זיך ביי אזא אפעראציע.

כ׳האב זיך שיער נישט אויפגעגעסן א לעבעדיקע פאר שרעק, טאמער שיקט מען אונזער קליינעם גאסטאן צוריק פון דער פענסיאן־שולע . . .

אין גראד דעם זעלבן אוונט איז א שכן געבויסן געווארן פון א משוגע־נעם הונט . . . אזא פייגער מענטש, ס׳רייסט דאס הארץ.

דער שפייזקרעמער באגעגנט מיך שוין ווידער מיט א פריינטלעכן שמייכל . . .

נעכטן אוונט זענען מיר געגאנגען אין טעאטער, וואו א דורכפארנדיקע טרופע האט געשפילט „קארנאוואל פון וואנדערנדיקן אויסוואורף״ מיין מאן האט זיך פארגינען — נאך לאנגע חדשים — צו קויפן בילעטן, אדאנק א מאגן־קראנקהייט, וואס האט אויסגעבראכן אין מושב־זקנים . . .

מיר קושן דיר הונדערט מאל, מאמעשי, קוש דעם פאפא.

נ.ב. ווי א דונער האט אונז געטראפן די בייעס, אז דער אלטער אנדריי איז געשטארבן. ער איז געווען אזא בראווער מאן; פאר לאנגע יארן האט ער געליטן פון לעבער־קראנקהייט, און דאך פלעגט ער רעגולער קומען אין אפטייק מיט א שמייכל. אזא גוטער און שטענדיקער קליענט.

דער טויט איז גרויזאם, מאמע . . .

ניו-יארקער סאבוועיס און פאריזער מעטראס

ווי נאר איך בין אריין אין דער „סאבוועי״ (ניו־יארקער מעטרא) און די טירלעך האבן זיך פארקלאפט הינטער מיר, האב איך זיך באלד געטראפן מיט מיינע אלטע באקאנטע, וואס איך האב אמאל געזעהן באגעגנט אין פאריז און טאקע אויף דער מעטרא. געטראכט האב איך, אז ניו־יארק איז מסתמא דאס לעצטע ארט, וווּ איך וועל זיך ווידער טרעפן מיט זיי, און אט שטיי איך מיט זיי פנים אל פנים מיט די סלופעס אינמיטן די וואגאנדלעך.

מילא, אויף דער מעטרא זיינען זיי א שטענדיקער נוצן, ווייל תמיד כמעט זיינען זיי דארטן באלאגערט פון פראנצויזן, וואס קענען זיך נישט געפינען קיין ארט צו זיצן. אויב אויף דער נאענטער סטאציע שטופן זיך אריין נאך עטלעכע צענדליק מענטשן, ווייסט מען, אז זיי וועלן תמיד געפינען א פריינט־לעכן ארבל, אן עק פון א גארטעל ביי א רעגנמאנטל אדער א לאנג, דין ברויטל, וואס שטארצט ארויס פון אן אנגעלאדענעם קאשיק מיט עסנווארג ביי א פארשוויצטער, מאסיווער פראנצוזקע אויף דער האנט; און דעם קאשיק

האלט זי אזוי קונציק, אז זי באווייזט נאך צו באנוצןביידע הענט ארום דעם סלופ. ס׳איז ממש צו באוואונדערן די סאלידאריטעט אויף דער מעטרא! מען גייט אריין איינער אין אנדערנס פאלאזשעניע און מען שאקלט זיך בציבור בעתן פארן.

אבער אויף די ניו־יארקער סאבוועיס איז די אטמאספערע א גאנץ אנ־דערע. דא שטייט מען נישט ארום די סלופעס פאר נויט, נאר פאר נחת. מעג א וואגאנדל זיין האלב באזעצט, געפינען זיך תמיד אויסגעשטרעקטע, פריינט־לעכע הענט ביי די סלופעס. טייל מענטשן שטעלן זיך גאר מיט די פלייצעס צום סלופ, ווי אייבער, וואס איז גרייט מקריב צו זיין דאס אייגענע לעבן, כדי צו פארטיידיקן אט דעם סלופ קעגן ראסיסטן . . . אזעלכע סלופ־„פאט־ריאטן" שאקלען זיך נישט, נאר שטייען ווי צוגעשמידט ווי די קו־קלוס־קלאן צו גאלדוואטער! און דאך ווערט אייך קלאר, אז אט די סלופ־פארטיידיקער געהערן גאר צו די לינקע, האלטנדיק פון דער פראלעטארישערלאזונג: „צו־זאמען וועלן מיר שטיין". אדער אפשר זיינען עס מענטשן, וואס פילן זיך מער באקוועם, טוליענדיק זיך צו א סלופ ווי זיצנדיק צווישן זייערע מיט־מענטשן? . . .

ווי נאר איר שטעלט ארויף א פוס אויף דער טעריטאריע פון סאבוועי, געפינט זיך פאר אייך א דראטענער קויש, וועלכן ס׳איז שווער צו איגנארירן, מחמת ער איז שוין האלב־פול מיט פארשידנע שאלעכץ פון קאווענעס, עפל און אנדערע פירות, וואס לויט זייער אויסזען שמאכטן שוין אייניקע טעג דארטן. אויך קען מען דארט געפינען אן אויסוואל פון מינעראל־פלעשלעך, הענטשקעס, אספירין־שאכטלעך און צעקוועטשטע, האלבע פאפיראסן. אט דער מיש־מאש הייסט אויפן אמעריקאנער לשון: „ראביש", „דזשאנק" און „גאר־בעדזש". און דא טאקע דארף מען אויסטרייסלען די קעשענעס פון יעדן ברעקל פאפיראס. נאך אזא „תשליך" זענט איר ערשט בארעכטיקט צו באצאלן פופצן סענט, כדי זיך צו לאזן אין וועג אריין.

לאמיך אייך זאגן, אז אלס גאסט טאפט איר א וואנט אויף דער סאבוועי.

אין די טונעלן פון דער פאריזער מעטרא געפינט איר דייטלעכע אנ־ווייזונגען אין וועלכער ריכטונג צו גיין. אין די טונעלן פון די סאבוועיס האלט מען כסדר אין שושקען אייך אין די אויערן אריין: „רויכערן פארבאטן". דער שיקזאל פון דערשלאגן זיך צו אייער סאבוועי ליגט ביי אייך גופא אין די הענט . . .

קומט איר סוף־כל־סוף ארויס אויף א פלאטפארמע, באגעגנט איר אייך מיט קארטאנען פון אייז־קרעם, איבערבלייבעכצן פון קינדער־שפילעכלעך, סימנים פון הייסע וווּרשטלעך, וואס מען רופט זיי דא „האט דאגס" (הייסע הינט) און וואס האבן נאך עטלעכע נעמען, ווי „האמבורגער", „פראנקפורטער" און „פראנקבורגער"; נעמען, וואס ווארפן אן אויף אייך א מין מרה־שחורה . . .

להיפוך דער פאריזער מעטרא, וועט איר דא אויף ס׳רוב סטאציעס נישט געפינען קיין באנק צום זיצן. נאר קוואדראטנע סלופעס זיינען דא יא דא,

און ביי די דאזיקע קענט איר זיך אמאל אנשפארן. איך זאג אמאל, ווייל, ערשטנס, זיינען דריי זייטן שוין פארנומען און, צווייטנס, זיינען די סלופעס אזוי נאענט צו די רעלסן, אז אויב דאס לעבן איז אייך ליב, וועט איר נישט וואגן אייך אנצושפארן אויף דער פערטער זייט. איר דארפט בלויז כאפן א דרימל אדער מאכן א פאלשן טריט, און אייערע יתומים וועט עס נישט זיין קיין אונטערשיד, צי איר האט אמאל יא געדויכערט צי נישט. די סאבוועי וועט אייך פשוט צעמאלן אויף קרעפל־פלייש.

פרעג איך אמאל אן אמעריקאנער פארוואס די סאבוועי געפינט זיך אין אזא פארנאכלעסיקטן צושטאנד. ווייסט איר וואס פאר אן ענטפער ער האט מיר געגעבן? איר וועט אסור נישט טרעפן! קודם כל האט ער מיך באַטראכט צי איך טראג נישט אמאל א רויט שניפסל. דערנאך ערשט האט ער מיר געגעבן אן ענטפער בזה הלשון: „ווען אייער ענגלאנד וואלט אונז באַצאלט וואס זי איז אונז שולדיק, וואלט די סאבוועי־פארוואלטונג זיך געקענט א ריר טאן". כ'האב אים געוואלט א פרעג טאן: וויפל עס קומט אויס אויף מיין חלק . . . אויך האב איך אים געוואלט א קיצל טאן אין די ביינער מיט א בעסער שטעך־ווערטל, פרעגנדיק, צי ווען די טשאנג־קאישעקס און אַנדערע „דעמאקראטישע" בעלי־חובות אין אזיע וואלטן אפגעצאלט די שווערע מיליאנען, וואס אמעריקע בראקט אין זיי אריין אן אן אפשטעל, וואלט זיין מוניציפאליטעט געקענט באזארגן פלעצער פארן מענטשלעכן געברויך אויף די גאסן פון ניו־יארק, אז מען זאל נישט מוזן בעטן אין א „דראג־סטאר" אדער אין אנדערע געשעפטן די דערלויבעניש פאר אזא צוועק? אבער אין אמעריקע איז דאס שפריכווארט נישט פאפולער, אז אפילו אן אייגענעם טאטן מעג מען זאגן דעם אמת אין די אויגן אריין. טשארלז דיקענס זאגט ערגעץ־ווו, אז „אן אמעריקאנער וועט אייך געדולדיק אויסהערן, כל־זמן איר מאכט קאמ־פלימענטן זיין לאנד".

בעת די טיפן פון טשארלס דיקענס האבן זיך א ביסל ציוויליזירט אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יארען, האט דער אמעריקאנער זיך געענומען רוקן אויף צוריק. אדער אפשר לויפט ער גאר אויף צוריק? יעדנפאל, וואס שייך די ניו־יארקער סאבוועיס, זעט אויס, אז זיי האבן בדעה שוין מסתמא אזוי צו פארבלייבן אויף דור־דורות. דאס שפריכווארט: „א חכם איז דער, וואס לערנט זיך פון אלעמען" איז אנטי־אמעריקאניש. לויט זייער השגה איז אמעריקע איבער אלץ און אלעמען!

שוין ווידער קיין אמעריקע

1. אויפן וועג

ביי מיר צו פארן קיין אמעריקע איז שוין נישט קיין נאווינע. איבגיכן, בעת די „ימים נוראים" וועט ווערן פונקט 58 יאר, ווען איך בין שוין געפארן

קיין אמעריקע. איך זאג געפארן, ווייל אין יענע יארן האט „פארן" קיין אמעריקע און „ארײנפארן" קיין אמעריקע קיין שום שייכות נישט געהאט איינס מיטן צווייטן. איר האט זיך געמעגט פארן און זיי האבן אייך געמעגט צוריקשיקן. איר ווייסט פון וואנען איך ווייס דאס? ווייל מיט מיר האבן זיך געטראפן ביידע נסים.

ליג איך מיר אזוי (מיט 58 יאר צוריק) אויסגעצויגן אויפן דעק — נישט פאר נחת — און דער ים ארבעט אויף אלע כלים כאטש ס'איז יום־כיפור. דער פארשאלטענער דייטשער מאטראס, וויסנדיק גאנץ גוט, אז איך פיל זיך אויף אים געזאגט געווארן, און אז ס'איז יום־כיפור, האט מיר אונטערגע־טראגן א צינענע שיסל מיט א פעט געמישעכץ פון חזיר־פלייש מיט באבעס, וואס מען האט געדארפט האבן אן אייזערנעם מאגן בלויז צו קענען פאר־טראגן דעם ריח. וואס איך האב דעם קערל געווונטשן דעמאלט, זאל דאס נאר איבערגיין בירושה, פון אים צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

אבער דאס איז, ווי געזאגט, געווען מיט לאנגע יארן צוריק. מיין איצ־טיקע רייזע איז שוין געווען אלס א טוריסט, און פאר טוריסטן האט מען נאך א ביסל דרך ארץ אויף דער וועלט.

גערעכנט האב איך, אז ס'איז גאנץ לאגיש צו פליען קיין אמעריקע מיט דער פאן־אמעריקען ליניע. נו, האב איך געמאכט א טעות!

דער אוויאן איז אפגעפליגן פון לאנדאן 10 אזייגער אין דער פרי. לויט דעם פאן־אמעריקאנער רעכענונג איז אין באסטן דעמאלט 5 אזייגער פאר־טאג. דארף מען שלאפן און נישט עסן. ווער עסט דאס אין מיטן שלאף?

קומט אבער איינס אזייגער, הויבט שוין אן — לויט אן אוקראינער ווערטל — „צו שווינדלען אין פיסק", דאס הייסט „נאגן ביים הארץ" אויף פראסט מאמע־לשון. בקיצור: מען ווערט הונגעריק און איר קענט דאס אנ־רופן, ווי איר ווילט נאר, אבער אפילו אין באסטן עסט מען דאך שוין אויך עפעס! מען קען דען זאט ווערן פון צוריקרוקן א זייגער? דערווייל ווערט שוין 2 אזייגער. די פרוי, וואס זיצט לעבן מיר, פארווארפט דעם קאפ. זי חלשט, זאגט זי, ממש פון הונגער. דערלאנגט מען איר אויף א בלאנקענדיק טעצעלע א . . . גלאז וואסער. צי דאס איז געווען אויף טרינקען אדער אנ־צורייבן דעם שטערן און די שלייפן, ווייס איך נישט.

ארום 3.30 האט מען אנגעהויבן סערווירן דעם לאנג־דערווארטעטן „מי־טאג". לויט דער פאן־אמעריקאנסקע ליניע האבן זיי אונז באהאנדלט מיט דרך ארץ: ווייל אין באסטן איז איצט 10.30 און ווער עסט דאס דארט מיטאג אזוי פרי? איי, די באסטאנער בירגער האבן שוין ארײנגעפליקט א לייטיש פרישטיק און איי די אייראפעאישע מאגנס וויסן נישט, ווי שפעט ס'איז אין באסטאן און ווילן בכלל נישט וויסן, צי ס'איז דא א באסטאן אויף דער וועלט, אבער צוליב דעם וועט דאך די פאטריאטישע פאן־אמעריקאנער ליניע נישט גיין ענדערן דעם אמעריקאנער „לעבנס־שטייגער".

יעדנפאל. אנקוקנדיק די „געשמאקע" פאטראווע, וואס מען האט מיר

דערלאנגט, איז ביי מיר דער אפעטיט סיי־ווי־סיי נעלם געווארן.
איר ווייסט ווו איך האב אים געפונען? אין א באסטאנער יידישן רעסטאראן!

2. אויף א בר־מצווה אונטער די הרי־חושך

מיין ערשטער וויזיט איז געווען צו מיין טאכטער אויף א בר־מצווה. מיין איידעם האט מיך אפגעווארט אין באסטאן און מיך אהיימגענומען אין א שטעטל, וואס איז 250 מייל פון באסטאן, ליגט לעבן דער קאנאדישער גרעניץ און הייסט סקאהיגען. דאס שטעטל פארמאגט 10 יידישע פאמיליעס, וואס פארנעמען זיך אויסשליסלעך מיט האנדל. אויף דעם זאגן עדות די 10 שילדן אויף זייערע „סטארס". קיין סימן פון יידישער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט עקזיסטירט דארט נישט. ביים 80־יאריקן יידישן יובעליר, ראסטאוו, זייגען נאך פארבליבן בלויז עטלעכע רוסישע ווערטער, מיט וועלכע ער האט זיך בארימט פאר מיר, און עטלעכע באנאלע יידישע וויצן, וואס ער האט געברענגט פון דער ליטע.

די בר־מצווה איז פארגעקומען אין נאענסטן שטעטל, וואטערוויל, 20 מייל אויפן וועג קיין באסטאן. דארט לעבן ארום 200 יידישע פאמיליעס. זיי האבן א פרעכטיקע נייע סינאגאגע און פון דער היפשער צאל טליתים, סידורים און יארמעלקעס, וואס געפינען זיך אין פאליש, איז איינס פון די ביידע; ענטוועדער די יידן האלטן פונעם דין, אז מען טאר נישט טראגן אום שבת. אדער די קהילה באזארגט זיי מיט דעם אלעמען.

צום דאווענען זיינען געקומען א 10־12 יידן און צום „קידוש", נאכן דאווענען, זיינען געקומען אריבער 100. מען האט כסדר גע„לחיים"ט איינער צום צווייטן. דער יונגער „רעוורענט" איז, חלילה, נישט געבליבן הינטערשטעליק. זיין פול פנים איז געווען רויט, אז ס'איז געווען א פארגעניגן אים אנצוקוקן. פאר גרויס שמחה האט ער בלויז פארגעסן אין קלייניקייט צו מאכן „קידוש", זאגן א פאר ווערטער צום בר־מצווה און דערמאנען אים אז ער האט אויך עלטערן. מען קען דאך אבער נישט טאן אלץ אין דער זעלבער צייט...

אז די געבעטענע און אומגעבעטענע געסט זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען, איז מיר געקומען אויפן געדאנק מיין ווארשעווער מייסטער בערל דער בלינדער, אויף דער קראכמאלנע זיין ברודער האט געעפנט א פיווארניע, האט ער צו דער דערעפנונג, אין א פרייטיק, איינגעלאדן זיין ברודער מיט אלע געזעלן צו קומען און טרינקען וויפיל מען וויל — איבגאנצן פריי!
האבן מיר דארט פארברענגט פון דריי בייטאג ביז עלף ביינאכט און זיינען אהיימגעגאנגען טויט־שיכור און א „זיי געזונט"...

3. א חתונה אויף דער 5־טער עוועניו

מיט 5 טעג שפעטער בין איך אפגעפלויגן פון באסטאן קיין ניו־יארק.

דארט — אויף די בראנקס — בין איך איינגעלאדן געווען צו דער חתונה פון מיינעם א קרובס א זון.

די חתונה איז געפראוועט געווארן אין בעסטן, דאס הייסט אין טייערסטן יידישן האטעל אויף „פיפט עווניו". ווען איר וואלט אנגעקוקט די כלה . . . אבער לאמיר בעסער רעדן וועגן פריילעכערע זאכן!

מיט עסן און טרינקען זיינען די לאנגע טישן געווען אנגעלאדעוועט ביז צום דאך (אפשר א ביסל נידעריקער). . . די געסט האבן ארומגעזשומעט ארום די טישן, ווי די בינען, און גענומען וויפל זיי האבן געקענט דערטראגן צו זייערע טישלעך. דער חתן האט זיך ארומגעדרייט „אין מיטן שטוב אין א ווינקעלע", די הענט אין די קעשענעס און געקאפטשעט און געלאזט וואלקנס רויך פון דער לולקע אויף וואס די וועלט שטייט!

די קאפעליע האט אוועקגעטראסקעט מיט די הענט און מיט די פיס און די פארלעך האבן זיך אנגעהויבן שאקלען אויף איין ארט, ווי האלב־פאר־שלאפענע. די קאפעליע האט זיי אזוי פארקלאפט די קעפ, אז זיי האבן אויסגעקוקט ווי צעמישט, איך מיין, אז זיי האבן פארשטערט די שמחה . . . מיט אזא קלאגעדיקן טאנצן.

אפגעגעסן, אויסגעטרונקען און אפגעשאקלט זיך, איז דער עולם זיך פונאנדערגעגאנגען אן א גוטן טאג און א גוט יאר.

און ווידער אמאל האב איך זיך דערמאנט אין דער פיווארניע אויף דער קראכמאלנע גאס, אין ווארשע . . .

רייזע איינדרוקן

דער געדאנק צו באזוכן יוגאסלאוויען איז ביי מיר געבוירן געווארן מיט א יאר צוריק בעת מיין רייזע פון ניצע קיין פאריז, ביי מיר אין קופע איז געווען גאנץ באקוועם; די עטלעכע יוגאסלאווישע פאסאזשירן האבן זיך פארהאלטן גאנץ אנשטענדיק, זיך נישט צעשפרייט אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי עס איז איצט אין דער מאדע. אויך האבן זיי אייך נישט „דערקוטשעט" מיט זייערע שארף־שפיציקע קאמאשן.

די אטמאספערע איז געווען א געמיטלעכע.

איך האב אויסגענוצט די געלעגנהייט, אונטערן ריטמישן קלאנג פון די רעדער איבער די רעלסן, צו כאפן א דרימל. ביסלעכווייז אבער האט זיך אט דער ריטמישער קלאנג צונויפגעגאסן מיט א גיטארע־שפילן און א זינגען פון לידער. שטיל, צום טאקט, האבן זיך אנגעהויבן הערן נייע טענער, וואס זענען ביסלעכווייז געווארן העכער, גיכער און האסטיקער, ווי זיי וואלטן געוואלט איבערהילכן די רעדער.

אזעלכע געזאנגען, האב איך מיר געטראכט, קענען נאר קומען פון סלאווישע מענטשן, אבער עס זענען דאך נישט געווען קיין סלאוון אדער רוסישע טוריסטן; דערין בין איך געווען זיכער. מאדנע, אט די ריטמען האבן נישט אויסגעזען צוצוקומען צו די אויערן פון מיינע מיטרייזנדע.

האב איך איבערגעלאזט די דאזיקע פראנצויזישע מיטפאסאזשירן מיינע

און געגאנגען אין דער ריכטונג, פונוואנען די קלאנגען פון דער גיטארע האבן זיך געלאזט הערן. איך האב נישט געדארפט ווייט גיין. אין אן אנדערער קופע פון זעלבן וואגאן האב איך מיך אנגעטראפן אויף א גרופע יונגעלייט, וואס האבן פארנומען גאנץ קופעס, אויפגעליינטע, פריילעכע און אין א גע־הויבענער שטימונג.

היות צווישן זיי זענען געווען אזעלכע, וואס האבן גערעדט רוסיש און אנדערע, וואס האבן גערעדט אביסל ענגליש, איז מיר נישט אנגעקומען שווער זיך צו פארשטענדיקן מיט זיי. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס זענען יוגאסלאווישע סטודענטן אויף א וואקאציע־טור איבער אייראפע, אונטער דער באגלייטונג פון זייער פאקולטעט־פראפעסאר.

מערקווירדיק ווי גיך ס׳קען אנטשטיין א פריינטשאפט מיט א גרופע מענטשן! ס׳איז אודאי מעגלעך, אז ביז איצט האט זיך קיינער ניט אינטע־רעסירט מיט זיי און מיט זייער מוזיק און געזאנג. שוין זיץ איך צווישן זיי אין זייער קופע און מען באווארפט מיך נישט בלויז מיט קשיות, נאר טאקע אויך מיט כזיתן סאלדאטסקע שווארץ ברויט, שטיקער ווורשט, פירות, פאפי־ראסן און אפילו שנאפס. ווען איך עס אויף בלויז א דריטל פון די מאכלים, וואלט איך קיין פאריז נישט שוין דערפארן, א פשיטא שוין קיין לאנדאן. . .

עמיצער האט אריינגערופן דעם פראפעסאר — א מענטש אין די דריי־סיקער יארן, פון יענע הויך־געבילדעטע, וואס בלאזן נישט פון זיך. א שמועס האט זיך אנגעהויבן שפינען איבער געשעענישן אין דער וועלט לעצטנס, איבער די הלוואות, וואס יוגאסלאוויען באקומט ביי אמעריקע, איבער דער ענגלישער פרעסע און ענלעכע ענינים. אינטימקייט האט זיך אנגעהויבן פילן צווישן אונז.

עס איז שוין געווען האלבע נאכט, ווען איך האב זיי פארלאזט און מיך אומגעקערט אין מיין קופע אריין. דער צוג האט געדארפט אנקומען קיין פאריז ארום אכט אזייגער אין דער פרי.

א שעה פארן אנקומען קיין פאריז קומט אריין צו מיר אט דער פרא־פעסאר אליין בכבודו ובעצמו, דערלאנגט מיר זיין וויזיטקארטע און זאגט מיר, אז ער פערזענלעך און אויך זיין גרופע סטודענטן וואלטן געווען העכסט צופרידן זיך צו באגעגענען מיט מיר ביי אן אנדערער געלעגנהייט — טאקע אין בעלגראד! ניין, ס׳איז נישט געווען לפנימדיקע העפלעכקייט, מיט וועל־כער מען באגעגנט זיך אפטמאל אויף א רייזע; אזוי צו זאגן פון יוצא וועגן. עס האט מיך אביסל גערירט, און איך האב ממש ציגעזאגט, אז קומענדיקן זומער וועל איך זיין ביי זיי אין דער הויפטשטאט.

מיר האבן אפילו אנגעקניפט א קארעספאנדענץ צווישן אונז. אויף זיין פארלאנג האב איך אים גענומען שיקן די לאנדאנער זונטאג־צייטונג „דהי אבזערווער״, וואס איז נישט צו באקומען אין בעלגראד.

* * *

פון ניצע קיין בעלגראד פארט מען איבער צפון־איטאליע. עס איז

אבער נישט פון די לייכטע זאכן צו מאכן אט אזא נסיעה, וואס דויערט אן אפשטעל גאנצע דרייסיק שעה. נאר ווי קען מען עס פארבײַפארן א לאנד און זיך נישט אפשטעלן צו כאפן א בליק וואס עס טוט זיך דארט? מיר איז עס ממש נישט צום הארצן און גאנץ אײַנפאך — אוממעגלעך.

האב איך מיך טאקע אפגעשטעלט אויף אייניקע טעג אין מילאן, די צווייטע הויפטשטאט פון איטאליען. פון יידישן וועלט־קאנגרעס, וואס פרע־טענדירט צו שטיין אין קאנטאקט מיט קהלות אין איראפע, איז מיר נישט געלונגען צו באקומען וועלכע עס איז ידיעות בנוגע אזעלכע אדער אנדערע יידישע ארגאניזאציעס . . . דער סוף איז געווען, וואס כ׳האב אליין געמאכט מיינע וואנדערונגען איבער מילאן און צוזאמען מיט אנדערע טוריסטן אונ־טער דער באגלייטונג פון א וועג־ווייזער.

אזוי האבן מיר באזוכט די קאטעדראלע אין מילאן, די סקאלא־אפערע און די בתי־עלמין. הגם אט די קאטעדראלע איז די דריט גרעסטע אין דער וועלט — סאנקט פעטער אין רוים איז די ערשטע, סאנקט פאולס אין לאנ־דאן די צווייטע און די קאטעדראלע אין מילאן די דריטע — רופט זי זיך נישט אויפן נאמען פון קיין הייליקן, ווי די ערשטע צוויי, נאר סתם קאטעד־ראלע אדער „דואמא" אויף איטאליעניש. דארטן געפינט זיך די גרעסטע ארגל, מיט נישט ווייניקער ווי פופצן טויזנט רערן; נישטא קיין אנדערע ארגל אירס גלייכן אין דער וועלט. פיר טויזנט מענטשן קענען דארט אריינ־גיין אין דער קאטעדראלע.

מערקווירדיק איז געווען די התלהבות, מיט וועלכער דער יידישער וועג־ווייזער האט גערעדט צו אונז טוריסטן איבער דער געשיכטע פון יעדן פענ־סטער דארטן, פון יעדער וואנט, יעדן בילד, וואס באצירט אט די קאטעד־ראלע פון דרויסן אדער פון אינעווייניק.

צווישן כאטינעס און אוונט־פארשטעלונגען אין דער סקאלא־אפערע לאזט מען אריין טוריסטן זעען ווי דאס טעאטער זעט אויס. אחוץ דעם טעאטער־זאאל אדער אודיטאריום געפינען זיך דא זייטיקע זאאלן, מיט בלערליי אויס־שטעלונגען, פון סקולפטורן, ביכער און אריגינעלע מאנוסקריפטן פון מוזיק. זיכער דארף מען אסך מער צייט ווי די האלבע שעה דא דערלויבט, כדי ווירקלעך צו געניסן פון אט דער קולטור־אויסשטעלונג.

אזוי גיך ווי איר קומט ארויס פון אט דער פרעכטיקער קולטור־געביידע, לויערן שוין אויף אייך די „נישט אזוי קולטורעלע" גאסן־הענדלער, וואס ווילן אייך פארקויפן אייז־קרעם, פאסטקארטלעך, זיי זענען אפילו קאפאבל אייך א רעשט צו געבן פון אן ענגלישן פונט אדער פון א פינף דאלארדיקן באנקנאט.

ווי אומעטום, געפינען זיך די בתי־עלמין אויסער דער שטאט. דא ווער קומט מען נישט אויף קבר־אבות אדער צו זען וועלכע בארימטע פערזענ־לעכקייטן עס זענען דא געקומען צו קבורה, נאר פשוט צו שעפן נחת פון די מאנומענטן און מצבות, צו באוואונדערן די ארכיטעקטור פון די מאוזא־

לעאומס אין די אינערלעכע און אויסערלעכע באצירונגען.

איר וועט מסתמא וועלן וויסן פארוואס איך זאג בתי־עלמין. דער אמת איז, אז דא געפינען זיך נישט ווייניקער ווי גאנצע דריי: ערשטנס, דער קאטוילישער, צווייטנס, דער פראטעסטאנטישער און דריטנס, דער יידישער. דער פראטעסטאנטישער ליגט אויף רעכטס פונם קאטוילישן און דער יידישער פון לינקס.

פאלט מיר איין צו פרעגן דעם וועגווייזער צי מיר וועלן באזוכן אלע דריי בתי־עלמין. ענטפערט ער, אז נישט; בלויז די ערשטע צוויי. וויל איך דאך נאטירלעך וויסן פארוואס. גיט ער מיר צו פארשטיין, אז טוריסטן, בדרך כלל, אינטערעסירן זיך נישט מיטן יידישן בית־עולם. ס׳איז דארטן דא ווייניק וואס צו באוואונדערן.

מוז איך מיך מודה זיין, אז איך בין גארנישט אזוי „זשעדנע" געווען צו באוואונדערן „זייערע" בתי־עלמין. האב איך מיך טאקע ארומגעדרייט איינער אליין, ווי א יתום, אויפן יידישן גוטן־ארט. וואס לגבי די אנדערע צוויי האט אויסגעזען אזוי דערשלאגן, אזוי פארוואָרלאזט. איך פארשטיי אבער עד־היום נישט פארוואס יידן מוזן זיך דאס שטופן צו באוואונדערן „די הויכע ספערן" פון א גוישן צמענטאזש!

מילאן איז איטאליענס צענטער פון אינדוסטרי, פינאנץ און קולטור. אירע היסטארישע און מאדערנע געביידעס רייסן זיך ממש אין הימל אריין. מען זעט אויך דא וואלקנקראצערס פון סאמע לעצטן טיפ, אבער די טראמווייען זענען גארנישט אויס אזוי מאדערן. דערצו דארף מען נאך זיין תמיד גרייט, איבערהויפט טוריסטן, צו בענטשן גומל יעדעס מאל ווען מען גייט אריבער זיי בשלום.

אפגעפארן בין איך פון מילאן מיטן „אריענט־עקספרעס", א צוג וואס פארט פון קאלעי קיין גריכנלאנד. איין און צוואנציק שעה שפעטער האב איך מיך געפונען אין בעלגראד. דאס פרעכטיק־שיינע וועטער, וואס האט מיך באגלייט פון ניצע איבער דער פראנצויזיש־איטאליענישער בלויער ריוויערא אזש ביז דער יוגאסלאווישער גרענעץ, האט זיך פלוצלינג געענדערט אין טיטאס מדינה. א קאלטער רעגן האט געשמיסן די שויבן פונם אריענט־עקספרעס במשך פון די לעצטע פינף שעה פון מיין נסיעה.

אכט אזייגער אין דער פרי, ווען כ׳בין ארויס פון וואגאן, האט שוין געווארט אויף מיר מיין פריינט, פראפעסאר ראזשישט. דער קבלת־פנים האט אייך ממש גערירט. איך פערזענלעך האב אים געשריבן, אז כ׳וועל אים טעלעפאנירן פון האטעל נאך מיין אנקומען, ער אבער האט זיך מקדים געווען און געקומען מיך אפנעמען ביי דער באן! טאקע מיט זיין אייגענעם אויטא האט ער מיך אפגעפירט אין האטעל אריין, מיר פארזיכערנדיק, אז ער וועט קומען מיך זען די מערסטע צייט פון מיין וויילן אין בעלגראד; אזוי האט ער עס אראנזשירט, נישט געוואלט הערן פון מיינע קווענקלענישן, אזוי, אז לית ברירה האב איך אנגענומען זיין גאסטפריינטלעכקייט.

דאס וועלן מיך באקענען מיט יידישן לעבן אין יוגאסלאוויען בכלל און אין בעלגראד, בפרט, איז געווען אן אנדער סבה וואס האט מיך באוואויגן צו מאכן אט אזא לאנגע רייזע. ווייסן מיר דאך אזוי ווייניק בנוגע דעם לעבן פון אונזערע יידישע ברידער אין אט דעם ווייטן לאנד, וואו עס עקזיסטירט נישט קיין צענטראלע יידישע ארגאניזאציע און עס איז אויך נישט פאראן קיין גענויע סטאטיסטיק אין שייכות מיט יידן, אן אט דעם סערבישן פראפעסאר וואלט מיר פשוט נישט געווען מעגלעך אויפצוזוכן וועלכע עס איז נישט יידישע אינסטיטוציע, איבערהויפט אין אט דעם ווינט און רעגן.

אין בעלגראד האב איך באזוכט די איינציקע יידישע אינסטיטוציע און גערעדט מיט א פארוואלטעריך, וואס רעדט ענגליש — מרים שטיינער — א פלייסיקע, איבערגעגעבענע פרוי אין די דרייסיקער יארן. פון די פינף און זיבעציק טויזנט יידן פאר דער מלחמה אין לאנד, אזוי האט זי מיר איבערגעגעבן, זענען בלויז איבערגעבליבן לעבן פופצן טויזנט אין די לאגערן, דרייצן טויזנט פינף הונדערט האבן זיך אומגעקערט אהיים און דער גורל פון די איבריקע פופצן הונדערט איז נישט באקאנט.

פון די צוריקגעקומענע אהיים האבן זיבן טויזנט פינף הונדערט אויס געוואנדערט קיין ישראל, אזוי, אז היינט־צו־טאג ציילט די יידישע באפעלקערונג פון יוגאסלאוויען נישט מער ווי זעקס טויזנט נפשות. זיי קאנצענטרירן זיך אין דריי שטעט: בעלגראד — צוויי טויזנט, סאראיעווא — צוויי טויזנט און זאגרעב — פופצן הונדערט, די איבריקע זענען צעשפרייט אין קליינע גרופן, מערסטנס ביים אדריאטישן ים־ברעג. עטלעכע יידן קען מען טיילמאל געפינען לעבן אין כמעט איזאלירטע מקומות.

מיט אייניקע יאר צוריק האט א יידיש פארפאלק אין לאנדאן געוויילט אויף זייערע וואקאציעס אין אט אזא מקום. מאכט זיך, אז די פרוי איז פלוצלינג געשטארבן. האט דער איינציקער ייד פון יענעם מקום געהאט אסך צרות ביים צונויפברענגען א מנין פון די דערפלעך ארום צו דער קבורה. קיין מת פון לאנד טאר מען נישט ארויספירן לויטן יוגאסלאווישן געזעץ.

דער יידישער קהלה־בנין געפינט זיך אויף דער גאס פון „זיבעטן יולי" און פארנעמט א גרויסן חלק פון דער פיר־שטאקיקער געביידע. דער רעליגיעזער אנפירער פון דער געמיינדע איז, ביז מיט צוויי יאר צוריק, געווען רבי ווייס. ער לעבט נישט מער. אין דער זעלבער געביידע געפינט זיך אויך א יידיש־היסטאריש מוזעאום און א שול צום דאווענען.

מיין כוונה ספעציעל צו באזוכן דאס מוזעאום האט זיך מיר נישט איינגעגעבן. מען האט גראד דעמאלט געהאלטן אין רעמאנטירן דאס הויז און די פארוואלטעריך פונם מוזעאום, ד״ר בעדזא נעדאמאטשקי, האט זיך געפונען אויף א באזוך אין מדינת־ישראל.

די שפראך פון די יידן אין יוגאסלאוויען איז די שפראך פון לאנד, אבער מען רעדט אויך דייטש. אייניקע קענען העברעאיש. דער עלטערער דור רעדט נאך צוביסלעך יידיש, אבער זער ווייניק. פונדעסטוועגן קומט דאס

יידישע וואָרט צום אויסדרוק פון צייט צו צייט. מיט עטלעכע חדשים צוריק, למשל, האָט דער בעלגראַדער יידישער כאָר, וואָס באַשטייט פון פּופציק פערזאָן, געגעבן אַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקסלידער און אויך אייניקע העברעישע. דער זאַאַל איז געווען גוט באַזוכט.

אַ טעגלעך בלעטל ווערט דאָ אַרויסגעגעבן פאַר יידן וועגן לאָקאַלע און אַלגעמיינע יידישע פּאַסירונגען. עס איז אין דער לאַנדשפּראַך, אָבער נאָר וויכטיקע ענינים ווערן געגעבן פּעריאָדיש אין אַ רעזומע אויף ענגליש.

עפּעס אַ פּעולה אויף דער מאַדאַם שטיינער, זעט אויס, האָט מיין שמועס מיט איר יאָ געהאַט. אייניקע וואָכן נאָך מיין אָפּפאָרן האָב איך פון איר דער־האַלטן אַ בריוו, אין וועלכן זי שרייבט מיר בזה הלשון: „די שוועריקייט פאַר אונז צו דערלערנען די יידישע שפּראַך איז דער דוחק אין לערן־ביכער. אויב איר קענט אונז שיקן ביכער אויף דעם געביט, וואָלט דאָס געווען פאַר מיר און אַלע מיינע פריינט אַ גרויסע הילף צו דערלערנען די שפּראַך, וועלכע איר מיינט ווערט פאַרשוואונדן ביי אונז און מיר וואָלטן זיך באַקענט מיט די ביכער אין אונזער ביבליאָטעק אין זייער אָריגינאַל".

מאַדאַם שטיינער האָט אויך די אויפזיכט צו שיקן גרופּעס יידישע קינ־דער אויף וואַקאַציע זומער־צייט.

דער „דזשאָינט", האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, העלפט אַסך דער קהלה אויסצופירן אירע פונקציעס.

אין אונגט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ פריינט פונם פּראָפעסאָר. ער און זיין פרוי האָבן מיר באַגלייט אַהין. באַלד איז מיר קלאָר געוואָרן אַז דער צוועק פון אָט דער איינלאַדונג איז געווען מיך צו באַקענען מיט אַ ייד, וואָס פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן אינעם אויסערן מיניסטעריום, אַ ראַטגעבער, וואָס באַגלייט דעם מאַרשאַל טיטאָ אויף זיינע רייזעס קיין אויסלאַנד.

אין צערעמאָניעס, ווי אין אַלטן באַקאַנטן, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ ברייטן שאַלאָם! עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן מיך צו געפינען אין אַ שטוב, וואו מען רעדט נישט קיין וואָרט יידיש. דאָך איז די סביבה געווען אַן עכט יידישע, ווי די לופט אַליין וואָלט געווען אָנגעזאַפּט מיט יידיש־קייט, מיט יידישער טראַדיציע, מיט יידישע התנהגות און מיט יידישן הומאָר.

עס איז נישט נויטיק געווען קיין ווערטער אָנצוהאַלטן אַ שמועס. דער קעגנזייטיקער צוטרוי, אַנטשטאַנען אינסטינקטיוו, האָט אונז געמאַכט רעדן איבער דעם און יענעם; פון עקאָנאָמישע פּראָבלעמען ביז צו שלום־עליכמס העלדן. מען האָט גערעדט איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, פון אַנטי־סעמיטיזם אין די מערב־לענדער און אפילו פון די כעלעמער חכמים.

איך, נאַטירלעך, האָב מיך געוואָלט באַרימען מיט מיין קענטעניש אין הלכות כעלעמער חכמה. האָב איך צעליגט אויף טעלערלעך דעם געניאַלן איינפאַל פון די כעלעמער קאָפּ־מענטשן צו באַשטימען, אַז די באָד איז שוין געניג אָוועקגעשטופּט פון טייך. הערט ער מיך אויס גאַנץ געדולדיק, און דאַן נעמט ער אַרויס אַ בוך אויף סערביש און ווייזט מיר צענדליקער אַזעלכע

מעשיות אין איבערזעצונג! . . .

קלאר, עס איז פאר מיר געזעסן א ייד א תלמיד־חכם, באהאוונט אין דער אלטער און מאדערנער העברעישער ליטעראטור; א הארציקער וועלט־מענטש אין פולן זינען פון ווארט.

שפעט אין אוונט האט מען מיך אפגעפירט צוריק אין מיין האטעל אריין. געזעגנט האט מען זיך נישט ווי צוויי צופעליק באקאנט געווארענע, נאר ווי ידידים פון לאנגע צייטן. אויף זיין וויזיטקארטע האב איך געקענט לייענען: צאדיק דאנאן. ער שעמט זיך נישט מיט זיין יידישן נאמען צווישן זיינע סערבישע קאלעגן ביי דער רעגירונג.

דעם צווייטן טאג, א זונטאג, האב איך פארלאזט בעלגראד. עס איז נאך אלץ נישט געווען קיין בעסערונג אינם וועטער, נאר א שלאקס־רעגן. ווען באלד נאך פרישטיק מיין פריינט איז געקומען צום האטעל און זיך דערוואוסט, אז איך פאר אן א רעגנמאנטל, האט ער אן שום שהיות אראפגענומען פון זיך זיין מאנטל און אים ארויפגעצוואונגען אויף מיר. פראטעסטן האב איך געפילט אינסטינקטיוו וועלן דא נישט העלפן, ער קען זיך נאך געפינען באליידיקט.

מיר זענען, קודם־כל, ארומגעפארן איבער די שפייז־געוועלבער איינצוקויפן פראוויאנט אויף מיין לאנגער נסיעה. דאן האט ער מיך גענומען אויף א טור צו ווייזן וויכטיקע פונקטן אין און ארום בעלגראד. אונטערן נאמען „ניי בעלגראד” בויט זיך איצט א מאסיווע שטאט, וואס וועט איבערנעמען די ראלע פון דער אלטער שטאט.

ניי בעלגראד בויט זיך אן ערך פון זעקס־אכט מייל אויף מערב זייט פון דער אלטער שטאט. אירע גיגאנטישע ברייטע און הויכע געביידעס ווארפן זיך אין די אויגן אריין פון פאסאזשירן, נישט צונויפגעדריקט, נאר צעשפרייט איבער גרויסע שטחים בויט מען אט די געביידעס. עס געפינען זיך שוין דא געוויסע רעגירונגס־אנשטאלטן, מוזעאומס, טעכנישע שולעס און אנדערע אינסטיטוציעס.

דער מאנומענט לזכרון די פערציק טויזנט קרבנות פון היטלעריזם געפינט זיך אין דער אלטשטאט. דעם מארשאל טיטאס רעזידענץ, אן איבערבלייבעניש נאך פון דער עסטרייכיש־אונגארישער מאנארכיע, געפינט זיך אויסערהאלב דער שטאט. אן איינדרוקספולן מאנומענט פאר די יידישע קרבנות פון נאציזם האט מען אויפגעשטעלט אין ניי בעלגראד און א דריטן מאנומענט, צו ערן דעם אומבאקאנטן יוגאסלאווישן סאלדאט, האט מען געשטעלט אויף א בארג, אן ערך זעכצן קילאמעטער פון ניי בעלגראד. נישט געקוקט אויפן גאסרעגן, זענען מענטשן כסדר געגאנגען בארג־אויף צום מאנומענט און בארג־אראפ.

פון בעלגראד ביז איך אפגעפארן אזיגער זיבן אין אוונט, מיין פריינט דער פראפעסאר האט נישט פארלאזט דעם פעראן ביז דער צוג איז נישט אפגעגאנגען, פאכנדיק מיט א טיכל ביז דער צוג איז פארשוואונדן פון בליק.

א טאג האב איך נאך פארבראכט אין טריעסט און נאך איניקע טעג אין מילאן, וואו כ׳האב מיר אויסגערוט די ביינער. דערנאך בין איך שוין אזוי געפארן צוריק קיין פאריז און לאנדאן איבער דער שווייץ.

אט אזא רייזע באררייכערט איינעם אן ספק. עס איז גוט זיך צו טרעפן מיט מענטשן פון אנדערע לענדער, אנדערע לשונות, אנדערע מידות; איבערהויפט צו געפינען אט אזא ווארעמע פרייטשאפט ווי אין די סלאווישע לענדער, וואס אזעלכעס איז זעלטן צו טרעפן אחוץ ביי זיי. דארט פילט מען, אז מענטש רעדט צו מענטש.

פון אצינד

אפרים קאגאנאווסקי — דער מענטש

מיין פערזענלעכע באקאנטשאפט מיט אפרים קאגאנאווסקי איז פארגעקומען אויף שלום אש־אקאדעמיע אין פאריז שבת דעם 14טן סעפטעמבער 1957, קאגאנאווסקי, אן א שום צערעמאניעס, ווענדט זיך צו מיר, ווי צו אן אלטן באקאנטן און זאגט: „איר זעט דאך אז דא איז אוממעגלעך צו פירן א געשפרעך, מוזט איר מיר צו זאגן צו קומען צו מיר אהיים״.

זונטאג נאך מיטאג בין איך שוין געווען ביי קאגאנאווסקין אין שטוב. דעם ערשטן איינדרוק וואס ס'האט אויף מיר געמאכט זיין פרייבטלעכע ווארעמע באגריסונג און זיין אפענהארציקייט, איז געווען, אז די מערב אייראפייאישע ציוויליזאציע מיט די פאלשע עטיקעט, וואס ווערט באנוצט צו געסט האט נאך אויף קאגאנאווסקין קיין ווירקונג נישט געהאט. אדער פיליכט האט ער בכיוון זיך קעגן געשטעלט קעגן די דאזיקע צערעמאניעס? די אטמאספערע אין קאגאנאווסקי'ס שטוב איז אנגעזאפט מיט דער רייער קלארער לופט פון דער אלטער היים.

אין זיין שרייב־צימער, וועלכער איז באהאנגען מיט פארשידענע בילדער, צייגט מיר קאגאנאווסקי אייניקע פון זיינע אייגענע מיניאטורן. ער נעמט ארויס פון א שופלאד פון שרייבטיש עטלעכע ביכער און זאגט מיר: „אט דאס איז אלעס וואס ס'איז פארבליבן פון מיינע שאפונגען — „טיר און פענצטער״ 1923, „לייב און לעבן״ 1928 און „פיגורן״ 1937. און דאס איז אדאנק פריינט וועלכע האבן מיר געשיקט זייערע „קאפיעס״ — די איבעריקע זענען אוועק מיטן פייער״. די לעצטע ווערטער זענען געזאגט געווארן מיט א טיפן וויטאג אין זיין שטימע. קאגאנאווסקי האט מיר פרעזענטירט מיט זיין בוך „יובליי־אויסגאבע״ וואס איז דערשינען אין פאריז אין 1951. איך האב פארברייננט דעם גאנצן בייטאג אין קאגאנאווסקי'ס געזעלשאפט. אונזער געשפרעך איז הויפטזעכלעך געווען ארום ווארשע אין וועלכע מיר זענען געווען ביידע פאראינטערעסירט.

אין א בריוו פון קאגאנאווסקי, וואס איך האב דערהאלטן אין דעצעמבער 1957, נאך זיין צוריק קומען פון ישראל שרייבט ער צווישן אנדערעס: „איך בין פון מיין רייזע געבליבן זייער צופרידן. איך בין אויפגענומען געווארן אין די שענסטע היזער, מיט גרויסער און ווארעמפולער ליבע און אנערקענונג. איך האב אין ישראל זייער פיל וויכטיקע לייענער און פריינט, און די קליינע ווערימדיקע ארבעט קעגן מיר פון נישט וויכטיקע און געמיינע מוסרים, האבן מיר אבסאלוט נישט געקענט שאדן.

דאס לאנד איז אומגעהייער שיין, עס איז דא א סך תענוג פאר יעדן ייִדן. און אויב עס זענען דא שלעכטע זיטן, אדער אומגערעכטקייטן מצד א געוויסע קאסטע, וואס וויל אלץ פאר זיך, איז עס מסתמא דא — אויך אין אנדערע לענדער, און עס וועט זיכער אמאל ווערן אנדערש״.

לעצטן זומער האט קאגאנאווסקי געהאלטן אן איינדרוקספולע רעדע ביים קבר פון י. מ. ווייסענבערג אין ווארשע און איצט טרויערן מיר דעם טויט פון דעם גרויסן פאלקסשרייבער און מענטש אפרים קאגאנאווסקי.

אפרים קאגאנאווסקי אינדערהיים

(צו זיין ערשטער יארצייט)

אפרים קאגאנאווסקי איז געווען א פאלקסשרייבער אין פולן זינען פוןווארט. ער איז געבוירן געווארן אין ווארשע אין א סביבה פון פראסטע און ארימע מענטשן. ער האט באמערקט אלע זייערע גוטע און שלעכטע מידות, און זיי מייסטערהאפט געשילדערט אין א פאלקסטימלעכער שפראך. ער האט זיך נישט זשעבירעט מיט קיין ווערטער און אויסדרוקן. ער האט געהאלטן פונם אנגענומענעם כלל, אז ליטעראטור פון א פאלק שליסט איין די שפראך און פארם, מיט וועלכע זיי דריקן אויס זייערע טאג־טעגלעכע געפילן און באגערן. און אזויווי כמעט אלע זיינע טיפן שטעלן פאר, אזוי צו זאגן, דעם פראסטן עולם, האט אפרים קאגאנאווסקי נישט געזוכט צו פארלירן זייער שפראך. איז דערפאר נאטירלעך און אויסגעהאלטן צו לייענען אין זיינע סטאווקעגעסל שילדערונגען אזעלכע סצענעס:

„ווען די בעלי־עגלות פונם געסל גייען שבת בנעימותדיק מיט די טלית־זעקלעך אין שול אריין שרייען זיי פון דער זייט אראפ צו די גוישע אנטריי־בער, יאנעק, פשיא טוואיא מאטש". טרייב נישט אזוי . . און דער בייטש . . שלאג נישט די שקאפע". .

אדער: „אז די שמייסער־יונגען מיט פינצטערע דאשקעס שלעפן אן אויסגעפוצט פערד אויפן ווינער פלאץ ארויס, שרייט מען צו זיי אראפ פון די פענסטער, 'בענקארטעס, שלעפט נישט!" . . . אדער: „אז די מיידן מיט די יונגען שטייען ביי די טויערן און קוקן אויף זייערע בייע שיך, גיט איינער א פרעג, „וואס מאכן זי, פראניעלע? ווען קומט איהנס מאן אהיים פון די זעלנער?". און דער ענטפער איז, כ'ווייס אליין נישט . . ס'איז מא שווין נמאס צו ווארטן". אדער: „אז א יונג מיט א רויט ווי אפגעקאכט פנים פרעגט ביי אמויד מיט א פייכטן, שווארצן, גלאנציקן לאק אויפן שטערן, ריקל, ווען גייט דיין חתן לויז?' ענטפערט זי מיט א באסאווער שטימע, 'אין צוויי חדשים ארום, ס'קאנטשעט זיך זיין ווויראק'."

און אזוי ווערט יעדע שילדערונג פונם סטאווקע געסל איבערגעגעבן אין דער שפראך פון די באטרעפנדע העלדן.

אפרים קאגאנאווסקי האט נישט געלעבט ווייט פון זיינע העלדן. ער איז נישט געווען דער אריסטאקראט, וואס האט זיך געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון א פריוואט־סעקרעטאר, אויף וועמען צו ביזערן זיך ווען די „מוזע" האט זיך געשפילט מיט אים אין „קאץ און מויז". ער האט ליב געהאט זיינע העלדן אזוי ווי זיינע לייענערס. די מידה, גלויב איך, האט ער גערשנט

פון זיין פאטער, וועלכער האט ליב געהאט נאר פראסטע מענטשן און תמיד רחמנות געהאט אויף די גבירים, וואס „האבן נעבעך, נישט קיין פארגעניגען פון זייער לעבן".

זיין פאטער איז אויך געווען א וואונדערבארער דערציילער, אבער אפרים קאגאנאווסקי איז געווען דער פרינץ פון דער דערציילונג. ער האט דורך זיינע שילדערונגען פאראייביקט זיינע העלדן אין דער יידישער ליטעראטור.

זיין מוטער איז געווען דער קעגנזאץ פון פאטער. זי האט אוועקגעגעבן אסך פון אירע כחות פאר זיין עלטערער שוועסטערס בילדונג. און ווען די דאזיקע שוועסטער האט זיך פלוצלינג „פארליבט" אין יידיש און אין דער יידישער ליטעראטור, האט דאס זיין מוטער פארשאפט גרויס עגמת־נפש, ווייל זי האט מורא געהאט, אז דאס וועט איר טאכטער שטערן צו קומען אין דער „בעסערער געזעלשאפט".

ווען איך האב אנגעפאנגען אויפסניי צו לייענען קאגאנאווסקיס מייס־טערהאפטע דערציילונגען אין דער „פאריזער צייטשריפט" און שפעטער אין דער „נייער פרעסע", און אויך געלייענט די אנפאלן אויף אים מצד א גע־וויסן טייל פון דער פאריזער און אמעריקאנער יידישער פרעסע, האב איך געזוכט א געלעגנהייט צו מאכן זיין פערזענלעכע באקאנטשאפט.

די דאזיקע געלעגנהייט האט זיך מיר געמאכט אין סעפטעמבער, 1957. איך בין דעמאלט געווען אין פאריז און בייגעווען אויף א שלום־אש אקאדעמיע. מיין פריינט, ב. שלעווין, האט מיר אויפמערקזאם געמאכט, אז קאגאנאווסקי זיצט אויף דער פלאטפארמע צווישן א רייע שרייבער.

נאך דער אקאדעמיע האט מיך שלעווין פארגעשטעלט פאר אים. אין זיין ברייטן, ווארימען האנט־דרוק איז פאר מיר געשטאנען א גרויסער מענטש, וואס האט נישט קיין מורא צו פארלירן קיין ברעקל פון זיין גרויסקייט דער־מיט וואס ער איז אזוי „פאניע־בראט" מיט א פראסטן בשר ודם.

מיט זיין האנט אויף מיין אקסל, האט ער מיך לאנגזאם אוועקגעפירט פונם טומל איך זאאל און מיך איינגעלאדן אויף מארגן נאכמיטאג צו אים אהיים אין הויז.

איך האב זיך, נאטירלעך, פון אזא אומדערווארטעטער איינלאדונג נישט אנטזאגט; און ווען איך האב צו דער באשטימטער צייט א קלונג געטון ביי זיין טיר, איז ער אליין מיר אנטקעגנגעקומען מיט אפענע הענט, אזוי, ווי צו אן אלטן גוטן פריינט.

אויפן וועג צו זיין שרייב־קאבינעט, האט ער מיר אנגעוויזן אויף זיינע אומצאליקע בילדער, מיט וועלכע די ווענט זענען באהאנגען. „דאס, זאגט קאגאנאווסקי, איז מיין ארבעט. מיט דעם פארנעם איך זיך. אז איך האב קיין געדולד נישט צו שרייבן. און אז „די נייע פרעסע" טעלעפאנירט מיר און האבן טענות וועגן ארטיקלען, זאג איך זיי, אז איך בין באשעפטיקט".

אויף מיין פראגע, „וואס האט אייך באוואויגן צו קומען קיין פאריז נאך דעם צוריקקער פון רוסלאנד קיין ווארשע אין 1945?" האט ער מיר גע־

ענטפערט מיט אן אראפגעלאזענעם קעפ, „מיינע לייענער? אין ווארשע האב איך נישט מער געטראפן מיינע לייענער . . . האב איך געהאפט, אז איך וועל נאך טרעפן א צאל פון די, וואס זענען אנטלאפן, דא אין פאריז, און איך האב קיין טעות נישט געמאכט. איך בין דא ווידער ארומגערינגלט מיט מיינע נאענטע".

אין אונזער לענגערן געשפרעך האט זיך ארויסגעוויזן, אז קאגאנאווסקי ליידט שטארק פון דריי פארלוסטן: ערשטנס, זיינע אייגענע ווערק, פון וועלכע ס'איז נישט געבליבן קיין זכר אין פוילן; צווייטנס, זיינע טויזנטער לייענער אין פוילן; און, דריטנס, דעם פארלוסט פון זיינע פאמיליע.

*　　*　　*

אין יאר 1914 האט זיך זיין גאנצע פאמיליע, אויסער זיין פאטער, באזעצט צייטווייליק אין אדעס און זענען שוין דארט פארבליבן. אין יאר 1940 האט זיך די גאנצע פאמיליע זיינע געפונען אויף א שיף אויפן שווארצן ים בעת דער עוואקואציע פון אדעס. די נאציס האבן אויפגעריסן די שיף, און זיי זענען אלע הערטרונקען געווארן.

„זייער געביין, האט ער מיר געזאגט, איז נישט געקומען צו קבר־ישראל".

א גרויסע טרייסט האט קאגאנאווסקי געפונען אין דעם, וואס זיינע ווארשעווער לייענער, וואס געפינען זיך איצט אין די אמעריקאנער לענדער, האבן אים געשיקט זיינע פארלוירענע ביכער, מיט ציטערדיקע הענט, און ווי א מוטער וואס האט געפונען אירע פארלוירענע קינדער, האט ער ארויסגענומען פון א פארשלאסענעם שופלאד אין זיין שרייבטיש און מיר געוויזן די דאזיקע ביכער, דערשינען אין ווארשע און אין ווילנע צווישן די יארן 1913־1939.

„איר קענט גארנישט באגרייפן ווי גערירט ביז טרערן איך בין געווען, ווען איך האב די ביכער דערהאלטן. מיינע לייענער האבן אין מיר נישט פארגעסן. מיט אלע כחות וועל איך פארזעצן מיין ליטערארישע ארבעט" — האט ער צוגעגעבן.

קאגאנאווסקי האט מיר געשענקט א פראכט אויסגאבע פון זיין יובילעאום־אויסגאבע „שריפטן", דערשינען אין פאריז, אין 1951.

אפרים קאגאנאווסקי האט נישט געוואוינט אין די יידישע קווארטאלן, ווי די רעפובליק, „דאס פלעצל" אדער בעלוויל. ער האט געוואוינט אין א קריסטלעכער געגנט אויף רי גאזאן. אזא וואוינונג האט מען געפונען אין די גאסן ארום דער מארשאלקאווסקע, אבער נישט אויף דער ניזקע, סטאווקע אדער אויפן פאוואנזעק. און קאגאנאווסקי האס באמערקט אין מיין בליק, אז איך וואונדער זיך ווי קומט ער, דער מייסטער פון סטאווקע געסל און דעם גזשיבאוו, אין אזא אריסטאקראטישער וואוינונג. דערציילט ער מיר: „איר זעט דעם שרייבטיש? אט ביי דעם דאזיקן טיש איז געזעסן א יידישער אדוואקאט. די נאצי בעסטיעס זענען אריין אין צימער און נישט אויסרעדנדיק אווארט אים דערשאסן אויף טויט. פון יענעם טאג איז דיזע וואוינונג געווען געשלאסן. ווען איך בין געקומען קיין פאריז, האט דער יידישער הויזווירט

אנגעבאטן די וואוינונג אן שליסל־געלט און ביליקע דירה געלט״.

ביים געזעגענען זיך מיט אפרים קאגאנאווסקי, האט ער מיר אנגעזאגט: „ווען איר געפינט זיך נאר אין פאריז זאלט איר נישט ווארטן אויף קיין איינלאדונג. קומט מיך זעען ווען איר ווילט.״

כאטש איך האב פארברענגט די שענסטע, גייסטיקע 4־3 שטונדן אין דער געזעלשאפט פון אפרים קאגאנאווסקי, בין איך אבער אוועק פון אים מיט א שווערן געמיט. ער האט מיר געשיינט צו זיין פיזיש צעבראכן; און ווי דאס הארץ זאל מיר האבן געזאגט, האב איך זיך געשטעלט די טרויעריקע פראגע: „וועל איך זיך נאך אמאל טרעפן מיט אים אין פאריז?״

נאך זיין רייזע פון ישראל צוריק קיין פאריז האב איך דערהאלטן פון אים א בריוו, אין וועלכן ער רעדט מיט באגייסטערונג וועגן דער אויפבויאונג פונם לאנד און נעמט אן אלס א נאטירלעכע דערשיינונג די גוטע אזוי ווי די שלעכטע זייטן פון די יידן אין ישראל.

פיליכט האט ער אין זינען געהאט דעם טיילוויזן באיקאט, מיט וועלכן די שרייבער־קרייזן האבן אים דארט באגעגנט . . .

וואלטן זיינע „קריטיקער״ זיך ערנסט באקאנט מיט זיינע ליטערארישע שאפונגען און מיט אים פערזענלעך, וואלט די יידישע פרעסע געקענט דינען דעם לייענער מיט וויכטיקערע טעמעס ווי אנפאלן און באליידיקונגען אויף דעם אומשטערבלעכן אפרים קאגאנאווסקי, וועלכער האט געטריי געדינט זיינע פאלקס־מענטשן ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

אפרים קאגאנאווסקי איז אוועק פון אונז פרייטאג, דעם 17־טן אקטאבער, 1958. זיין שאפן וועט אייביק פארבלייבן און באַרייכערן די יידישע ליטעראטור!

יידישע זשורנאליסטיק אין לאנדאן 1913-14

(געווידמעט דעם אנדענק פון בן־א. סאכאטשעווסקי ע״ה)

פארוואס עפעס בלויז יארן 1913־14,

ווייל אין די צוויי יאר איז באצייכענט געווארן 2 היסטארישע פאקטן וועלכע האבן א נאנטע שייכות צום לאנדאנער יידישער זשורנאליזם: דאס יאר 1913 האט געזען דעם געבורט פון א נייער יידישער טעגלעכער צייטונג „די צייט״ און, דאס יאר 1914 דעם אונטערגאנג פון א יארן־לאנג יידישער צייטונג „דער יידישער זשורנאל״. די דאזיקע 2 יאר זענען אויך געווען די עדות פון דער לעצטער יידישער מאסן־אימיגראציע נאך ענגלאנד, און אזוינאך פארניכטעט די מעגלעכקייט פון ווידער אויפלעבן און אוועקשטעלן אויף א העכערן ניוואָ די יידישע קולטורעלע טעטיקייט אין לאנדאן. נאך דער מלחמה „צו ענדיקן מלחמות״ און „מענטשן זאלן קענען פראנק און פריי פארן ווו זייער הארץ גליסט, איז מען איינגעקלאמערט געווארן אין ראמען פון פעסער און וויזעס און די טויערן פון ענגלאנד זענען, כמעט, פארמאכט געווארן פאר פרישע אימיגראנטן.

אויב מיר איז נישט באקאנט די אורזאכן וואס האבן געברענגט צום

אונטערגאנג פון „יידישן זשורנאל״, איז מיר אבער גוט באקאנט דאס „אויס־טראגן״ און דער „געבורט״ פון „די צייט״.

ביי מאריס מייער איז געבוירן געווארן דער געדאנק וועגן גרינדן א נייע צייטונג ווען ער איז נאך געווען מיט־ארבעטער אין „זשורנאל״. ער האט באלד פון אנפאנג זיך באראטן וועגן דעם פלאן מיט זיין באנטן פרייבט און טעטיקן טוער אין ארבייטער־רינג, ברוך וויינבערג, פאר וועמען ער האט זיך כסדר באקלאגט אז די אטמאספערע אין דער „זשורנאל״ רעדאקציע איז פאר אים צו דושנע.

די צוויי פריינט האבן געחלומ׳ט פון א נייער צייטונג וועלכע זאל אריענ־טירן ארום זיך נייע פרישע קרעפטן, און, פאר לאנגע מאנאטן האבן זיי ארומגערעדט די פראגע וועגן דעם נאך נישט געבוירענעם קינד: ווי אזוי וועט דאס אויסזעען? וואס פאר א נאמען זאל מען דאס געבן? א.ז.וו. זייער ענטוזיאזם איז געשטיגן צוזאמען מיט זייערע האפנונגען ביז ענדלעך ס׳איז וויינבערגן געלונגען צו באאיינפלוסן זיין ברודער, אלטער וויינבערג, אין תל־אביב, אז ער זאל נעמען אן אינטערעס אין דעם פראיעקט און נאך א לענגערע קארעספאנדענץ האט ברוך וויינבערגס ברודער איינגעשטימט צו העלפן — פינאנציעל פארווירקלעכן זייער חלום.

א שותפות איז געשלאסן געווארן צווישן מאריס מייער און ברוך וויינ־בערג. דער ערשטער אלס רעדאקטאר און דער צווייטער אלס אדמיניסטרא־טאר און, זונטאג דעם 14־טן סעפטעמבער 1913 איז דערשינען דער ערשטער נומער „די צייט״.

יענער היסטארישער טאג איז פארוואנדעלט געווארן אין א אמת׳ן יום־טוב אויף דער יידישער גאס. א לעבהאפטע באוועגונג האט געהערשט אין און ארום דער רעדאקציע. יידן איז נאך, דאמאלס, געלעגן פריש אין זכרון די קליין־שטעטלדיקע חתנות: קיינער ווארט נישט פארן שמש! אלע פאר רעכענען זיך פאר בעל־שמחות און דאס גאנצע שטעטל גייט צו דער חופה.

דער ערשטער נומער איז געווען א גאנץ באשיידענער. ער האט ענטהאלטן א באגריסונג פון דער רעדאקציע צו די לייענער (?) און א לייטארטיקל פון רעדאקטאר געווידמעט די צילן און אויפגאבן פון דער צייטונג.

צווישן די ערשטע נייע קרעפטן וואס האבן זיך באטייליקט אין דער צייטונג האבן זיך געפונען: י. פין, ראמאנאווסקי, י. שאיאק, י. א. לערנער און י. ליפשיץ איך דענק אז די נייע צייטונג האט געהאט א געוויסע השפעה אויף דער יוגענט מחמת, באלד האט זיך אנגעהויבן באוויזן מעלדונגען אין דער צייטונג וועגן דער גרינדונג פון געזעלשאפטן

אזוי זעען מיר אן אנאנס אין די צייט פון 1־טן אקטאבער 1913, אז „שבת דעם 27־טן סעפטעמבער, אויף דער גרונדונגס־פארזאמלונג פון דער געזעלשאפט „נייעס לעבן״, וועמענס אויפגאבע עס איז צו פאראייניקן אלע נאציאנאלראדיקאלע עלעמענטן צו פראקטישע ארבייט, האט חבר ראמא־נאווסקי געהאלטן זיין ערשטע לעקציע: „רעליגיע און נאציע״.

און דעם 8־טן אקטאבער ווערט געגרינדעט א „קולטור־פאראיין" מיט א ליטעראריש־מוזיקאלישן אוונט. אינם ליטעראַרישן טייל האבן זיך באַטייליקט, רודאלף ראקער, ראמאנאווסקי, יוסף ווייס א.א. אין מוזיקאלישן: קאליך, מארקאוויטש א.א.

צווישן באוווסטע יידישע שריפטשטעלער וואס האבן מיטגעארבעט אין „די צייט" האט זיך אויך געפונען קלמן מרמר. זיין קריטיק און מבינות איז דערשינען דעם 10־טן מאי 1914.

אין פארלויף פון עטלעכע מאנאטן פון איר עקזיסטירן, האט „די צייט" אנגעהויבן צו דערשיינען אין א 8 זייטן פארמאט וועלכער האט מעגלעך געמאכט פאר דער צייטונג צו ברייגגען פיל מער נייעס וועגן דעם מענדל ביילים פראצעס וואס האט זיך דאמאלס אנגעפאנגען אין קיעוו.

צו יענער צייט האט זיך אין לאנדאן באזעצט דער נאיווער, שלאנקער יונגער פאעט בן־א. סאכאטשעווסקי וועלכער האט באלד געפונען זיין וועג אין דער רעדאקציע פון „די צייט". זיין ערשטע פאעמע פון 23 סטראפן „א פסח ליד" איז דערשינען דעם 10־טן אפריל 1914 פון וועלכע איך ברענג דא די ערשטע צוויי סטראפעס:

זילבער ווייס די בארד די גרויע
אויף די ליפן שוועבט א שמייכל
און די שכינה א צושטיפטע
טאנצט ארום אין כישוף־היכל.
ווייס די קליידער ווי אין ווינטער
זילבער שנייערלעך אין פאלן
אויף דער שווארצער ערד די וויסטע
ווו עס לעבט דער מענטש אין קוואלן.

און אין נומער פון זונטאג דעם 3־טן מאי דערשיינט זיין צווייט ליד: „מאי לידער". ער הייבט זיך אן:

קומט, עס רופט דער מאי צום לעבן,
פריי און ברייט ציט זיך דער וועג.
בלומען דופטן, טרוימען שוועבן,
און עס ווינקלען צוקונפטס־טעג.

בן־א. סאכאטשעווסקי איז געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער אין דער רעדאקציע און האט זיך פארנומען אויך מיט אדמיניסטראטיווער ארבייט.

צווישן די צאל זאכן וואס זענען דערשינען פון סאכטשעווסקין אין „די צייט" אין פארלויף פון 1914 איז געווען: דעם 18טן מאי — „צוויי נשמות" (א באלאדע). דעם 15־טן יוני — „פריינט" (סקיצע). דעם 12־טן יולי — דער „יונגער קרבן" (א בלעטעל פון דער רוסישער רעוואלוציע). דעם 1־טן דעצעמבער — „טרוימען און לעבן" און דעם 14־טן דעצעמבער „די לעצטע נאכט".

(איך וויל דא באמערקן אז צווישן די מאטעריאלן וואס זענען פארבליבן

און צו וועלכע איך האב לעצטנס געהאט א צוטריט, געפינט זיך, אויסער וויכטיקע בריוו פון פארשידענע פערזענלעכקייטן אויך גאר א גרויסע צאל געדרוקטע זאכן אין „די צייט" און פיל מאנוסקריפטן וועלכע ווען, מיט דער צייט, קלאסיפיצירט ווערן און איבערגעגעבן ווערן צו געהעריקע אינסטי־טוציעס, לויט דעם ווונטש פונם נפטר.)

אין יאר 1913 האט זיך באזעצט אין לאנדאן א יונגער שרייבער פון ווארשע — יוסף ווייס, מיט זיין פרוי און קינד. ווען די מלחמה האט אויס־געבראכן, האבן זיינע קריסטלעכע שכנים, אין טשעלסי, אים אנגענומען פאר א דייטש און זיין ביסל ארימקייט ארויס געווארפן דורכן פענסטער. עס איז מיר געלונגען, מיט דער הילף פון א פריינט, סטעטין, אריבערצובריינגען די פאמיליע ווייס נאך ווייטשעפל און זיי באזעצט אין עטלעכע צימערן אין דער מייל־ענד געגענט.

דעם 2־טן יאנואר 1914 איז אין „די צייט" דערשינען זיין ערשטע סקיצע: „אויף א לאדזשע" אין דעם 14־טן יאנואר „א פאר פאלק", אבער, נאך דעם טרויעריקן עפיזאד אין טשעלסי איז, דורך דער פארמיטלונג פון סאכאטשעווס־קין, יוסף ווייס אריינגעטרעטן אלס שטענדיקער מיטארבעטער אין „די צייט". שפעטער, פלעג איך זיך אפט טרעפן מיט סאכאטשעווסקין ביי דער פאמיליע ווייס ווו א ווארעמע, היימישע אטמאספערע האט געהערשט.

דעם 4־טן יאנואר 1914 געפינט זיך שלום עליכם אין פאריז אויף א פארלעזונג־טור פון זיינע זאכן. („שלום עליכם בוך" זייטע 275) און דעם 8־טן יאנואר, דערשיינט אין „די צייט" זיינער א בריוו צו מענדל בייליס, נאך זיין באפרייאונג.

עס איז ווערט צו דערמאנען אז שלום עליכם האט דעם עלילת־דם ענין גענומען שטארק צום הארץ און אין זיינע בריוו צו פארשידענע פערזענ־לעכקייטן באריט ער די פראגע. איך וויל דא בלויז ציטירן א טייל פון א בריוו וואס שלום עליכם האט געשריבן צו זיינעם א פריינט, דעם באַ־ווסטן שריפטשטעלער אלכסנדר אמפיטעאטראוו, דעם 11־טן מאי 1911 פון באדענווייילער. („שלום עליכם בוך" ז. 237) צווישן אנדערעס שרייבט ער: „איך בין גליקלעך וואס איך האב מיך נישט טועה געווען אז איר, אלס אן אמתר קריסט (און געוויס אויך איער געערטער חבר מאקסים גארקי) האט באדארפט פילן גאר נישט פויגלדיק פון דער וואקכאנאליע פון שקרים וכזבים, רכילות און העצערייען וואס קומט פאר אין געוויסע קרייזן, וועלכע זענען דאך געבונדן מיט אייך מיט ברודערלעכע פעדים . . . לאז מיך ג.אט היטן אז איך זאל מאכן אנדערע פאראנטווארטלעך אין זאגן אז אלע קריסטן זענען בלוט דורשטיק . . . נאר איך שווער אייך בנאמנות, ווען עס טרעפט זיך אזא מעשה פארקערט, ד.ה. ווען יידן באשולדיקן קריסטן אין אזעלכע ריטואל־מארדן, ווי מען באשולדיקט אונז, וואלט איך פארברענט געווארן פון בזיון, ווען אפילו די דאזיקע יידן זאלן זיין נאך ערגער פון פוריש־קעוויטשן מיט מארקאוון צוזאמען דערפון איז נאך נישט געדרונגען אז

איר דאַרפֿט פֿאַרברענט ווערן — איך בין דאָס גאָר נישט אויסן, אַז מײַנע פֿרײַנט זאָלן ברענען . . .״

אין זײַן בריוו צו מענדל ביילים שרײַבט שלום עליכם:

„ליבער פֿרײַנט מנחם מענדל ביילים!

איך האָב אײַך ביז הײַנטיקן טאָג נישט געשריבן ווײַל דער טומל אַרום אײַך איז געווען צו גרויס. אַז איר קאָסט מיך געזונט גלײַך מיט אַלע ייִדן — דאַרפֿט איר אַליין גוט פֿאַרשטיין. און אַז איך האָב מיך געפֿרייט מיט אײַך — דאָס איז שוין גאָר איבעריק צו זאָגן.

איצט נעמט צו מײַן מזל טובֿ! לאָז גאָט געבן אַז איר זאָלט זײַן דער לעצטער, און די וועלט זאָל שוין מער נישט האָרכן ווי מען באַרעדט אונדזער אויסדערוויילט פֿאָלק, מען פֿאַרשמוצט אונדזער הייליקע תּורה און מען לעסטערט אונדזער אַלטן גאָט און דער אַלטער גאָט הערט און שווײַגט . . .

איך האָב באַפֿוילן צו מײַן אַרויסגעבער אין וואַרשע אַז מען זאָל אײַך צושיקן אַלע מײַנע מעשה־ביכלעך, 16 בענדער געשריבן אין אונדזער ייִדיש לשון — אַ מתּנה. עס וועט מיך פֿרייען אַז איר וועט אַמאָל אַרײַנקוקן אין זיי. פֿאַרגעסן די אַמאָליקע צרות. אַמאָל אַ לאַך טון און אפֿשר לאָזן אַ טרער.״

און ווײַטער וואָלט איך דאָך נישט געווען קיין ייִד ווען איך זאָל אײַך נישט געבן קיין עצה וואָס איר זאָלט טון אויף ווײַטער מכּוח אַמעריקע וכדומה. רעכן איך אָבער אַז אין עצות זענט איר נישט זשעדנע. טוט ווי אײַער אייגענער פֿאַרשטאַנד זאָגט אײַך און גריסט אײַער ווײַב און קינדער.

איך ווייס נישט אויב איר קענט מיך — איך בין אײַערער אַ „וועמליאַק״, איאַר 50 געוווינט אינם געבענטשטן קיעוו און מײַן נאָמען איז שלום עליכם״.

מיטן אָנפֿאַנג פֿון קריג דערשײַנט לעאָ קעניגס ערשטע פּאַריזער אײַנדרוקן וועגן דער לאַגע פֿון ייִדישע עמיגראַנטן און אונדזער אַ. מ. קייזערס אַ הומאָרעסקע „פֿון ווײַטשעפּל ביז דעם פּאַרלאַמענט״ (די צײַט״ 1־טן אויגוסט 1914).

שפּעטער באַזעצט זיך ל. קעניג אין לאָנדאָן און עס פֿאַנגען זיך אָן דרוקן זײַנע קריטישע אָפּהאַנדלונגען.

דאַמאָלס האָט זיך אויך געפֿונען אַבֿרהם רייזען אין לאָנדאָן און, דעם 10־טן אויגוסט 1914 דערשײַנט אין „די צײַט״ זײַנס אַ שלאָף־ליד וועלכעס דרוקט אויס די שטימונג פֿון יענער צײַט.

שאַ, מײַן קינד, ליג שטיל אין וויג,
פּיסלעך הענטלעך באַהאַלט . . .
אויף דער וועלט אַ גרויסער קריעג
מאַך די אויגן שטאַרקער צו
ליו־ליע קינד מײַנס ליו־ליו־ליו.

זוכסט דײַן טאַטעשי אַרום
נאָך זײַן בליק און נאָך זײַן גלעט
אַך מײַן אומשולדיקע בלום

ס'איז דיין זוכן אים צו שפעט
בלויז דיין מוטער ביי דיין וויג
און דיין טאטע איז אין קריג.

זעסטו דארטן אויפן טשוואק
עפעס שטום און טרויעריק הייבגט!
ס'איז דיין ליבן טאטנס ראק
און ער קוקט אזוי פארבייבקט . . .
מארגן נעם איך אים שוין צו
אליעליוליע, ליו־ליו־ליו!

מארגען שטעהן מיר פרי אויף —
ווער וועט שלאפן דען די נאכט!
און א פרישן בלאט איך קויף
וואס פאר אנייעס האט עס געבראכט?
ליו־ליע קינד מיינס ליו־ליו־ליו.

„די צייט" איז, אן צווייפל, געווארן די פאפולערסטע צייטונג אין לאנדאן. עס האבן זיך גרופירט ארום איר די מער פראגרעסיווע עלעמענטן און זי האט אפגעגעבן פיל פלאץ, טעגלעך, פאר א „פרייער פלאטפארמע" אין וועלכער ס'איז ארום גערעדט געווארן פארשידענע געזעלשאפטלעכע ענינים. אין פארגלייך מיט דער היינטיקער שטרענגער צענזור וואס איז איינגעפירט אין דער יידישער פרעסע, וועט יענע פרייע פלאטפארמע פארבלייבן אין זכרון אלס א מוסטער פון טאלעראנץ . . .

די מלחמה האט, פונדעסטוועגן, געמאכט א שלעכטע ווירקונג אויף דער צירקולאציע פון דער צייטונג און דעם 4־טן סעפטעמבער דערשיינט „די צייט" ווידער אין א 4 זייטיקן פארמאט.

אויפן שטייגער פון דער ווארשעווער פרעסע, קומט „די צייט" ארויס מיט א פרעמיע פון אלע מענדעלע מוכר ספרים'ס ווערק בלויז פאר 10 שילינג 6 פעניס און 20 קופאנעס פון דער צייטונג.

וועגן דער טעטיקייט פון דעם טעגלעכן „יידישן זשורנאל" און וועכענטלעכן „עקספרעס" וועט מיר, פיליכט, אויסקומען א צווייט מאל צו רעדן. איך וויל דא בלויז פארצייכענען אז דאנערשטאג דעם 3־טן דעצעמבער 1914 האט דער יידישער זשורנאל געמאלדן פאלגענדעס:

„די רעדאקציע דערקלערט אז: וועגן פארשידענע אורזאכן וועט דער יידישער זשורנאל א קורצע צייט נישט ארויסגעגעבן ווערן, ווייטערע אויספירלעכע אויסקונפטע וועלן מיר מיטיילן מיט א צירקולאר אין א קורצער צייט".

די אדמיניסטראציע

דאס איז געווען דער לעצטער נומער פון „יידישן זשורנאל".
„די צייט" איז פארבליבן די איינציקע צייטונג אין לאנדאן אבער, דער שותפות וואס איז געשלאסן געווארן צווישן מאריס מייער און ברוך וויינבערג איז אויך געקומען צו אן ענדע, אבער וועגן וועלכן איך געפון נישט פאר ראטזאם צו קאמענטירן . . .

יהודה ביעטש, ע״ה

(מיין ערשטע באגעגענונג מיט אים)

עס איז געווען אין הארבסט, 1950, ווען איך בין נאר וואס צוריקגעקומען פון קעמברידזש קיין לאנדאן, נאך דעם ווי איך האב דארט געלעבט גאנצע צען יאר. דאס טונקל־האמוטנע שער־בלעטל פון „לשון און לעבן" האט מיך נישט אפגעהאלטן פון קויפן דעם זשורנאל יעדעס מאל ווען איך האב געהאט א געלעגנהייט צו זיין אין לאנדאן, הגם לויט מיין חשבון איז דער „בלעק־אוט" שוין לאנג צוריק געווען אפגעשאפט. אבער דער זשורנאל האט נאך אלץ געטראגן אויף זיך אט יענע סמנים, וואס האבן אזוי פארשווארצט דאס לעבן אין די מלחמה־יארן. די טונקעלע שער־בלעטלעך האבן עפעס געמאכט דעם איינדרוק, אז „לשון און לעבן" קען זיך נישט ראפטום צוגעוואוינען צו די ליכטיקע שטראלן, וואס האבן זיך אנגעהויבן באווייזן אויפן האריזאנט . . .

אויסגעהונגערט ממש נאך א ביי, פריש יידיש ווארט, האב איך מיך נאכגעפרעגט וועגן יידישע ארגאניזאציעס, און מען האט מיר געראטן צו קומען אין באריבונג מיט „פריינט פון יידיש־לשון", וואס האלטן אפ זייערע זיצונגען אין ארבעטער־רינג, אויף גרעיט עילי סטריט.

צווישן די טישלעך, ביי וועלכע מען האט געגעסן „סאלדאטסקע" בזיתן ברויט מיט הערינג און פארטרונקען מיט „רוסישער" טיי, און די טישלעך, וואס האבן „געקרעכצט" אונטער די קלעפ פון די דאמינא „טאפל־זעקסן", איז איין טישל געווען באזעצט מיט א פיר־פינף יידן, פארטיפטע אין עפעס אן ערנסטן ענין. דער טומל פון די טיי־טרינקער און „טאפל־זעקסערביקעס" ארום איז געווען אין לשער, אבער ווי עס וואלט זיי נישט געארט זענען זיי עקשנותדיק זיך געזעסן ביים טישל, באנט איינער צום צווייטן, אז מען האט געקענט מיינען שטערן און בעז וועלן זיך צונויפשטויסן א ליאדע מינוט לכתחילה איז עס מיר פארגעקומען ווי דאס וואלטן געווען עקטרעמיסטן אדער קאנספיראטארן, וואס פלאנעווען עפעס אויסטערלישעס! איבערהויפט האב איך געהאט א חשד אויף איינעם, מיט א צעשויבערטן קאפ האר און אין א רוסישער רובאשקע. ער, אזוי האט זיך מיר געדאכט, מוז זיין א קרעמל־חברהמאן, וואס איז געקומען אנמאכן צרות אין ענגלאנד . . . איך האב דעמאלט בכלל נישט געאנט, אז אט דער „קאנספיראטאר" האט זיינע אייגענע צרות ביים ארויסגעבן דעם זשורנאל „לשון און לעבן".

א צופ טועגדיק דער בופעט־באַדינערין ביים ארבל, בשעת זי איז פאַר־בייגעגאַנגען, כדי זי צו פרעגן וועגן די „פריינט פון יידיש־לשון" קומען זיך צונויף, האט זי מיר געזאגט, אז זיי זיצן דארט איינגעבויגן ביים טישל, פאַר־טיפט אין זייערע ענינים. האב איך טאקע נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות און מיך „אריינגעשטופּט" אין זייער קרייז. דערזעען עפּעס אן אומגעבעטענעם גאסט, האבן זיך די אלע רוקנס אויסגעגלייכט און מען האט גענומען מיך אנקוקן (אן פאַרדאכט, כ'לעבן); און אזוי צום ערשטן מאל אין מיין לעבן האב איך מיך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט אן אינטעליגענטער פערזאָן, באַ־צירט שוין מיט זילבער־ווייסע האר, וואס האבן זיך געקרייזלט פון אונטן און צוגעגעבן צו זיין שמייכל א באזונדערן חן. עס איז געווען דער אונז אלעמען באַליבטער יהודה ביעטש, ע"ה.

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט יהודה ביעטש אינם קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש־לשון" אין משך פון א לענגערער צייט. תּמיד האב איך מיך געוואונדערט איבער דער געדולד, סבלנות און טאָלעראנץ ביי אים.

כדי צו זיין א פאַרזיצער אין א יידישן קאמיטעט דאַרף מען זיין אדער א מלאך אדער א „גזלן", האבן מיר יעדן דאך שוין אזא טבע — אפשר איז עס עפּעס א „היליקער" חוב — אז מען מוז ממש צוהעלפן א רעדנער, ווען ער באַקומט דאָס וואָרט . . . האגלט מען טאקע אויף אזא רעדנער מיט אויסרופן באַמערקונגען, סתּם עצות און אפילו זידלעריי, אפּגערעדט שוין פון „פויגט און ארדערס", אזוי, אז א זיצונג קען זיך, חלילה פאַרוואַנדלען אין א מאַסן־היסטעריע, אין א פּשוטער פּלוידעריי. וואלט עס מיר אויסגעקומען צו זיין פאַרזיצער ביי אַט אזא זיצונג, וואלט איך מסתּמא פשוט ארויסגעשפּרונגען פון דער הויט, ווער ווייסט צי איך וואלט אלעמען נישט געמאכט מיט דער בלאַטע צוגלייך אדער גאר צעשמעטערט קאָפּ מיטן האמער אנשטאט דעם אומשול־דיקן טיש, אבער נישט יהודה ביעטש, ע"ה. ווען ער פלעגט זעען, אז קלאַפּן מיטן קליינעם העמערל אויפן שאקלדיקן טישל וועט גארנישט פועלן, אז ער וועט שוין די וועלט נישט איבערמאכן, פלעגט ער אראָפּנעמען די עלנבויגנס פון טישל, זיך אויסגלייכן דעם רוקן, פאַרלייגן בהרחבה מיט די הענט און וואַרטן, מיט א שמייכל, ביז דער „שטורעם" וועט זיך אויסוואָפּן. ער האט זיך קיינמאל אזעלכעס נישט גענומען צום הארצן, נישט געאַרט וואס מען האט אזוי וויניק דרך־ארץ פאַרן פאַרזיצער, פון דערפאַרונג האט ער דאך געוואוסט, אז מיט אזא כל־הנערים טומל וועט מען קיין ענין אויף דער טאג־ארדענונג נישט לייזן. האט ער טאקע תּמיד געהאט האָפענונג אויף דער צוקונפט.

אין לויף פון די יארן איז אבער אויך די האָפענונג ביים אים אפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר ער האט זיך נישט געלאָזט דערשלאָגן דערפון. בעת מיינע אפטע וויזיטן, וואס איך האב געמאַכט ביי אים לעצטנס אין הויז, האב איך קיינמאל נישט באַמערקט קיין שום גרויסע ענדערונג אין זיין פּראַקטישן בליק אויפן גורל פון יידישן וואָרט, מיטן זעלביקן שמייכל אין די אויגן, מיטן זעלביקן

פארבייגן דעם קאפ אויף דער רעכטער זייט, האט ער אפט באטאנט, אז היות דער יונגער דור דערוווייטערט זיך פון אונז, בלייבט פאר אונז איבער בלויז איין וועג — זיך אויסצולעבן אונזערע יארן מיטן געדאנק וואס מיר זענען נישט געשטרויכלט געווארן פון דער אסימילאציע, וועלכע כאפט ארום א גרויסע צאל פון אונזערע אמאליקע יידישיסטן. „פארזוענלעך, בין איך צופרידן צו פארענדיקן מיינע יארן מיט האלטן מיך ביים זעלביקן פרינציפ, פאר וועלכן איך האב עקשנותדיק געארבעט מיין גאנץ לעבן".

אין געוויסע הינזיכטן קען מען פארגלייכן יהודה ביעטשן מיט באנטשיע שוויג, אויב נישט נאך העכער . . . איינער האט געטראגן שווערע פעק, כדי צו דערנערן דעם גוף, דער צווייטער — צו שפייזן די נשמה! נאר ביידע האבן עס אנגענומען באהבה און געשוויגן . . . פון איינעם האט מען געמאכט ס'געלעכטער און גערופן „לא יצלח" בפרהסיא, דעם צווייטן האט מען (אינם פאמיליען־קרייז) גערופן „לא יצלח" בסוד; און ביידע האבן געשוויגן . . . ווען באנטשיע שוויג איז אונטער דער לאסט געפאלן, האבן די רעדער אין גאס געמאכט א סוף צו זיין לעבן; ווען י. ביעטש איז אונטער זיין קולטור־לאסט געפאלן אין גאס, האט דער גאסן־פארקער קיין שליטה נישט געהאט איבער זיין קערפער! ער האט זיך פאמעלעך אויפגעהויבן . . . און געשוויגן. אפילו ווען עמיצער האט אים פארגעווארפן זיינע קליינע פארדינסטן, האט ער אויך אנגענומען פאר ליב און געשוויגן . . .

ווער קען וויסן וואס ער וועט זיך אויסקלייבן ביי דער פמליה של מעלה. אפשר א פוס־בענקעלע לעבן מענדעלע מוכר ספרים אדער י. ל. פרץ.

אסך יידישע שרייבער און קולטור־טוער באשמוצט מען און באליידיקט ביים לעבן, און די זעלביקע רכילותניקעס לויבן זיי נאכן טויט עד לב השמים. צום גליק דארף דער אונז אלעמען באליבטער יהודה ביעטש נישט דורכמאכן די שבעה מדורי גיהנום אויסצוהערן „לויב־געזאנגען" פון ביזוע ציינגער . . .

אין משך פון זיין לאנג לעבן האט ער נישט געהאט קיין איינציקן שונא; קיין רכילותניק און קיין אפשפעטער האט נישט געפונען קיין פגימה אויף זיין כאראקטער. ווער נאר עס האט אים געקענט, האט אים געאכט און געשעצט. אט־א די טרויערן נאך אים אויפריכטיק איצט, אז ער איז טויט.

איביקן כבוד זיין אנדענקען!

וועגן יידישע ביכער אין סאוויעטן־פארבאנד

דעם 1טן יאנואר, 1962, איז אין מאסקווע דערשינען דער ערשטער נו־מער פון א צוויי־חדשימדיקן זשורנאל, „סאוויעטיש היימלאנד", אונטער דער רעדאקציע פון א. ווערגעליס און מיט א תוכן פון הונדערט און זעקס און צוואנציק זייטן. דער אנהויב איז געווען א ראמאן, און דערנאך זענען גע־קומען אפהאנדלונגען איבער ליטעראטור און קונסט. דערצו איז נאך געווען ארט פאר דריי דערציילונגען און פאעזיע גאר אויבנאן.

הן אין פארמאט הן אין תוכן האט מען אינם זשורנאל גארנישט געענדערט ביז סוף יאר 1963.

אבער מיטן אנהויב פון יאר 1964 האט מען אט דעם זשורנאל פאר־גרעסערט ביז אויף הונדערט און זעכציק זייטן און זינט יאנואר, 1965, דער־שיינט שוין „סאוויעטיש היימלאנד" יעדן חודש און אין הונדערט און זעכציק זייטן! ארויסגעגעבן ווערט דער זשורנאל דורכן מלוכה פארלאג: „סאוויעטסקי פיסאטיעל".

אויך א ריי יידישע ביכער האבן אנגעהויבן דערשיינען אינם זעלביקן פארלאג. דאס ערשטע בוך, „אזוי לעבן מיר", איז דערשינען אין דעצעמבער, 1964, מיט אן אינהאלט פון פיר הונדערט און פינף און אכציק זייטן. אין אט דעם בוך באטייליקן זיך סך־הכל ניינצן היינטצייטיקע יידישע שרייבער, וואס יעדער איינער פון זיי גיט איבער אויף זיין אייגענעם אופן וויאזוי עס דער־גייט יידן אין סאוויעטן־פארבאנד, מיט וועלכע פאכן און פראפעסיעס זיי פארנעמען זיך, וואו זיי וואוינען און, בכלל, וויאזוי עס זעט אויס די יידישע סביבה. אזוי ארום באקומט מען א בילד בנוגע דעם ביישטייער פון די סאוויע־טישע יידן צו טובת־הכלל.

נישטא מער די אמאליקע „לופט־מענטשן"; שלום־עליכמס „מנחם מענדל" „וואיאזשארן", „קאנקורענטן" און דעסגלייכן זענען פארשוואונדן. עס שטייען איצט פאר אייך פראדוקטיווע מענטשן, פראפעסארן, אינזשעניערן, טראק־טאריסטן, געאלאגן, פילאטן, עלעקטראטעכניקער, מאשיניסטן מכל המינים — נייע, גאר שטריכן אינם פאלקס־כאראקטער: נייער שטייגער, נייע פסי־כאלאגיע ביי אט די סאוויעטישע יידן.

צולעצט אינם בוך — קומט א, ווערגעליסעס טאג־ביכל, אין וועלכן ער גיט איבער איינדרוקן זיינע פון א נסיעה קיין אמעריקע במשך פון צוואנציק טעג. אין דער לעצטער פארנאטירונג, דאטירט 3טער דעצעמבער, 1964, לייענען מיר צווישן אנדערן, אז „נישט אלץ האב איך באוויזן צו זען און נישט אומעטום בין איך געווען גערעכט. איין זאך קען איך זיך אבער דער־לויבן צו זאגן: אין טאג־בוך איז אלץ באשריבן אזוי ווי ס׳איז געווען — גארנישט איז צוגעטראכט און נישט צוגעפוצט"...

איצט איז אין זעלבן פארלאג דערשינען א צווייט בוך, „האריזאנטן", עס איז א זאמלונג פון לידער, באלאדעס און פאעמעס פון פופציק היינטצייטיקע יידישע דיכטער. נאך זעקס יידישע ביכער גרייט מען צום דרוק און זיי דארפן דערשיינען נאך במשך פון יאר 1965.

באטירלעך, וואלט מען געדארפט אויפנעמען מיט ענטוזיאזם דאס ווידער־דערשיינען פון יידישע ביכער אין סאוויעטן־פארבאנד. צום באדויערן אבער

איז דאס ביי אונז יידן אין די מערב־לענדער נישט דער פאל.

איך האב דעם רעדאקטאר פון „לשון און לעבן" געגעבן דאס בוך, „אזוי לעבן מיר", אויף א „ליטערארישן שבת־נאכמיטאג", וואס איז אפגעהאלטן

געווארן לזכרון ח. נ. ביאליק. דער הויפט־רעדנער ביי אט דער געלעגנהייט איז געווען איינער א בקי אין תנ״ך און תלמוד. אבער ווען יענער האט בלויז א קוק געטון אויפן בוך „אזוי לעבן מיר״, האט ער גלייך געגומען קוועטשן מיט אן אקסל און זאגן: „עט, מסתמא פראפאגאנדע״! וויאזוי די שכינה האט זיך צו אים אזוי שנעל באוויזן און אים מפרש געווען דאס „הייליקע״ ווארט פראפאגאנדע נאך דעם ווי ער האט אדורכגעבלעטערט א צוויי־דריי זייטלעך, ווייס איך באמונות נישט.

עס איז אבער א שלעכטער סימן — נישט פארן בוך, חלילה — ווען א בקי אין תלמוד מאכט אוועק מיט דער האנט א בוך, וואס ער האט אפילו רעכט נישט אנגעקוקט. אזעלכן פעלט אפשר א שטיקל סאציאלער חוש, אויב ער מיינט טאקע, אז אלע יידישע שרייבער אין סאוויעטן־פארבאנד האבן זיך פארנומען בלויז מיט מאכן פראפאגאנדע אין משך פון די לעצטע פיר יאר.

כדי צו מאכן פראפאגאנדע צווישן מענטשן, וועמענס מיינונגען זענען איינעם גוט באקאנט און מיט וועלכע מען רעכנט זיך בכלל נישט, דערצו דארף מען נישט זיין קיין תלמודיסט. וואו אייגנטלעך אין תלמוד זאגט עס זיך, אז ס׳איז א יושר צו פארמשפטן עמיצן אן א משפט?

א בריוו פון אן עלטערמומע צו איר פלימעניק (סאטירע)

מיין טייערער פלימעניק, ישראליק, אלס דיין איינציקע עלטערמומע פון טאטנס צד, וואס דער גורל פון דיין פאלק שטייט מיר נאנט צום הארצן, ליגט אויף מיר א חוב צו שרייבן צו דיר, כדי אויסצודריקן וואס איך פיל בנוגע דיין מאראלישער שטעלונג, וועלכע דו נעמסט אן אין דער איצטיקער סיטואציע. יא, ס׳איז טרויעריק וואס די וועלט ליגט אויף דיר די שולד פאר אט דער דאזיקער סיטואציע.

ס׳קען זיין, אז דו ביסט איבערראשט און אנטוישט הלמאי איך און דיין פעטער סעם און דיין פעטער גאל־דע אין פראנקרייך וויזן נישט ארויס קיין איבריקן ענטוזיאזם צו דיין שנעלן נצחון איבער דיינע שכנים, וואס האבן דיך כסדר געסטראשעט מיט געגצלעכער פארניכטונג. אפשר ביסטו גאנץ אנטוישט מיט דיין פראנצויזישן פעטער, וועלכער האט ביז נישט לאנג צוריק דיר געליפערט „מיראזשן״ און איז פלוצלינג געווארן א נייטראליסט (נישט פאר מיר געדאכט!).

קען איך דיר זאגן, מיין ליבער ישראליק, אז אייגנטלעך איז די שולד דיינע. האט דאך קיינער עס פון דיר נישט דערווארט אפצוהאלטן א נצחון איבער אלע דיינע שכנים אין משך פון זעקס טעג! אודאי ווייסט יעדער איינער, אז מען האט דיך פראוואצירט, אבער וואס מיר קענען דיר נישט אזוי לייכט מוחל זיין איז דיין אנצוהערעניש צו האבן געוואונען די מלחמה. לאמיך דיר זאגן פראסט און פשוט, מיין טייערער, אז אזעלכע ווערטער ווי געווינען א מלחמה זענען ארויס פון דער מאדע. מען מוז זיך רעכענען, גאנץ

איינפאך, מיטן פסיכאלאגישן עפעקט, וואס דאס קען האבן אויף די פאר־שפּילטע, און וואס מכוח „הומאניטעט", „מיטלייד" און „מידת רחמנות"? איבערהויפּט ווען אט די דאזיקע זענען עס די שולדיקע אין פּראוואצירן צו א מלחמה.

מילא, וואלט עס זיך דא געהאנדלט אין גובר זיין בלויז איין שונא, וואלט די זאך זיך נאך געלייגט אויפן שכל. אבער דו גייסט און האלטסט אפּ א נצחון אזש איבער דריי שונאים אין זעקס טעג. דאס זעסטו זענען שוין מעשים נישט מוחל צו זיין און נישט צו טאלערירן.

געוויס קען זיין, אז זיי וואלטן נישט געווארן אזוי פארביטערט אין דער־שלאגן ווען דער רעזולטאט פון דער מלחמה וואלט, רחמנא לצלן, געווען א פארקערטער. אבער דיר איז גאר איינגעפאלן זיי צו געבן א טויט־קלאפּ בשעת זיי האבן נאך כסדר געהאלטן אין איין חלומען פון א כשר מיטאג אין תל־אביב און דא אײדער זיי האבן נאך באוויזן זיך אפּצוגיסן נעגל־וואסער איז שוין געווען כמעט „נאך יזכור".

איך קען דיר פארזיכערן, ליבער פלימעניק, אז ביז צו דער סאמער לעצטער מינוט האסטו געהאט די מיטלייד פון דער גאנצער משפחה. אט זעען מיר דיך ארומגערינגלט, נעבעך, מיט שונאים פון אלע זייטן, גרייט דיך צו פארניכטן. מיר זענען געווען טיף גערירט. אין אזא יאושדיקער לאגע האסטו געדארפט שטיין מיט פארלייגטע הענט, ווי בשעתו טראצקי ביי בריסק־ליטאווסק און זיך פארלאזן אויף ג־אט. מעגלעך, אז מיט עטלעכע שעה שפעטער וואלטן דיינע תכסיסי־מלחמה מער נישט ווערט געווען קיין צעקוועטשן דרייער, אבער קיינער וואלט דיר דאך נישט געקענט ווארפן אין פנים אריין דאס ווארט „אנגריפער, אגרעסאר". ווער ווייסט, אפשר וואלט מען דאס ווארט געווארפן דיינע שונאים אין פנים אריין.

אבער אויף אייגענער אחריות האסטו באשלאסן צו זיין „דער ערשטער אויפן ירידי"! צו געבן, ווי מען זאגט, דעם ערשטן שאס, נישט רעכענענדיק זיך מיט די געפילן פון דיינע שכנים און אויך נישט מיט די געפילן פון דיינע פעטערס און מומעס, ווייסטו דען נישט, אז די משפחה וואלט דיר צוהילף געקומען אין אן עת־צרה? אין ערגסטן פאל, האבן מיר אלע געהאט גרייט אייניקע שיפן צו ראטעווען עטלעכע טויזנט יידן פון געוויסער פאר־ניכטונג און די גאנצע ציוויליזירטע וועלט וואלט דאך זיי ארויסגעוויזן די גרעסטע מיטלייד!

איינמאל פאר אלעמאל זאלסטו וויסן, אז אין די היינטיקע צייטן טאלע־רירט מען נישט קיין פאלק, וואס געווינט א מלחמה. דערפאר טאקע היט זיך דיין פעטער סעם צו ווערן זיגער אין זיין אייגענער מלחמה אין וויעט־נאם. וויל זיך פשוט נישט פארשווארצן ס׳פנים פאר דער וועלט.

דעם אמת געזאגט, בין איך אמאליקע צייטן אליין געווען פארשיכורט און געוואונען אייניקע מלחמות דא און דארטן. איך באדויער זיי עד היום. איצט נאך צוואנציק יאר ווי איך האב אויפגעהערט צו געווינען מלח־

מות, האט די גאנצע פינאנציעלע וועלט רעספעקט פאר מיר. מען שטופט מיר ממש געלט אין די קעשענעס אריין. ווייל איך געבן אינדיען א דרייסיק מיליאן פונט אדער פארשטופן ירדן דאס מויל אדער אדען און אנדערע נויטבאדערפטיקע, גיב איך א פיפס קיין באזל און די באנקירן דארט באווארפן מיך הונדערטער מיליאנען פונטן. זיי האבן ליב זיך צו חברן מיט בעלי־צדקה.

נו, זעסטו שוין איין, אז דו דארפסט דיך לערנען פון עלטערע לייט נישט צו באגיין נאכאמאל די זעלבע נארישקייט ? ניין, ס׳איז נאך נישט צושפעט פאר דיר חרטה צו האבן אויף דיינע זינד. באדארפסט בלויז פאלגן וואס איך שלאג דיר דא פאר :

ערשטנס, דו זאלסט אפגעבן דיינע שכנים יעדעס ברעקל טעריטאריע, וואס דו האסט אקופירט.

צווייטנס, דו זאלסט צוריקגעבן רוסלאנד אלע נייע „מיגס״, טאנקען און קאנאנען, וואס די עגיפטער האבן ביי דיר איבערגעלאזט, ווייל זיי זענען געווען צופיל מיטצונעמען מיט זיך אדער זיי האבן פשוט נישט געהאט קיין אנדער ברירה.

דריטנס, דו זאלסט מיט אייגענע כחות אויפשטעלן בעסערע באטקעס פאר דיינע שכנים ווי די, וואס זענען געפאלן „כורעים״ ווען דיינע טאנקען זענען בלויז פארבייגעפארן.

פירטנס, דו זאלסט צוריק אויפשטעלן זייערע פעסטונגען, וואס איך איילע־ניש דו האסט צעשמעטערט.

פינפטנס, דו זאלסט צוריקברענגען אין ארדנונג זייערע לופט־פעלדער. זאלסט אבער אכטונג געבן נישט צו מאכן קיין האלבע ארבעט.

זעקסטנס, דו זאלסט זיי נישט מאכן דעם איינדרוק, אז דו טוסט דאס אלץ אויס מאטיוון פון צדקה, ווייל די אראבער האבן פיינט צדקה, טו עס מיט א שמייכל אויף די ליפן און אנטשולדיק דיך פאר זיי פאר דער איבער־קערעניש אין זייערע לענדער. טאמער ווערן זיי נתפעל דערפון און באטראכטן דיך פאר א חסר־דעהניק, זאלסטו דיר מאכן נישט וויסנדיק. זאל דיינס איבער־גיין צו זיי, און פארשאף אונז מער נישט קיין עגמת־נפש. מעגסט אונז גלויבן, אז מיר האבן אונזערע אייגענע צרות.

האפענלעך וועסטו דיך באציען ערנסט צו מיינע עצות. נאר טאמער נעמען זיך דיינע שכנים ווידער צו זייערע היגטישע שטיק, זאלסטו מיך באלד לאזן וויסן, כדי איך זאל צווינגען די פאראייניקטע פעלקער־ארגאניזאציע זיי צו זאגן א פאר הארבע ווערטער — היגטער די קוליסן. איך און דיין פעטער סעם האבן דארט די גרעסטע דעה . . .

דיין ליבהארציקע עלטערמומע, בריטאניע.

ווער זענען דאס „די נעמער"?

(צו ש. י. הארענדארפס ארטיקל אין „לשון און לעבן")

איך ווייס נישט וואס ס'האט באוויגן פריינט הארענדארף ארויסצוקומען מיט א פארשלאג לטובת דייטשע געלטער. איך האב א פארדאכט, אז טיף אין זיין הארץ איז ער אליין א קעגנער פון אזעלכע געלטער; אנישט, וואלט ער זיך נישט אויסגעדריקט אזוי „וואלגאריש" וועגן די לייט, „וואס זיצן ארום דער דייטשער געלט־שיסל" יענע, וועלכע האלטן כסדר אין נעמען און ווילן נאך, באנוצן זיך מיט א מער פאסיק ווארט: זיי האבן ספעציעל צוגעפאסט א ווארט, וואס פאסט זיך בעסער און שענער צום ענין — „שילומים"! זיי האבן באריכערט די העברעאישע שפראך אין אזא היילעניש, אז צאנין אין זיין העברעאיש־יידיש ווערטערבוך האט נאך אפילו נישט באוויזן עס צו פאר־טייטשן אויף יידיש . . .

אזיווי ס'וואלט פארנומען צופיל פלאץ זיך ארייננצולאזן אין לאנגע חקירות, וויל איך בלויז פרעגן: וועלכער פון די „צוויי זיך באקעמפנדיקע צדדים" (ש. י. ה. ווערטער) שטייט אויף א העכערער, מאראלישער שטופע — דער ייד, וועלכער רעכענט זיך נישט מיט די געפילן פון די לעבנגעבלי־בענע קרובים און האט אנגעפאנגען אויף אייגענער אחריות א ווילדע געיעג נאך שילומים־געלטער, „די נעמער", אדער דער צד, וועלכער איז נישט געשטרויכלט געווארן און שטייט פעסט ביי דער מיינונג, אז ס'איז נידער־טרעכטיק צו זיצן פנים אל פנים מיט מענטשן(?) און פארשאכערן דעם זעלבסט־רעספעקט פון זיך אליין און דעם כבוד אין ווירדע פון מיליאנען קדושים?

דעם 16־טן יולי, 1942, זענען אין פאריז אין איין נאכט ארויסגעשלעפט געווארן פון די בעטן דרייסיק טויזנט יידישע נפשות: זויג־קינדער, זקנים, קראנקע און אפילו פאראליזירטע! עדות, וואס האבן בייגעוווינט די טראגישע סצענעס שאצן אפ, אז נאר דער טייוול אליין האט געקענט צוטראכטן אזעלכע יסורים פאר יענע הילפלאזע אין דעם ספארט־פאלאץ „וועלעדראם ד'היווער", ווו מען האט זיי געהאלטן עטלעכע טעג פארן אפטראנספארטירן צו דער שחיטה קיין אוישוויץ. וויל איך פרעגן: וועלכע הויכע אינסטאנץ האט עס באויפטראגט עמיצן אפצושאצן אין דאלארן דעם ווערט פון יענע פאריזער קרבנות און וואס צו טון מיטן געלט? וואלט מיין ברודער, וואס איז מיט זיין פרוי און זון געווען צווישן די פאריזער קדושים, באשטאנען אז זיין נאמען זאל דערמאנט ווערן אין א לעקסיקאן וועלכן מען וועט ארויסגעבן מיט אזא געלט? אבער ווען מיר, קרובים פון די יידישע שרייבער אין פאריז, האבן זיך גע־ווענדעט מיט א פעטיציע צו די ארויסגעבער פון לעקסיקאן נישט צו דרוקן די נעמען פון אונזערע אומגעקומענע, האט מען די בקשה איגנארירט; און מיין ברודערס ביאגראפישע נאטיצן דערשיינען אין ערשטן באנד!

אט דאס זענען „די נעמערס"!

דערפאר וואס מיינע צוויי געבורט־שטעטלעך — ביאלע און מעזריטש — זענען געווארן „יודנריין" און ס'איז אפילו נישט געבליבן קיין סימן פון א

בית־הקברות, דארף דער ייוו״א געמען געלט פון די רוצחים אויסצופארשן דעם חורבן, וועלכן זיי, די מערדער, האבן דארט און אין הונדערטער אנדערע שטעט און שטעטלעך אנגעמאכט?... וואלט עס נישט געווען שענער און דערהויבענער ווען דאס געלט פאר אזא וויכטיקער ארבעט קומט פון יידישע קוועלן, פון אונזערע רייכע אמעריקאנער יידן אין מיאמי, קאליפארניע, און אפילו פון יידן אין ענגלאנד, וועלכע ווארפן זיך מיט מיליאנען פאר נישט־יידישע צוועקן? האבן זיך די גרינדער פון ייוו״א אין ווילנע פארלאזט אויף דייטשער הילף? און פאר דעם אומקום פון הונדערטער טויזנטער אונגארישע יידן דארף מען האלטן אין איין בויען לוקסוס־סינאגאגעס און ישיבות אין אמעריקע און אין ענגלאנד, כדי די נייע נאציס זאלן האבן מער ווענט צו פארפאטשקען מיט סוואסטיקאס? וואס מיינען „די בעמער" אז מיט אזא „פרומקייט" וועלן זיי מער נושא חן זיין ביי ג־אט ווי, למשל, דער ארימער הלל הזקן, וועלכער האט געפרווירן אויפן בית־המדרש דאך צו הערן תורה? זענען די ישיבות אין דער אלטער היים אויך אויסגעהאלטן געווארן פון אזעלכע טריפהנע מטבעות? דאס צעטל איז צו לאנג און צו טרויעריק.

פריינט הארענדארף קלאגט אויפן וויסטן גורל פון דער יידישער פרעסע אין לאנדאן. לאמיר זיך נישט פארבלענדן די אויגן. דאס איינציקע פראקטישע מיטל צו זיכערן די עקזיסטענץ פון א וואכנצייטונג און א חודש־זשורנאל ליגט נישט אין „כאפן א מינימאלן שיריים" פון דער „געלט־שיסל", ארום וועלכער פארשיידענע כביאקעס און „קולטור"־קאכלעפל טאנצן שוין לאנג אויף טיש און אויף בענק, נאר אין די הענט פון די יידיש־לייענער! ווען בלויז פינף פראצענט פון די יידן אין ענגלאנד וואלטן זיך געלאזט קאסטן פיר פענעס א טאג פאר א יידישער צייטונג, וואלט אין לאנדאן געקענט דערשיינען א טאג־צייטונג, א וואכנבלאט און א חודש־זשורנאל; און פאר נאך צוויי פענעס א טאג — א שיין יידיש טעאטער!

אבער ווער דארף „יידישע קולטור", וואס שטיצט זיך אויף דייטשע זייף־פאבריקאנטן און אבאזשור־פאבריקאנטן, וועלכע פאבריצירן זייער סחורה פון דער הויט און ביינער פון אונזערע נאנטע?! דערפאר מאכט מען עס הזכרות נאך די ווארשעווער געטא קדושים, כדי לאנדאן זאל האבן א פרעסע און לייענער און פארשיידענע מעקלערס זאלן ארומלויפן אין די בעסטע האטעלן?

פריינט הארענדארף שרייט אויס: לאגיק, רבותי, אביסעלע יידישע לאגיק! אויב ס׳איז לאגיש צו מיינען, אז אזויווי „די בעמער" זענען שוין היינט אין דער מערהייט, באגייען זיי נישט קיין זינד, איז ג־אט נישט געווען לאגיש ווען ער האט פארניכטעט סדום... דארט זענען זיי אויך געווען אין דער מערהייט.

און דאן פארענדיקט פריינט הארענדארף זיין ארטיקל מיט א קשיא: „אז דער רבי מעג, טא פארוואס טארן מיר נישט?" ס׳ווענדט זיך וואס דער רבי מעג... אויב א רבי, ר״ל, אנטלויפט מיט א שיקסע אדער שמדט זיך, איז עס דערפון געדרונגען, אז זיינע ישיבה־בחורים מעגן אויך אזוי טון? לאגיק, פריינט הארענדארף, אביסעלע יידישע לאגיק!...

אלס ערן־סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש לשון" און קאמיטעט־מיט־גליד אין משך פון לאנגע יארן, קאן איך פעסטשטעלן, אז אין די לעצטע אכט יאר איז דער פארשלאג פון „כאפן שיריים" פון דער געלט־שיסל צוויי־מאל איינשטימיק אפגעווארפן געווארן.

פארגעסן און פארגעבן?

אויף דער איניציאטיוו פון דער יוגנט־סעקציע פון „וועלט־פארבאנד פון פראגרעסיוון יהדאיזם" אין אילפארד — א פארשטאט אין מזרח־לאנדאן — האט מען אויסגעארבעט א פלאן אריבערצוברענגען זיבעצן יונגע קריסטן פון מערב־דייטשלאנד אויף צוויי וואכן וואקאציעס אלס געסט אין יידישע הייזער.

רעוו. ל. ה. הארדמאן, דער ערשטער צו באטרעטן דאס בעלזן־גיהנום נאך דער נאצי־מפלה און וועלכער האט פערזענלעך מיטגעהאלפן קובר צו זיין דרייסיק טויזנט יידיש מתים דארטן, האט אין א בריוו צו דער „דזשואיש קראניקל" אויסגעדריקט זיין צווייפל צי אט אזא אונטערנעמונג קען ברענגען נוצן. ער באשולדיקט נישט דעם נאך־מלחמהדיקן דייטשן דור פאר דער בעסטיאלישער היטלער־עפאכע, ער פרעגט בלויז צי וואלטן אט די דאזיקע יוגנטלעכע זיך געשטעלט אין קאמף אויף לעבן און טויט אויב עס וואלט ביי זיי אויפגעשטאנען א נייער היטלער!

וואס פאר א פעולה אבער קען אזא ארגומענט האבן אויף יוגנטלעכע וועלכע שטייען אונטער דער השפעה פון „פראגרעסיווע יאהודים", וואס מיי־נען, אז דער איינציקער וועג צו שלום און אחדות אויף דער וועלט איז צו פארגעסן אין די זעקס מיליאן יידישע קרבנות פון היטלעריזם און צו ווערן פריינט מיט דער מערב־דייטשער יוגנט? זיי דארף מען דאך נישט פאר־געבן . . . זיי ווייסן דאך, נעבעך, פון גארנישט . . . פארגעבן דארף מען נאר דעם עלטערן דור דייטשן, וואס האבן נישט דערלאזט, אז זייערע קינ־דער זאלן זיך, חלילה, דערוויסן פון וואס פאר א צוררי היהודים זיי שטאמען . . .

און דעם פלאן האט מען אדורכגעפירט, כדי איבערצוציגן די עלף דייט־שלעך און די זעקס פריילנס, אז יידן האבן שוין פארגעסן און פארגעבן, האט מען אייניקע פון זיי אריינגעגעבן אין יידישע הייזער, וואס די בעלי־בתים זייערע זענען אליין די איינציק לעבנגעבליבענע, האבנדיק פארלוירן זייער גאנצע משפחה.

אזוי, למשל, האט מען איינקווארטירט א זעכצן יאריק דייטשל ביי א פאמיליע, וואו די פרוי האט פארלוירן אירע עלטערן, פיר ברידער, צוויי שוועסטער און באבע־זיידע. זאגט דאס דייטשל צו איר, מיט א פארצארט, געברויזנדיק „זיקדערזע" אין היגטערגרונט, אבער זיין היימיש־געבירישע און ווייס גארנישט פון זייערע מנהגים און טראדיציעס" („סאנדיי טיימס, 2טן אקטאבער, 1966). נאך אזא „אטעסטאט" איז פשוט אוממעגלעך אים נישט אפצוגעבן א „ברוך הבא" . . .

א צווייטער פליכטלינג און זיין פרוי און צוויי יונגע קינדער האבן זיך

איינגעהאנדלט א פינף און צוואנציק יאריקע פריילן, און זענען גאנץ וואר־שיינלעך צופרידן מיט דער מציאה זייערע. יענע האט זיך מתוודה געווען פאר דער פאמיליע און אזוי געזאגט: „אונזער יוגנט (אחוץ דאס זעכצן יאריקע דייטשל) ווייסט, אז וואס ס׳האט פאסירט מיט די יידן איז זער שלעכט. אבער מיר זענען ערנסט אנטשלאסן צו פראבירן דאס אלץ אויסצובעסערן״. איר פארשטייט?

קודם קומט דאס דייטשל און דערקלערט, אז ער ווייסט גארנישט וואס עס טוט זיך ביי יידן — אפשר האט די פרעסע אויסגעמיטן צו דערמאנען, אז ער האט גארנישט געוואוסט צי ס׳איז דא יידן אויף דער וועלט? — און דאן קומט דאס פריילן און געפינט נישט קיין הארבערע ווערטער אויסצו־דריקן איר גרימצארן קעגן דעם חורבן, זייענדיק ערנסט גרייט צו פרובירן מאכן אויסבעסערונגען. עס הייסט, אז ביז איצט, פינף און צוואנציק יאר נאכן חורבן, האט מען נאך אפילו נישט געטראכט וועגן פרובירן. ס׳קען גריילעך זייך, אז וואלט זי נישט געווען צוגאסט ביי יידן, וואלטן די דאזיקע רייד נישט ארויס ביי איר פון מויל.

אויב די „פראגרעסיווע יאהודים״ האבן פארויס איינשטודירט מיט די דייטשלעך און זייערע פריילנס וואס פאר א דרשות זיי דארפן האלטן אין יידישע הייזער, האבן זיי גארנישט מיט וואס זיך צו בארימען פאר זייער דערפאלג.

צו מאכן די פריינטשאפט און שמחה פאר די דייטשלעך און זייערע פריי־לנס א פולשטענדיקן דערפאלג, האט מען שבת חול־המועד סכות איינגע־ארדנט א טאנץ אין סינאגאגע־זאאל, וואו יידישע ייִנגלעך און מיידלעך האבן געהאפקעט מיט זייערע געסט דעם גאנצן אוונט. דאס געשפרעך צווישן דער יוגנט איז נישט געווען איבער ראסן־האס, נאר איבער מער קולטורעלע טעמעס, ווי פילמען, מאדעס און מוזיק.

די יידישע יוגנט איז געווען טאקטיש גענוג אויסצומיידן יעדע פראזא־אישע טעמע, וואס וואלט געקענט פארשטערן די שמחה ביי זייערע געסט. האבן דאך די דייטשן אזעלכע שארפע, ראפינירטע אויערן פאר מוזיק; אויערן, וואס זענען טויב צו די ווייי געשרייען עד לב השמים יארן לאנג; אנדערש אבער איז עס ווען עס קומט צו קולטור, קונסט, מוזיק...

איצט בלייבט פאר די „פראגרעסיווע יאהודים״ אין אילפארד איינצו־ארדנען וואקאציעס פאר זייער אייגענער יוגנט אין די הייזער פון אט די דייטשלעך און פריילנס. הארטן וועלן זיי מסתמא קומען פנים־אל־פנים מיט די פאטערס און זיידעס, וואס האבן בידים מיטגעהאלפן צו פארניכטן די משפחות פון זייערע אייגענע עלטערן. אבער אזעלכע הייזער געפינען זיך דאך נישט אין דייטשלאנד...

א יידישע פרוי, מיט אן ערך צען יאר צוריק, האט מיר געזאגט, אז ווען די רוסן זענען געקומען באפרייען די לעבנגעבליבענע אין א טויטן־לאגער, האט זי ליבער געוואלט בלייבן אין לאגער ווי אריינפאלן אין רוסישע הענט!

די מענטשלעכע מחשבה איז ממש אומבאגרייפלעך, וואס מער מען גרי־בלט זיך, אלץ שווערער איז צו געפינען אן ענטפער אויף די אומלאגישע, אומפארשטענדלעכע רעזולטאטן און מעשים פון מענטשלעכן געדאנק . . .

„קיין צוקונפט" פאר יידיש

פאר די לעצטע יארן זענען שוין פארגאסן געווארן טייכן טרערן אויף דעם „אונטערגאנג" פון יידיש אין ענגלאנד. דער „חורבן" איז אזוי גרויס, אז דער אפקלאנג פון דער „טראגעדיע" האט זיך אזש דערטראגן מחוץ למחנה, צו דער ענגליש־יידישער פרעסע וועלכע איז, נאטירלעך, זער „פארצווייפלט" און ווי געוועינלעך אין אזא פאל, בלייבט איין מיטל — טרייסטן . . .

איינער פון די אויפריכטיקסטע טרייסטער איז, נעבעך, דער ה׳ וויטריאל אין דער „דזשואיש קראניקל". זיינע טרייסט־ווערטער דערקוויקן פשוט די נשמה און זיין פארזיכערונג אז יידיש גייט אונטער און מיר דארפן זיין צו־פרידן וואס די שפראך שטארבט מיט א נאטירלעכן טויט, איז אזוי איבער־ציגענד, אז איר פילט ווי אבארג קייקלט זיך אראפ פון הארץ און עס ווערט אייך לייכטער איבערצוטראגן דעם וויטיק.

טאמער אבער, חלילה וחס, פארגנבעט זיך ביי אייך א ברעקל צווייפל און איר פאנטאזירט אז יידיש איז גאר נישט אזא חולה מסוכן, שפרינגט גלייך וויטריאל ארויס און מיט טרערן אין די אויגן ברענגט ער אייך פאקטישע באווייזן אז אלעס איז קאפוט, אז די ענדע איז אבסאלוט אומפארמיידלעך.

די באווייזן? פרעגט שוין גאר נישט! אט האט ער לעצטנס ארומשפא־צירט אין עטלעכע יידישע בוכהאנדלונגען (לעכצנדיק מסתמא, נאך א יידיש ווארט) און זיך נאכגעפרעגט אויף מאנגערס און סוצקעווערס ביכער און נישט געקענט באקומען קיין איין בוך אפילו פאר א רפואה. איינער פון די בוכ־הענדלער האט זיך זאגאר אויסבאהאלטן נישט גענודיעט צו ווערן. איין בוכהענדלער האט, קוים מיט צרות, געברענגט צו שלעפן עטלעכע שלום אש׳ס ביכער.

א פשוטער ייד וואלט, נאטירלעך, נאך אזא דערפארונג, נישט צוגעלייגט קיין פעדער צום נאז פון דעם „חולה". ער וואלט געקומען צום באשלוס אז די „יידישע" בוכהענדלער ווילן בעסער אנפאקן זייערע פאליצעס מיט ענג־לישע און העברעאישע פעטע, שיינע בענדער אנשטאט ארעמע יידישע ברא־שירטע ביכער. אדער, בעסער געזאגט, ער וואלט באשולדיקט דעם „יידישן" בוכהענדלער אין העלפן צו פארקירצן די יארן פון יידיש און פאראורזאכן זיין אומנאטירלעכן טויט. וויטריאל איז אבער צופרידן זיך אנצוכאפן אין א ליאדע פריטשעפקע צו געבן יידיש א טויט־קלאפ. איי אונזערע רייכע יידן וועלן בעסער סובסידירן יידיש־ענגלישע אויסגאבן אנשטאט ריין יידישע, מחמת אויך זיי, פונקט אזוי ווי די „יידישע" בוכהענדלער, ווארטן אויף דער מינוט ווען יידיש וועט צומאכן די אויגן — דאס וויל ער נישט באמערקן. ער דערקלערט ווייטער, אז ער איז נישט קיין קאסמאפאליט, פאלגלעך איינ־

טרעסירט אים נישט דער יידישער רענעסאנס אין ווייטן מעקסיקא. ערשטנס האב איך נישט געוווסט אז מען מוז זיין א קאסמאפאליט צו זיין פאראינטע־רעסירט אין מאמע־לשון (ער גיט דאך אליין צו אז ער האט נישט פיינט זיין מאמען). צווייטנס קען איך אים אנווייזן עטלעכע נענטערע לענדער ווי צום ביישפיל פראנקרייך, פוילן, ישראל א.אז.וו. ווו מען קען אן א קאס מאפאליטישן פאס זיך באטייליקן אין דעם נייעם רענעסאנס.

איך וואלט איך אים געראטן אוועקצוווארפן די חרפה אין א זייט, אראפרוקן דעם דאשעק און זיך שטילערהייט ארייגשמוגלען אויף א יידישער פארזאמלונג, א יידישע אויסשטעלונג, א יידישן קאנצערט, אפילו א מלוה מלכה, אפשר וועט ער איינזען אז זיינע צרות זיינען נישט אין פלאץ. מיר האבן געהאט אזעלכע בעלי עצות דורך דער גאנצער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור און מיר דאנקן פאר דער עצה.

א זעלטענער איינפאל פון א ליטעראטור-ליבהאבער

ווען מיין ערשט בוך איז דערשינען האט עס באקומען א סימפאטישע אפהאנדלונג אין דער פרעסע. בלויז עטלעכע קריטיקער האבן פרובירט מיט אלע זשורנאליסטישע דריידלעך אפצורעדן דעם לייענער. קיין טענות האב איך אייגנטלעך נישט צו זיי, נאר די דאזיקע „מבינים" איז נאך לעת־עתה נישט געלונגען ארויסצוגעבן אפילו בלויז א בראשור איבער דער יידישער ליטעראטור . . .

איר זאלט אבער נישט מיינען, אז א „גוטע פרעסע" איז טאקע א סגולה צו קונים פון א יידיש בוך. יידן ווילן אזעלכעס נישט קויפן, און במילא לייענען זיי שוין נישט קיין קריטיק איבער ביכער. איי, וועט איר דאך פרעגן, למאי שרייבט מען? איז דער תירוץ, אז, ערשטנס, געפינען זיך, ג.אט צו דאנקען, היינט אזויפיל יידישע מחברים, וואס ווען איר שיקט צו יעדן איינעם אייער ניי בוך נעמט נישט לאנג און זיי שיקן אייך צו זייערע אייגענע חבורים ביז איר זאמלט צונויף א גאנצע ביבליאטעק פון די לעצטע אויסגאבעס אין דער יידישער ליטעראטור. און צווייטנס, טאמער איז אייער בוך נישט אזוי איי־איי־איי און מען שיקט אייך בלויז צו אייניקע ביכער, וואס זענען אויך נישט אזוי איי־איי־איי, איז מילא: הלמאי קריכן מענטשן אויף גליטשיקע בערג אדער לויפן אויף געהרגעט צו ווערן אויף אויטאמאביל־געיעגן? מאלע וואס מענטשן טוען? יעדער איינער האט זיך זיין משוגעת . . .

זיץ איך מיר אמאל אזוי און טראכט וויאזוי צו ווערן נישט בלויז א שרייבער פון ביכער, נאר א פארקויפער אויך. פלוצים צעקלינגט זיך ביי מיר דער טעלעפאן. פאלט מיר איין, אז דאס מוז אוודאי זיין דער איינבינדער, וועלכער האלט פאר א משכון א העלפט פון מיינע ביכער. טא וואס האב איך עס מורא פאר אים? איך קען אים דאך זאגן, אז . . . איך בין נישטא אין דער היים. נאר ווי דערשטויגט בין איך עס געווארן צו דערהערן א פריילעכע

שטימע א פרעג טוּן.

— זענט איר דאָס דער מחבר פונם בוך „דער מענטש וואָס לאַכט״?

— יאָ, יאָ — זאָג איך אַביסל צעטומלט, נישט זייענדיק זיכער וואָס דער ייד וויל: צי ער איז עס אויס מיך צו באַגריסן, צי גאָר מיך מאַכן מיט דער בלאָטע צוגלייך.

— אויב אַזוי — זאָגט ווייטער דער ייד — אפשר קענט איר אַזוי גוט זיין און מיר ברענגען אין געשעפט אריין אייער בוך, און פון דאָרט וועלן מיר פאָרן אַהיים צו מיר אויף וויעטשערע. ביי דער געלעגנהייט וועל איך אייך שוין ווייזן מיין ביבליאָטעק, מיט וועלכער איך שטאָלציר.

דער ייד, א דראָבנע, מיטל־יאָריק מענטשל, מיט לייכטע באַוועגונגען, א הויכן שטערן און אויגן, וואָס דרינגען אייך אין אייער נשמה אריין, וואוינט אין א פּרעכטיק הויז, אָבער קיין סימן פון א בוך האָט איך דאָרט נישט געפונען! זיין פרוי איז פּונקט דער היפּוך פון אים: באַוועגט זיך לאַנגזאַם און מאַכט באַקאַנטשאַפט נאָך לאַנגזאַמער.

ביים עסן גיב איך דעם ייד א פרעג.

— וואו איז אייער ביבליאָטעק?

בעמען זיך ביי אים שטעלן אַלערליי קאָלירן אויפן פּנים, און ער זאָגט מיר בלויז איין וואָרט.

— שפּעטער.

פאַרשטיי איך דאָך שוין, אַז אַזעלכע שמועסן זענען דאָ ביי דעם הויז־געזינט נישט פּאָפּולער . . וווענד איך מיך צו דער דיקלעכער פרוי מיט א קאָמפּלימענט און זאָג איר, אַז זינט איך בין אַוועק פון מיינע עלטערן האָב איך נאָך אַזאַ געשמאַקע, בעטעמטע זופּ מיט מאַנדלען נישט פאַרזוכט . . .

ווי נאָר זיין פרוי איז אריין אין קיך נאָכן עסן, גיט מיר דער ייד א צי ביים אַרבל.

— קומט, — זאָגט ער — וועל איך אייך ווייזן מיין ביבליאָטעק!

אַז מיר זענען שוין ביידע געווען אויף יענער זייט טיר, האָב איך א פרעג געטון דעם ייד.

— איר האָט פאַרגעסן מיר ווייזן אייער ביבליאָטעק?

— חלילה — האָט ער מיר געענטפערט, מיט א ברייטן שמייכל — אָט גייען מיר טאַקע אַהינצו — און ער פירט מיך גלייך אין זיין . . . גאַראַזש אריין.

אריבערגעטרעטן די שוועל פונם גאַראַזש, גיט ער א פאַררוק א סאַמעטענעם פאָרהאַנג אויף איין וואַנט, א סאַמעטענעם פאָרהאַנג אויף א צווייטער וואַנט און עס אַנטפּלעקן זיך פאַר מיינע אויגן פאָליצעס און פאָליצעס פול מיט ביכער: יידישע, ענגלישע, רוסישע און העברעאישע. דער ייד האָט געלויכטן ווי די שכינה וואָלט אויף די פאָליצעס גערוט! ער האָט צעשפּרייט די הענט ווי א פויגל, וועלכער איז נאָר וואָס פון א שטייג אַרויסגעפלויגן, און אונטערשפּרינגענדיק פון באַגייסטערונג אויסגעשריגן.

— אט האט איר מיין ביבליאטעק !!

א ווײַלע בין איך געבליבן שטיין אן לשון. באמערקנדיק מיין פארלעגנ־הייט, האט זיך דער ייד געוואנדן צו מיר.

— איך זע, אז איר זענט אביסל מבולבל, — האט ער געזאגט, — וויל איך אײַך אלץ דערציילן פון אנהויב אן, אויב איר האט צייט און געדולד עס אויסצוהערן.

און אט איז וואס ער האט מיר דעציילט :

„פון מיין פריער יוגנט אן בין איך געווען ניט בלויז א לייענער, נאר אויך א זאמלער פון ביכער. א שטוב אן א בוך האט ביי מיר אויסגעזעען האלב ליידיק.

„צו מיין חתונה האב איך שוין פארמאגט א גאנץ שיין ביבליאטעקל אין עטלעכע שפראכן. מיין ווײַב, זאל לעבן, האט באזעסן אלע נויטיקע מדות, וואס א פרוי דארף האבן אחוץ די מדה צו זאמלען ביכער. קיין גרויסער חסרון צו שלום־בית וואלט דאס מסתמא נישט געווען, ווען זי פארנעמט זיך בלויז מיט אירע ענינים און לאזט מיך זיך פארנעמען מיט מײַנע . . . איז עס אבער נישט געווען אזוי. נאר זי האט כסדר געצילט קעגן מײַנע ביכער מיט א רעכענונג, סיסטעמאטיש. איין סיסטעם האט זי געהאט וויאזוי פטור צו ווערן פון בראשירטע ביכער און א צווייט סיסטעם פון געבונדענע . . .

„איך קום אמאל אהיים און טרעף מײַנע צוויי קינדערלעך זיצן אויפן טעפיך און פליקן לעבעדיקע שטיקער פון דאסטאיעווסקיס בראשירטן „אידי־אט״. א צווייט מאל האבן זיי זיך גענומען צו טשעכאווס „אנקל וואניא״ און געווארפן איינס דעם אנדערן גאנצע זשמעניעס אויסגעריסענע בלעטער. קייקלענדיק זיך דערביי פאר געלעכטער. פרעג איך מיין פרוי.

„וויאזוי האבן די פיצלעך קינדער געקענט דערגרייכן צו די פאלי־צעס ? בארואיקט זי מיך, אז זי האט טאקע נישט געלאזט קריכן אויף די בענקלעך, טאמער פאלן זיי, חלילה, אראפ. נאר זי האט אליין זיי עס אראפ־דערלאנגט דאס בראשירטע בוך, כדי זיי זאלן זיך שפילן און זיין שטיל.

„דאס איז געווען מיט יארן צוריק. די דעמאלטדיקע צוויי יאטלעך זענען שוין הײַנט דערוואקסענע בחורים, וואס פארשטייען אליין דעם אמתן ווערט פון א בוך, נאר מיין פרוי איז אלץ געבליבן ביי אירס . . .

„פארגעס איך אמאל אוועקצונעמען א בוך פון טיש, מעג איך שוין זאגן „רבנן־קדיש״ דערנאך !

„מיט געבונדענע ביכער באגייט זי זיך נישט אזוי ברוטאל. מאכט זיך אמאל, אז מען דארף אונטערשפארן א פענסטער אין קיך, כדי די פארע זאל ארויס פון הויז, לייגט זי אונטער דעם „גבור אין קייטן״ מיטן רוקן ארויף . . . אונטער א הינקענדיק בענקל שטופט זי ארונטער „פישקען דעם קרומען״. מאכט זי קעז פון זויערמילך, לייגט זי ארויף פון אויבן „טביהן דעם מילכיקן״.

„אמאל טרעף איך מיין ווײַב אין דער היים ארומלויפן מיט „מאטל פייסי דעם חזנס״ אין דער האנט און קלאפן מיט „אים״ אויפן טיש, אויף די בענק־

לעד, אויף דער פאדלאגע און ווידער אויפן טיש און ווידער אויף די בענקלעך, כאפ איך זי אן פאר דער האנט און פרעג,

„וואס קלאפסטו עפעס איינמיטן זומער הושענות מיט „מאטלען״?

„גיט זי א זאג מיט כעס,

„ווען איך וואלט געפאקט די זשומענדיקע פליג אויף דיין אנגעשטאפטן קאפ מיט ביכער, וואלסטו שוין אזעלכע קלאץ־קשיות מיך נישט געפרעגט!

„א צווייט מאל טרעף איך ביי דער האלב אפענער טיר, וואס פירט אין גארטן אריין, מיין אכט הונדערט־זייטיקן באנד „אננא קארעינינא״ און אויך אן איינגעבונדענעם יארגאנג „קונדס״ אויסגעווייקט פון רעגן אנגעשפארט ווי צוויי שומרים, אז די טיר זאל זיך נישט צומאכן . . . מיין ווייב האט ליב פרישע לופט!

„איי, אנשטאט פרישער לופט האט דאך ארייגעשמיצט א זומערדיקער רעגן, זאגט מיין ווייב, אז א מענטש קען נישט זיין אומעטום. איר כוונה, זאגט זי, איז געווען א גוטע . . . הכלל, פון די „שטיקלעך״, וואס זי האט מיר אנגעטון מיט מיינע ביכער, האב איך איר געגלויבט, אז איר כוונה איז טאקע יא געווען א גוטע . . . ווען זי האט א ברעקל רחמנות אויף „אננא קארענינא״ וואלט זי זי דען געלאזט ווערן אזוי אויסגעווייקט? ס׳פעלן דען צעבראכענע בענקלעך, קלעצלעך, פרעס־אייזנס אונטערצושפארן א טיר?

„נו, וואס זאל איך לאנג דא בריען, איך האב איינגעזען, אז אויב איך וועל נישט געפינען קיין זיכער ארט מחוץ לבית פאר מיין ביבליאטעק, וועט ווערן א סוף אדער צו מיין פאמיליען לעבן אדער צו מיין ביבליאטעק. ס׳איז מיר געווען שווער זיך צו שיידן מיט ביידע . . . בין איך געפאלן אויף דער המצאה צו מאכן מיין ביבליאטעק דא אין גאראזש. דא האב איך ענדלעך געפונען א מקום־מנוחה פאר מיר און מיינע ביכער. ס׳איז פשוט א פארגעניגן צו זען ווי מיין הינטל לויפט גלייך צו צו די ביכער־פאליצעס ווי נאר איך עפן די טיר צום גאראזש. ער ווארט ביז איך נעם א בוך אין האנט, דרייט מיטן עק און טאנצט מיר אנטקעגן, און ווי נאר איך עפן א טיר פון אויטא, שפרינגט ער אריין, לייגט זיך אוועק געהארכזאם און קוקט זיך מיר צו ווי איך בלעטער דאס בוך. אין זיין צופרידענעם ברומען פיל איך, אז ער שעפט נחת פון זיין בעל־הבית און טיילט זיך מיט מיין מנוחה״.

לאנג איז מיר אט דער דאזיקער ייד, מיט זיין ווייב און פיל צימערן נישט ארויס פון זכרון. וויפל נאך אזוינע יידן געפינען זיך היינט ביי אונז?